STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00328

SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Seymour & Sylvia Lebenger
in honor of
their devoted parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. VI

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

זעקסטער באנד

(פּראָזאַ)

ארויסגעגעבען פון

די אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק פערלאג קאָמפּ.

ניו־יאָרק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאַלטס־פערצייכניס

רייזע־בילדער.

וואַנדערען (במקום הקדמה)	7
ערשטער קאפיטעל	13
צווייטער "	21
דריטער "	26
פיערטער "	32
פינפטער "	39
זעקסטער "	45
זיעבטער "	49
אכטער "	53
ניינטער "	61
צעהנטער "	68
עלפטער "	76
צוועלפטער "	82
דרייצעהנטער "	89
פיערצעהנטער "	96
פופצעהנטער "	107
זעכצעהנטער "	112
זיעבצעהנטער "	123
אכטצעהנטער "	130
נײנצעהנטער "	135
צוואנציגסטער "	148

איין־און צוואנציגסטער קאפיטעל	161
צוויי־און צוואנציגסטער "	169
דריי־און צוואנציגסטער "	177
פיער־און צוואנציגסטער "	189
פינף־און צוואנציגסטער "	197
זעקס־און צוואנציגסטער "	207
זיעבען־און צוואנציגסטער "	219
אכט־און צוואנציגסטער "	226
לאת ראזען	233
א מעת לעת אין בודאפעסט	240
ווי איירָאפּאַ זעהט אונז	249

אמעריקא.

אמעריקא'ס נאַציאָנאַלער יו"ט	257
די ווייסע שדים	262
דער יקרות אויף פאפיער	268
שמויסען	273
פערגוואַלטיגט	280
אונזערע מכשפים	287
„צירולניק" אדער „דאקטאר"	293
די יו"ט וואָך	299
דער נייער סדר	312
ערב פסח	321
דריי דורות	327
די גהעטא און די קעטסקילס	332
אין „טייפעל'ס קיך"	339
דעם שטעקענ'ס יו"ט	347

רייזע בילדער

געדאנקען און פאסירונגען

אויף ים און יבשה

וואַנדערען

די געפיהלען פון „זייט־געזונד“.

(אַנשטאַט א פאָררעדע).

קיינמאָל איז אונז די היים ניט אזוי איינגעבאקען אין האר־צען, ווי אין דעם מאָמענט, וואָס מיר דארפען זי פער־לאָזען.

דאָס, וואָס מיר ליעבען, ווערט אונז דאן דאָפּעלט ליעב און דאָס, וואָס פלעגט אונז וועניג קימערען, ווערט אונז פּלוצ־לונג וויכטיג. מיר דערזעהען זאכען, וואָס מיר פלעגען גאָר ניט אָנקוקען, און עס ווערט אונז עפּעס א שאָד זיך מיט זיי צו גע־זעגענען. אפילו אונזערע שונאים ווערען אינטערעסאנטער און מיר גיעבען וועגען זיי א מאָדנעם קלער...

אונזערע פריינד פאנגען אונז שוין אָן צו פעהלען באלד ביים פּעקלען זיך. דער געראנק, אז מיר פאָהרען אוועק, מאכט אונז שוין עלענד. דאָס בייגקען כאפּט זיך אריין בעצייטענס מיט א נאָגעניש אין דער נשמה און מיר דערפיהלען דעם וועה פון נע ונד'קייט, דעם יאָמער פון וואָגלען.

דער פרעמדער וועג האָט אין זיך עטוואָס געהיימניספּאָלעס. דאָס ווייטע, דאָס אומבעקאַנטע לאָקט אונז אָן און שטויסט אונז אָב, אָבער די ליעבע היים דריקט אונז צו זיך מיט א פייער פון איניגסטער איבערגעבענהייט און לאָזט זיך ניט שיידען.

איינער פון די ריהרענדסטע בילדער אין דער וועלט איז ווען א פּאַסאַזשיר־שיף, אויסגעריכט פאר א ווייטען לאַנד, פערלאָזט דעם האפען; איהר לאַנגזאַמעס, אָבער זיכערעס אוועקריהרען זיך פון ברעג איבערלאָזענדיג פריינד און געליעבטע אין אומעט און אומער ביים שטילען, מעלאַנכאָלישען זוים פון וואַסער.

די שטומע פּאַטשיילקע רעדט אַזוי פיעל ווען מען פּאָכט מיט איהר דעם לעצטען „זייט־געזונד" און די געבליעבענע און די אָבגערייזטע קוקען אָן איינע די אַנדערע מיט טריבע בליקען.

די פלאַטערענדע פּאַטשיילקע איז דאַן ווי א פלאַג אויף א שלאַכטפעלד. זי וועהט מיט האָפנונג און יאוש און מען ווייס ניט אויב אין איהרע פאַלטען ליעגט זיעג אָדער אונטערגאַנג.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער, וואָס עס בעפאַלט מיך אַזאַ טיעפער שמערץ, ווען איך דיינק, אַז א שיף וועט באַלד פערלאָזען מיין היימאַט אום מיך צו פיהרען אין א ווייטע, פרעמדע מדינה.

איך בין א איד, דאָס וואַנדערן ליעגט מיר אין די ביינער, דער געפיהל פון וואָגלעניש איז געמישט מיט מיין מארך, איך האָב דאָס איינגעזויגען מיט מיין מוטער'ס מילך און דאָך שרעק איך זיך דערפאַר.

„אימיגראַציע" איז דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט אין אונזער מאַמע־לשון. „וואו געהט א איד?" „שלום עליכם א אידען!"

זיינען די אידישסטע פראזען פון אונזער שפראך; דער שענסטער טאנץ אויף אידישע חתונות איז דער „געזעגען־טאנץ“ און דער שענסטער ליעד — „דער געזעגען־ליעד“, דאך ווארפט מיין שיפס־קארטע אויף מיר אזא אונערקלערליכען שוידער, איך וואלט בעסער געבליעבען אין דער היים.

עס וואלט אפשר אנדערש געווען, ווען איך זאל פאהרען אויף א לוסט־רייזע און די שיף, וואס דארף מיך אריבערפיהרען דעם אטלאנטישען אקעאן, וואלט מיך געפיהרט צו פרייד און גענוס אין דער לוסטיגער פאריז, אדער אנדערע פלעזשור־פלעצער פון אלט איירָאפא. אבער איך פאהר זוכען געזונד, א זאך וואס איז שווער צו געפינען.

מיינע פריינד ווינשען מיר דאס בעסטע.

„פאהר געזונד“! קלינגט זייער ווארעמע ברכה אזוי מחיה־דיג זיס. זייער הארצענס־וואונש איז מיר „צידה לדרך“, גייס־טיגע שפייז, וואס די זעע־קראנקהייט וועט ביי מיר ניט צו־נעהמען...

„פאהר געזונד!“ חזר׳ט איבער דער ווינד און איך הער, דאכט זיך, אויך די קללה פון די שונאים, וואס ווינשען מיר איך זאל דערטרונקען ווערען און איך האב אויף זיי קיין פאר־איבעל ניט, דאס זיינען היימישע שונאים. מען דארף זיין גאנץ לאנג אויף אן ארט און געווינען די ליעבע און די פריינדשאפט פון הונדערטע טויזענדע, אום צו האבען טויט־פיינד, און איך מעג זאגען מיט שטאלץ, אז איך האב זיי...

אלס גאסט, אלס פרעמדען קען מען אייך ניט פיעל ליעבען און ניט שטארק האסען, אין דער פרעמד איז מען גלייכגילטיג

צו אייך, דאָס איז נאָר די ליעבע היים, וואו מען קען אייך אזוי גוט, וואָס האָט פאר אייך אמת'ע ליעבע און אמת'ן האס, און ביידע עגאַל מאַכען אייך שווער דאָס שיידען זיך. אייערע פריינד און געליעבטע זשאַלעוועט איהר צו פערלאָזען און אייער שונא וואָלט איהר ניט וועלען אָפּטרעטען דעם וועג. איהר ווילט ער זאָל אייך האסען, ווייל ליעבען קען ער אייך ניט און איהר האָט מורא ער זאָל חלילה, ווען איהר וועט איהם ארויס פון די אויגען, ניט ווערען גלייכגילטיג צו אייך, אָדער גאָר אייער פריינד; אז ער זאָל זיך ניט נעהמען דערמאָהנען, דאָס איהר זייט געווען זעהר אן אָרענטליכען מענש און זאָל ניט אָנהויבען חרטה צו האָבען אויף זיין לומפּעריי און נאָך ווערען אייער בעסטער גליק־ווינשער... דען בערעכענט ווי שווער דאָס וועט איהם זיין צו ווע־רען וויעדער אייער דם שונא ווען איהר זאָלט זיך אומקעהרען צוריק אהיים...

דאָך, וואָס העלפט עס? איך מוז פאָהרען, און דאָס איז דאָס עלפטע מאָל וואָס איך וועל קרייצען דעם ים. דאָס איז מיין עלפסטע נסיעה און די אומעדיגסטע פון אלע. דאָס עלפטע מאָל, וואָס איך פאָהר זוכען זאכען דער אונמעגליכקייט.

איך בין געפאָהרען דאָס ערשטע מאָל זוכען גליק אין האָ־לאנד און פון דאָרט נאָך אמעריקא און האָב דאָס ניט געפונען און בין געפאָהרען אומזיסט צוריק זוכען מנוחה אין מיין שטיפ־טאטע־לאנד. מיט א וועהטאָג אין הארצען בין איך דאן אָבגע־רייזט נאָך ענגלאנד און האָב זיך אומגעקעהרט אן אָבגענאַרטער צוריק אהיים א צווייטען מאָל אום מיט מעהר יאוש זי וויעדער אויף ענגלאנד צו פערבייטען.

מיער און מאט פון ענגלאנד'ס עלענד האב איך ענדליך אויסגעטווישט ענגלאנד אויף ניו יארק, וועלכע איך פערלאז יעצט זיים דאמאלס א צווייטען מאל. נאך ניט גענוג, וואס איך האב ביז איצט קיין גליק ניט געפונען, האב איך נאך מיין געזונד פערלארען.

וועל איך דאס געפינען אין בעהמען? וועל איך זיך אומקעהרען געזינדער ווי איך פאהר אוועק? איך ווייס ניט!

איך ווייס נאר, אז מיינע פריינד ווינשען דאס מיר, און האבען מיר געגעבען א מעגליכקייט אויף דעם צו האפען, און טאקע נאר מיינע פריינד זשאלעווע איך יעצט צו פערלאזען, אבער ניט די מדינה, ניט מיין נייע היים.

זייענדיג די מוטער פון כל טוב, טראגט יעצט אמעריקא א פולען שוים פון הונגער־מתים. זייענדיג די שפייזערין פון דער וועלט, שטארבען איהרע אייגענע קינדער אין עלענד און פערצווייפלונג. דער דור פון איהרע צוקינפטיגע בירגער געהט פערשמאכט אין די פאלקס־שולען און פאלט אוועק פער'חלש'ט אויף איהר פאטריאטישען לעהר־בוך...

איך האב ליעב אמעריקא און האב פיינד איהר יעצטיגע ארדנונג און מיר טהוט זעהר וועה דאס הארץ, וואס איך לאז איהר איבער אין אזא אונדערבארמדיגע נויט. מיין ווארעמסטער וואונש איז דערפאר, דאס אויב איך זאל זאגאר קומען א קראנקער צוריק, זאל איך כאטש געפינען דאס לאנד געזונד און די קרעכצענדע מאסען ערהאלט פון זייער שווערער עקאנאמישער ניעדערלאגע. די לאנגע געדיכטע „שורה פון בעטעל־ברויט" זאל זיך פערוואנדלען אין געדיכטע רייהען פון ארבייטענדע ארבייטער, מיט דעם הערליכען שיין פון פאליטישען נצחון אויף

זייערע געזיכטער, דאָס זיי האָבען געזיעגט ביי די וואהלען איין פערשעמט זייערע שונאים.

אזוי דריק איך היים און נשמה'דיג די ווארעמע הענד פון מיינע פריינד און דריק אין זיי אריין די טרער פון אבשיעד און די האָפנונג פון „ווידערזעהן".

ערשטער קאפיטעל

אין האפען פון דער קונארד ליניע, דאס געזעגנען, א זונענ־אונטערגאנג אויפ'ן ים, איבערגעיאגט דעם טראסט.

I

דעם ערשטען יולי 1908 פונקט צעהן א זייגער אין דער פריה, האב איך מיט דעם גרויסען פאסאזשיר־דאמפפער „קאמ־פאניא", פון דער קונארד ליניע, פערלאזען ניו יארק. מיין טרוים אוועקצופאהרען פון אמעריקא, איז ענדליך געווארען א פאקט, און איך האב אנגעהויבען וואגלען. כאטש די צייט און דער ארט פון מיין אברייזען זיינען געווען געמאלדען אין די בלעטער, דאך זיינען, אויסער מיין פרוי און קינדער, געקומען בלויז אייניגע פריינד זיך מיט מיר געזעגענען, אייניגע פריינד, פון מיין גאנצע ריעזיגע בעקאנטשאפט. איך האב ערשט דאן פערשטאנען, אז מען קען האבען טויזענדע בעקאנטע און פער־עהרער, און פון זיי אלע נאר אייניגע פריינד.

די רייזע האט, ווי געזאגט, אנגעפאנגען זייגער צעהן, די פאסאזשירען אבער זיינען געקומען זייגער נאין, איך איינער נאר בין ערשיענען אויפ'ן „דאק" זייגער זיעבען. עס ליעגט שוין

אין מיין נאטור צו זיין שטענדיג אויפ'ן ריכטיגען אָרט פון די ערשטע, און האָב דאָס מאָל קיין אויסנאהם ניט געמאכט.

דער ריעזיגער „דאק" איז נאָך געלעגען שטיל און פער־חלומ'ט, מען האָט זיך עפּעס גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז אין א פאָר שעה ארום זאָל דאָס זיין דער לעבעדיגסטער, קאָ־כעדיגסטער פונקט אין דער גרויסער וועלט־שטאָדט; אז דאָרט זאָלען זיך אָבשפּיעלען די ריהרענדסטע סצענעס, די אונפער־געסליכסטע בילדער. דערווייל איז אָבער געווען שא, דער שיפס־הויף איז געווען פערשטעלט מיט טויזענדער קאסטענס, קופערטס און טשעמאָדאנעס געצייכענט און גרייט אָבגעפיהרט צו ווערען אויף זייערע ריכטיגע ערטער. איך בין ארומגעגאנגען איינער אליין צווישען דעם שטומען באגאזש און האָב געלייענט די נע־מען פון די פּערזאָנען, צו וועמען דאָס בעלאנגט, ניט פערשטע־הענדיג פארוואָס איך טהו דאָס. וואָס קען מען אייגענטליך וויסען פון אן אָנגעשריעבענעם נאָמען אויף א קופערט? איך בין געווען זיכער, דאָס ווען איך וואָלט אפילו געזעהן די אייגענ־טימער גופא וואָלטען זיי מיר אויך געבליעבען אזוי פרעמד ווי זייער געפעק, איך וואָלט ניט געוואוסט וואָס אין זיי ליעגט...

געהענדיג צווישען דעם דאָזיגען תהום פון קאסטענס און וואליסען פון כל המינים איז מיר פלוצלונג איינגעפאלען א גע־דאנק, אז די פאסאזשירען אליין זיינען אויך ניט מעהר ווי באַ־גאזש, לעבעדיגער באגאזש, וואָס ווערט געפיהרט פון איין אָרט אין אנדערען. יאָ, מיר זיינען לעבענס־באגאזש און אונזער „בעגעדזש־מאסטער" איז דער שיקזאל, וועלכער צייכענט אָן וואו מען זאָל אונז פיהרען... מיר זיינען דאכט זיך, אין פלוג אנדערש ווי אונזערע שטומע טשעמאָדאנעס, וואָס קענען זיך אליין ניט

בעוועגען, אין אמת'ען אָבער זיינען מיר פערזיגעלטע פקלאַך אין די אומגעלומפּערטע הענד פון צופאַל.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער פערשלאָפענער האַ־פען איז פלוצלונג געוואָרען א מענשעשער מוראזשניק. עס האָט געקישעט און געראַיעט מיט מענער, פרויען און קינדער. די אָבפּאָהרער און זייערע בעגלייטער האָבען פערנומען דעם גאַנ־צען, גרויסען שטח. דער שטומער פּלאַץ האָט גערוישט פון מענשליכע שטימען. מען האָט גערעדט ערנסט, ליעב און וואַרם מען האָט זיך געקושט, געדריקט הענד, צוגעוואונשען און צוגע־שוואָרען צו שרייבען בריעף... ביסלאַכווייז זיינען די בעגלייטער געבליעבען אויפ'ן „פּיער" און די רייזענדע האָבען בעשטיגען דעם דאַמפּפער.

דער לעצטער סיגנאַל איז געגעבען געוואָרען, מען האָט צור־גענומען די בריקען פון שיף און דער ריהרענדסטער מאָמענט, דער מאָמענט פון צושיידען איז געקומען. לאַנגזאַם אָבער זיכער האָט דער אייזערנער לויתן אָנגעהויבען אוועקשווימען פון ברעג. טראָגענדיג אין זיין בויך די טויטע באַגאַזש און די בעוועגליכע...

לאַנג האָבען געפלאַטערט די ווייסע פּאַטשיילקעס אין דער לופטען, לאַנג האָבען מיינע טרערען־פולע בליקען ארומגעבלאָנ־דזשעט צווישען די געדיכטע מענשען־מאַסע, זוכענדיג דאָרט די געזיכטער פון מיינע פריינד און געליעבטע, אָבער די „קאַמפּאַ־ניא" איז אַלץ ווייטער אוועק פון ברעג און די מעטראָפּאָליע פון דער „נייער וועלט" מיט איהר גאַנצע צוקלונגענע גרויסקייט און באַכמאַטנעקייט, האָט אויסגעזעהן בלויז ווי א שפּילקע־קעפּעל... שנעל האָט זיך דער מענש מיט זיין אויפּטהו פערלאָרען פון אונזער אויג און מיר האָבען אַלץ מעהר און מעהר אריינגעצויגען

אין גאָט'ס ערשטע דירה — די טיעפענים פון די שטאַרקע וואַסערען.

די גאַנצע צייט, וואָס דער אַמעריקאַנער פּילאָט האָט גע־פיהרט די שיף אויפ'ן „פּאַר־וואַסער" האָט אויף איהר געפּלאַ־טערט די פלאַג פון שטערען און שטרייפען, קוים אָבער איז ער אַראָב, האָט מען האַסטיג אַרונטערגעלאָזט די פאָהן פון אַמע־ריקא און אַרויפגעצויגען די פאָהן פון ענגלאַנד. מיט שטאָלץ האָבען איהר די ענגלישע מאַטראָזען אַרויפגעצויגען און דער בריטישער „ליינער" האָט מיט דאָפּעלטער פוריע גענומען שניי־דען די פלוטען...

דאָ און דאָרט האָבען מיר נאָך בעגעגענט קלענערע און גרעסערע פישער־שיפלאַך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פליעגען אויף א שפּיגעל. פון ווייטען האָט זיך אומגעוויעגט ווי א חלום א זעגעל־שיף. דאָס וואַסער איז געווען ווי אָנגעגאָסענע זיל־בער, גלאַט און גלאַנציג, און די „קאָמפּאַניא" האָט זיך שטיל און גוטמוטהיג געגליצט אויף די רוהיגע, דראָבנע, פאַנטאַסטישע וועלען. אום צוויי אוהר זיינען מיר פאַרבייגעפאָהרען „סענדי הוק" און אַרום פיער, פינף זיינען מיר אַרויף אויף די „הויכע וואַ־סערס", אויפ'ן ריכטיגען ים.

מיר האָבען אָבער קיין אונטערשיעד ניט געפיהלט, די שיף איז געגאַנגען אַזוי גלייך ווי א קאָמעדיאַנט מיט א גלאָז וואַ־סער אויפ'ן קאָפּ. זי האָט זיך קיין בויג ניט געטאָן אָן א זייט. די, וואָס זיינען געפאָהרען דעם ערשטען מאָל אויפ'ן אָקעאַן, האָ־בען גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז ער איז א שעלכטער... זיי האָ־בען גאָר ניט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי זעע־קראַנק־

הייט. אן אלטע פרומע דאמע, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין באָסטאָן און איז געפאָהרען דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען אויפ׳ן ים, האָט מיר געזאָגט, דאָס ווען די שרעקליכקייט פון א ים־רייזע וואָלט ניט געווען בעשריעבען אין תהלים וואָלט זי דאָס גאָר ניט געגלויבט. איך אָבער, וואָס האָב שוין מיטגעמאכט אזוי פיעל אונבעשרייבליכע שטורמס אויפ׳ן ים פונקט ווי אין לעבען און וואָס האָב שוין פיעל מאָל ודוי אָבגעזאָגט, גלויבענ־דיג, אז דער ים איז מיין קבר — איך בין געווען צופריעדען מיט דעם עולם׳ס טעות און האָב געבעטען גאָט די אלטע, פרומע גויה זאָל זיך ניט איבערצייגען אין דעם אמת פון תהלים און זאָל בעסער האלטען דוד המלך פאר א שטיקעל בעל מגזם. איך האָב גאנץ איינפאך ניט געוואָלט אוועקגעבען פאסיידאָן, דעם ים־גאָט, אומזיסט דאָס ביסעל „ענגלישע טהעע“, וואָס איך האָב געטרונקען צו מיטאָג. איך האָב אויסגערעכענט אז די נסיעה קאָסט מיר צעהן דאָלאר א טאָג און א גלעזעל „אינגליש ברעק־פעסט טי“ מאכט מיר אויס אונגעפעהר פיער דאָלאר מיט א פערטיל און דערצו נאָך די מיה פון דעם אָבגעבען דאָס צוריק... דער כלל, איך האָב ניט געוואָלט קיין שטורם, וסענדיג אפילו אז דאָ שטעהט אין קאָן די גאנצע עהרע פון די ביבעל...

אום זעקס אוהר פארנאכט האָט זיך דאָס וועטער געביטען, עס איז געוואָרען א נעבעל. אלץ, וואָס מען האָט געזעהן, איז געווען די שיף און א שמאָלען פאס וואסער ארום איהר, ווייטער איז די פינסטערנים געווען ממש אָנצוטאפען. עס האָט זיך אָנ־געפאנגען א סדרה פון סיגנאלען און די פאסאזשירען האָבען זיך אביסעל פערטראכט. לאנג אָבער האָט דער נעבעל ניט געדוי־ערט. עס האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט און מיר האָבען

געהאט די געלעגענהייט צו זעהן א זונען־אונטערגאנג אויף א שטילען טרוימערישען ים אין א גינגאָלדענעם יולי־אבענד.

פּרעכטיג איז דער אונטערגאנג פון דער זונן אויף די „אלי־גייני־בערג", אויף די „קעטסקילס", אויף די „אדיראָנדייקס", וואו גאָט ווארפט אריין זיין פייערדיגע פּילקע אין דעם לאבירינט פון א בארג־וואלד און ער קען איהר ערשט קוים געפינען אויף מאָרגען אין דער פריה... יא, שען איז דער פערגעהן פון טאָג הינטער די ברייטע פּלייצעס פון די ריעזען־בערג, דאָך א זונען־אונטערגאנג אויפ'ן ים איז וואונדערליך און ערהאבען. מען דארף ניט זיין קיין פּאָעט און קיין מאהלער זיך דערפון צו בע־גייסטערען; מען דארף אויך קיין פינגער וואָס זאָל אָנווייזען אויף דער מאיעסטעטישער גרויסארטיגקייט פון דער דאָזיגער סצענע. אלע פּאסאזשירען זיינען געשטאנען מיט'ן פּנים צו מערב און געקוקט מיט א זיסען שמערץ אויף די זינקענדע ליכט. דער פייערדיגער האָריזאָנט האָט זיך צוזאמענגעגאָסען מיט דעם פּערטראבטען, ווייטען אָקעאן. דער הימעל איז געווען טיעף־בלוי און וואָלקען־לעער ווי דער ים.

אונטען האָט זיך געגליטשט די שיף און אויבען האָט זיך געטוקט דער ברענענדיגער טעלער, פון וועלכען די וועלט האָט ארויסגעגעסען די שאַין. דאָס איז געווען ים און ים, שיף און זונן, עס זיינען אָבער נאָר געבליבען צוויי ימים און די „קאמ־פּאניא", די גרויסע ליכט איז אריינגעפאלען אין וואסער און האָט זיך דערטרונקען... א דונקעלער טול האָט זיך שנעל אויס־געוועבט איבער דעם גליהענדען פלעק פון דער גרויסער, שטראה־לענדער קאטאסטראָפע, עס האָט אָנגעהויבען צו דונקעלען.

— **זעה! די זונן איז אריינגעפאלען אין טייך! האָט אויס־**

געשריען א קליינע, גאָלד־געלאָקטע מיידעלע צו איהר מוטער.

— ניין, זי האָט גענומען א באָד, האָט איהר געענטפערט א חן'עווודיגער ברודעריל.

— זי איז אונטערגעגאנגען, האָט ערקלערט די יונגע מוטער אין ענגלאנד'ס ענגליש.

יא, זי איז אונטערגעגאנגען און איידער עס איז געוואָרען גוט פינסטער האָבען מיר בעמערקט אין דער ווייטסטער ווייט־קייט דעם שאטען פון א שיף. זי איז געקראָכען פאזע דעם אבענד־הימעל ווי אן אונגעוועהנליך גרויסער שפין און איהר לאנגער פאנטאסטיש־דינער רויך האָט זיך געצויגען אין דער לופטען ווי א שפינ־וועבס. מיר האָבען עס קוים, קוים בעמערקט.

אָט די דאָזיגע שיף איז געוועזן די „אָושעאניק" פון דער „ווייט סטאר ליין". זי האָט פערלאָזען ניו יאָרק מיט א שעה פריהער ווי די „קאמפאניא", וועלכע האָט איהר געזוכט איבערצו־יאָגען. ערשט אויף מאָרגען האָב איך זיך דערוואוסט, אז עס געהט פשוט אָן א וועט צווישען די צוויי שיפען ,אז די „אָושעא־ניק" איז אן אמעריקאנער פאָסט־דאמפפער און בעלאנגט צום טראָסט און אז זי בריה'ט זיך אומזיסט צו לויפען ווי משוגע, דען זי וועט סיי ווי סיי ניט קענען מיטהאלטען מיט דעם ענגלי־שען „ליינער" און דער סוף איז טאקע אזוי געוועזן. אויפ'ן פערטען טאָג אין אבענד איז דעם טראָסט'ס שיף געבליעבען א סך פון הינטען, מיר האָבען איהר איבערגעיאָגט.

— די „אָושעאניק" איז א פיינער דאמפפער, האָט בע־מערקט איינער פון די שיפס־בעאמטע, א פערקאָכטער ענגלענ־דער, אָבער ווי קומט ער צו אונזערע ענגלישע שיפען ? איהר האָט געהערט אין דער צייט פון דעם נעבעל ווי אונזער שיף

האָט געביטען סיגנאַלען מיט דער אָושעאַניק? — האָט דער אָפיציער פאַרטגעזעצט — מיר האָבען אויך ערהאַלטען פון איהר־דראַטלאָזע טעלעגראַמען, אין וועלכע זי האָט אונז געמעלדעט וואו זי געפינט זיך, מיינט אָבער ניט, אז מיר האָבען איהר גע־גלויבט, מיר זיינען געווען זיכער אז זי נאַרט אונז אין עטליכע מייל, כדי מיר זאָלען איהר ניט זוכען איבערצויאָגען — אָבער אונז ענגלישליים נאַרט מען ניט... דער שיף־טראָסט וועט ענדליך מוזען אונטערגעהן, ער לייגט צו געלד, ווערענד אונזער קאָמ־פאַניע שפּאָרט הונדערטע טויזענדע פונטען...

איך האָב בעוואונדערט דעם פּאַטריאָטישען פייער פון דעם יונגען שיפס־מאַן און זיין שטאַרקע בעטאָנונג פון דעם וואָרט ע נ ג ל י ש ־ ל י י ט. איך האָב אפילו געהאט מיין אמעריקאַ־נעם פּאַספּאָרט און בירגער־פּאַפּיערען אין בוזים־קעשענע, דאָך האָב איך זיך מיט „מיין" מדינה ניט געקענט צופיעל בערימען. מיט א קריזיס פון איין זייט און א טראָסט פון דער אנדער זייט האָט מיר אמעריקא געשיינט צו זיין איינע פון די אונגליקליכסטע לענדער אין דער וועלט און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבען אריבערגעיאָגט די פערטראַסטעוועטע שיף, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א פליאַמע אויף די שטילע, פרייע וואַסערען...

צווייטער קאפיטעל

א אויסערגעוועהנליכע חמימה אויף די הויכע וואסערן, דראַטלאָזער שאַכשפּיעל צווישען צוויי שיפען, אַן ענגלענדער שלעפּערט מיך איין.

II

עס איז מורא'דיג הייס, עס פּאַלט פייער פון הימעל. ניטאַ קיין בוים, וואו זיך צו שיצען פון דער ברענענדיגער תמוז־זונן. עס בלאָזט אַ פּאַרנער ווינטעל פּונקט ווי אויפ'ן גרונט ים וואָלט זיך געהייצט אַן אויווען און געקאָכט דאָס וואַסער. עס פּיהלט זיך ווי אריינצושפּרינגען אין דעם טיעפען שוים פון די פּלוטען, אָבער עס איז א מורא מען זאָל זיך דאָרט ניט אָפּבריהען... מענשען געהען אום אָהן רעק, אָהן וועסטען, די קינדער חלש'ן נעבאָך פון היץ, א רחמנות אויף די קליינע עופּה־לאך ביי דער ברוסט. אין דערהיים וואָלטען די מוטערס גע־פּאָלגט דעם דאָקטאָר און צוגעפּאָהרען ערגעץ וואו ביי א טייך... אָדער זיי וואָלטען אויסגעפּאָהרען אויפ'ן האָדסאָן ריווער און דאָ זיינען מיר אויפ'ן מיטען ים, כאָטש ווער פער'שרפה'ט פּאַר חמימה... די ביינקלאך אויפ'ן דעק און דער דעק גופא ברענען ווי פלאם פייער. מען קען זיך ניט זעצען און מען קען ניט

שמעהן. א גוטע, קאלטע שפריץ־באָד וואָלט אונז מחיה געווען. איך וויל אויפשרייבען א פּאָר ווערטער האָב איך זיך ניט וואו אהין צו טאָן. אונטען שטיקט און אויבען איז א העלע. איך מוז ווארטען ביז פארנאכט, ביז עס וועט אפשר אביסעל קיהלער ווערען.

מיר וואָלטען פּראָבירט טרעפען ווי היים דאָס איז יעצט אין ניו יאָרק, ווי די מענשען פּרעגלען זיך דאָרט אויף דער סקאווער־ראָדע פון ליים און אייזען, אָבער מיר פערשפּאָרען צו טרעפען. די שיף גיט ארוים אלע טאָג א צייטונג מיט נייעס צוגעשיקט דורך דעם מארקאָני־גראף און מיר ווייסען וואָס אין ניו יאָרק טהוט זיך, אזוי ווי מיר וואָלטען דאָרט געווען. יא, מיר האָבען יעדען פארמיטאָג א בלאט מיט די נייעסטע און וויכטיגסטע פּאַסירונגען און אפילו מיט די ידיעות פון דער בירזע און איהרע „וואסערדיגע" אקציעס, וואָס קאָכען און שטורמען אָפט א סך מעהר ווי אונזער איצטיגער ים און וואו עס זיינען שוין דער־טרונקען געוואָרען מעהר מענשען און אונטערגעגאנגען מעהר „שיפען" ווי אויפ'ן אטלאנטישען אָקעאן...

דאָס איז דער פערטער יולי. אויף אן אמעריקאנער דאמ־פּפער וואָלט דאָס געטומעלט מיט התפעלות. מען וואָלט אפשר געשאָסען פייערווערק און ראקעטען, עס וואָלט געווען א מין וויעדערקול פון די בעגייסטערטע, כמעט מטושטש'ע צערעמאָ־ניעס פון ניו יאָרק; אָבער דאָס איז אן ענגלישע שיף און דאָס רוב פּאסאזשירען זיינען ענגליש־לייט, בלויז פון שלום בית וועגען האָט מען אין דער ערשטער קלאס צווישען די מיליאָנערען געפּראוועט א מין יום טוב. דעם פערטען יולי איז אמעריקא ערקלערט געוואָרען אלס פריי און אונאבהענגיג פון ענגלאנד.

עס האָט דארום ניט געקענט זיין אויף א שיף פון דער קונארד ליניע קיין צו גרויסע שמחה מיט אזא פייערטאָג.

איינע פון די אינטערעסאנטעסטע פאסירונגען פון מיין רייזע איז געווען דער דראָטלאָזער שאך־שפּיעל, וואָס איז אָנגע־גאנגען אויף די צוויי שיפען „קאמפּאניא“ און „אָושעאניק“. יעדער „גאנג“ איז געמעלדעט געוואָרען דורך א מארקאָני־גראם און די אינטערעסע איז געווען זעהר גרויס, האָט ארויסגערופען פיעל ענטהוזיאזמוס ביי די „פּאַמפּעס“ פון דער ערשטער קא־יוטע און ביי א סך אנדערע רייזענדע. אין דער גאנצער צייט, וואָס דער שאך־טורנאמענט איז געפּראווועט געוואָרען דורך דער לופט, האָט דער ים אויסגעזעהן ווי א ריעזיגע שאך־ברעט, אויף וועלכער מען האָט דאכט זיך געקענט גאנץ געמיטליך רוקען די פיגורען אָהן א שטערונג. עס טרעפט זעהר אָפט ווען די נאטור רופט ארויס דעם מענש צו שפּיעלען א שאך אויפ'ן ים אוןביידע זוכען איינע די אנדערע צו שלאָגען און מאכען מאט. וואונ־דערליכע שאך־פּארטיען זיינען שוין אויף דער דאָזיגער אלטער גרויסער שאך־ברעט געשפּיעלט געוואָרען און ווער דעם פּרייז האָט געוואונען איז נאָך אונבעשטימט, אמאָל איז דאָס דער ים, אמאָל — דער מענש...

מיין רייזע אויף דער „קאמפּאניא“ איז געווען א שטילע און אן אנגענעהמע, שוין צו שטיל. אויף דער גאנצער שיף האָט זיך געפונען אפשר א צעהנדליג אידען, פון וועלכע בלויז פינף זיינען געווען אידישע אידען, אמעריקאניזירטע אפילו, אָבער א ו נ ז ע ר ע, די איבעריגע האָבען זיך ניט געוואָלט ארויסווייזען און זיינען געזעסען אָנגעבלאָזען פאר זיך. זיי האָ־בען בשום אופן ניט געצייגט אויב זיי זייענן אידען אָדער מענ־

שען און מיר דאכט אז זיי זיינען ביידע זאכען ניט געווען. אין צווישענדעק אבטהיילונג האָט מען מיר געזאָגט, איז פאַראַן א „כשרה קיך“, מען האָט איהר אָבער ניט געניצט, דען צווישען אלע סטירידזש פאסאזשירען האָט זיך ניט געפונען קיין איינ־ציגער איד.

איך האָב פריהער געזאָגט, אז די רייזע איז שוין געווען צו שטיל. די סיבה דערפון איז געווען די ענגלענדער. אן ענג־ליש־מאן מוזט איהר ארויפטרעטען אויף א היהנער־אויג, איהר זאָלט איהם מאכען ריידען, זאָנסט קענט איהר מיט איהם מאַ־כען א רייזע ארום דער וועלט, זעהן די וואונדערליכסטע און שרעקליכסטע זאכען, ליידען שיפבּרוך, קוים וועט ניט זיין ווער עס זאָל אייך פאַרשטעלען וועט איהר פון איהם קיין וואָרט ניט הערען.

אזוי ווי איך בין אָבער א „פּראָסטער חי וקים“ און האָב פיינד צערעמאָניעס, האָב איך עטליכע ענגלענדער געעפענט די מיילער און זיי האָבען גערעדט, אָבער קיין נייעס האָבען זיי מיר ניט געזאָגט און איך בין אוועק פון זיי ניט נארישער און ניט קליגער ווי ווען איך האָב זיי בעגעגענט. איינער האָט מיר דערצעהלט, אז אידען זיינען זעהר אמביציעז, אז זיי פערשטע־הען ווי צו מאכען געלד... אז ענגלאנד קרימט די נאָז אויף אי־דישע אימיגראנטען און אז ראָטהשילד איז אן עושר... א צוויי־טער האָט מיר ערקלערט, אז די ענגלישע קירכע איז פּראָטעס־טאנטיש, אז דער ענגלישער קעניג שפּיעלט א גוטען פינאקעל, אז ער איז דעם רוסישען קייזער גאָר ניט אזא פריינד ווי ער מאכט זיך, אז די ענגלענדער זיינען ניט אזעלכע מלאכים ווי זיי שיינען צו זיין, אז אין ענגלאנד איז טייער פלייש און ביליג

ארבייט און אז די אידישע מיסיאָנערען האָבען פּרנסה, אָבער זיי זיינען גרויסע לומפּען, וועלכע גלויבען ניט אין דאָס, וואָס זיי פּרעדיגען. א דריטער האָט מיר פערטרויט, אז דער גרעס־טער ענגלישער מאכל איז „פריי־פיש“, די פּאָפּולערסטע פּרוכט — געבאקטע קאַרטאָפּעל און דאָס געשמאקסטע גרינס — חזיר מיט „וואָטערקריסעס“; אז ענגלאנד האָט די בעסטע אקטיאָרען, די שטארקסטע „עהל“ און סטאוט“, און די העכסטע פּאָליסלייט, אז די וויבער שכור'ן דאָרט גלייך מיט די מענער און אז די ענגלישע מיידלאך ווילען חתונה האָבען... מיר דאכט זיך, אז ער האָט געזאָגט נאָך עפּעס, נאָר איך האָב אזוי געשמאק איינ־געשלאָפען, אז איך געדענק ניט וואָס.

דריטער קאַפּיטעל

מוזיק אַ שדכן פון נשמות, רעליגיאָן און מענשען־פערברי־דערונג, דער ים ווערט איבערדריסיג, די קאָמישע פערזאָן פון דאַמפּפער, פינף ניו יאָרקער אידען.

III

דער פינפטער טאָג ווי מיר זיינען אויפ׳ן וואסער. דער וועטער איז בריליאנט. עס וועהט א פרישער, געזאַלצע־נער ים־ווינטעל, דער אָקעאן אטהעמט געזונד און רע־געלמעסיג און זיין קיהלער, קרעפטיגער אטהעם פעכערט און קוויקט און מאכט אונז פיהלען גליקליך. עס איז נאָך פריה, אָבער אלע זיינען שוין אויפ׳ן דעק, אונטען אין „סטירידזש“ שפּיעלט שוין א לוסטיגער דלות אויף אן הארמאָניקע און א כאָפּטע אירלענדער, יונגע חברה־לייט שיסען ארויף וויצען צו אונז אין דער צווייטער קלאס. עטליכע סקאנדינאווישע מייד־לאַך קוקען אויפ׳ן ים און זינגען א זיס־טרויעריגען כאָהר און די מעלאנכאָליע פון זייער געזאנג טראָגט זיך אוועק ווייט אי־בער׳ן וואסער... דאָס איז מן הסתם א מין הייליגע קירכען־מע־לאָדיע, אָדער א ליעבעס־ליעד, און אפשר גאָר א ליעד פון בייג־קענים נאָך זייער פאָטערלאנד. עטליכע ענגלענדער, וואָס האָבען

ביז היינט געשוויעגען האָבען פּלוצלונג גענומען ריידען איינע צו די אנדערע... זיי האָבען געלויבט דעם אומעטיג־געשמאַקען „מאָטיוו“ פון די סקאַנדינאַוויערינס, עס האָט אויסגעזעהן פּונקט ווי דער זעלטענער נשמה־כאָהר וואָלט זיי פאַרגעשטעלט אין בעקענט געמאַכט.

מוזיק איז דער גרעסטער פערמיטלער צווישען די מענשען. דער בעסטער שדכן צונויפּצוברייינגען נשמות און זיי פער'קנס'ען. איך האָב אָנגעהויבען צו חלומ'ען וועגען די פערברידערונג פון נאַציאָנען, וועגען די מענשען־ליעבע וואָס ליעגט אין יעדער מענ־שען'ס הארצען און ווי נויטיג דאָס איז דיעזע פערבאָרגענע ליע־בע ארויסצורופען צום פּראַקטישען לעבען דורך דעם הימעלשען כח פון מוזיק און קונסט. פּלוצלינג אָבער האָט זיך דערהערט א גלאָקען־קלאַנג און מענשען האָבען גענומען אראָבגעהן פון דעק. דאָס האָבען די קאַטוילישע פּאַסאַזשירען זיך גענומען קלייבען צום „דאַוונען“. באלד האָט זיך בעוויעזען א גלח אָנ־געטאָן אין זיינע „בגדי כהונה“... א פּאָר ענגלענדער האָבען א שמייכעל געטאָן. די האַרמאָניע צווישען די רייזענדע האָט אויפגעהערט. איך האָב גלייך דערזעהן פאר זיך קאַטאָליקען, פּראָטעסטאַנטען, אידען און אָנגעשפּארט אָן א שטריק־לייטער איז געשטאַנען א שטיל־שוויינענדער, פער'חלומ'טער הינדו.....
מיין ערהאבענער טרוים איז פערשוואונדען, מיין פאַנטאַזיע צו־ריבען אויף שטויב, דאָס האַרץ האָט מיר גענומען וועה טאָן און א נאָגענדער שמערץ האָט מיר דורכגעפּרעסען די ביינער. איך האָב מיר אָבגעזוכט א שטילען ווינקעל אויף דער שיף, האָב זיך דאָרט אליין אוועקגעזעצט און געקוקט אויפ'ן ים ווייט, ווייט אוועק...

מאָנטאג, דער זעקסטער טאָג אויפ'ן ים. מיר זיינען בלויז איין מעת־לעת פון קווינסטאָן, אירלאנד, וואו די שיף שטעלט זיך אויף א צוויי שעה, שיקט ארונטער די פאָסט און פאָהרט ווייטער צו איהר ענדע־פונקט — ליווערפול. עס איז קיהל, כמעט קאַלט, מען פיהלט, אז מען דערנעהענטערט זיך צו דער אַלטער, אָבגעלעבטער אייראָפּא... עס ווערט סמוטנע, לאַנגווייליג און איבערדריסיג. דער פאָדער־דעק זעהט אויס ווי א שוהל יום כפור פאר נעילה. דער עולם געפינט זיך קיין אָרט ניט. עס איז קיין זאך ניט מעהר אינטערעסאנט. עס האָט זיך שוין צוגעגעסען קוקענדיג אויף דער גרויסער, ווילדער געזאַלצענער לוזשע, וועלכע איז טאָג און נאכט די זעלביגע. די שיף איז שוין ליידיגער, ווייל דער גרויסער גיהנם־אויווען האָט שוין פערצעהרט עטליכע צעהנדליג טויזענד טון קוילען און די מענשען— א שענע עטליכע קארץ קארטאָפעל און פערשיעדענע אנדערע מאכלים און משקאות. די פרויען זיינען אפילו אויסגעפוצט און זוכען צו געפעלען, זיי זיינען פונקט אזוי אויפגעראַמט ביי זיך ווי אין דעם מאָמענט פון זייער אָברייזען, דען קיינע פון זיי איז ניט קראנק געווען און יעצט איז שוין צו שפעט צו ליידען פון זעע־קראנקהייט — יא, זיי זיינען די זעלביגע, אָבער ניט מעהר אינטערעסאנט, מען קען שוין זייערע אַלעמענס געזיכטער אויף אויסווענינג און מען קוקט אויף זיי גלייכגילטיג ווי אויף אן אייגענע ווייב... עס איז שוין פארביי די סענזאציע פון זוכען צו „בעקענען זיך" איינער מיט דעם אנדערען. יעצט וויל מען זיך שוין אויסמיידען, מען נארט צו גרייכען דעם לעצטען בעשטימטען אָרט...

די גאנצע וויכטיגקייט פון דעם היינטיגען טאָג זיינען די

צוויי וואל־פישען, וואָס האָבען געשטיפּט אויפ'ן ים. זייערע נאָזלעכער האָבען געשאָסען מיט וואסער אין דער הויך ווי צוויי ריעזיגע פאנטאנעס. מיר האָבען אויך געזעהן פון דער ווייטען צוויי שיפען, איינע איז געוועזן די „סאקסאָניא“, א צוועלף־טאָנ־נער, איין־קוימענדיגער, אלטמאָדישער דאמפּפער, טאקע פון דער קונארד ליניע, וועלכער האָט געבראָדזשעט פון ליווערפּול נאָך באָסטאָן. די קאמפּאניא האָט די צוויי קריכערס שנעל איבער־געיאָגט און דאָס אויג האָט זיך ווייטער ניט געהאט אויף וואָס אָבצורוהען, קיין אנציהענדען פונקט וואו זיך אָבצושטעלען. אונזער איינציגער פערגניגען איז איצט נאָר די קאָמישע פּער־זאָן פון דער שיף, דער מאן, וואָס קומט ארוים אויפ'ן פּאָרדעק מיט א מין פּייקעל אין האנד און פּייקעלט אריין די פּאסאזשירען אין עס־צימער. ביז היינט האָבען מיר זיך גאָר אויף דעם דאָ־זיגען שמענדריק ניט ארומגעקוקט. איצט אָבער רופט ער ארויס א קאָמישען שמייכעל. פיער מאָל א טאָג ערשיינט ער מיט דעם פּייקעל מיט מאָדנע, תם'עוואטע, קעלבערנע תמימות און א רחמנות־פּנים, און קלאפּט טרעוואָגע. א סך מענשען, וועמען עס הונגערט גאָר ניט, האָבען נעבאך מיטלייד מיט איהם און געהען צום טיש... איך האָב איהם א פּאָר מאָל אזא טובה גע־טאָן און בין אריין אין „דיינינג רום“ און זיך אוועקגעזעצט...

איך פּערזענליך לאנגווייליג זיך ניט אזוי פיעל ווי אנדערע. מיר זיינען דאָ פינף אידען אלע ניו יאָרקער, וועלכע האָפען זיך קירצליך אין ניו יאָרק ווידער צו זעהן. מיר האלטען זיך צו־זאמען. איינער פון אונז איז א פּאסאזשיר פון דער ערשטער קלאסע, א פּרינציפּאל פון א פּאָרבערייטונגס־שוהלע.

דער צווייטער איד איז א ניו יאָרקער דענטיסט. דאָס איז

א מערקווירדיגער יונגער מענש. א קאָווּנער יונגער מאַן, קוים דרייסיג יאָהר אַלט, האָט ער געדיענט דריי יאָהר אין „אַנקעל סעם'ס“ אַרמעע, האָט אויסגעשטודירט צאָהן־אַרצט מיט א גאָל־דענעם מעדאַל, האָט אויסגעשטודירט אַדוואָקאַט און איז סתם אַן אָרענטליכער מענש. ער פאָהרט מיט אַן אַמעריקאַנעם פּאַס־פּאָרט אויף א טור אין די הויפּט־שטעדט פון איירּאָפּא און הויפּטזעכליך צו וואַרטען אין איידקונין, א דייטשע גרעניץ־שטעדטעל, אויף זיין אַלטער מוטער און שוועסטער, וואָס וועלען עקסטרא קומען פון קאָוונע איהם זעהן.

דער דריטער איז נאָך גאָר א יונגער מענש, א בחור, א בן יחיד ביי זיינע עלטערען. דער בחור'ל האָט געענדיגט קאָלאָמ־ביא אוניווערזיטעט און איז א לעהרער אין א ניו־יאָרקער האָכ־שולע, ער פאָהרט אויף א לייגגערע צייט נאָך פאַריז און שוויי־צערלאַנד זיך צו פערפערטיגען אין העבערע לימודים און ווערען מיט דער צייט א גרויסער געלעהרטער. איך וועל אין לעבען ניט פערגעסען ווי זיין מוטער האָט זיך מיט איהם געזעגענט אויפ'ן שיף, ווי זיי זיינען געלעגען איינע די אנדערע אין די אָרעמס א פערטעל שעה און דער גאַנצער האפען האָט געקלונגען פון זייערע קושען און געוויין.

אונזער פערטער פריינד איז א סוחר פון דעם זעהר ווערטה־פולען מעטאַל פּלאַטינא, וואָס איז נאָך טייערער, ווי גאָלד, דיע־זער מאַן פאָהרט פיער מאָל א יאָהר נאָך טיעף רוסלאַנד אויפ־קויפען דעם זעלטענעם מעטאַל. ער פאָהרט נאָך דעם אזש אין קאַווקאַז און אויף די אוראַל־בערג. דאָרט קויפט ער עס אין א רויהען אונבעאַרבייטען צושטאַנד און פיהרט דאָס נאָכדעם אין

לאָנדאָן, וואו ער לאָזט דאָס שמעלצען. דאן ברייננגט ער דאָס נאָך די פעראייניגטע שטאאטען.

איך וואָלט אייך בעשריעבען דעם פינפטען פון אונזער געזעלשאַפט, אָבער איהר קענט איהם אפשר בעסער ווי איך... ער איז ניט איינער פון דער ערשטער קלאסע, ער איז ניט קיין לעהרער, קיין ציין־רייסער, קיין אדוואָקאט און קיין סוחר פון זעלטענע, טייערע מעטאלען און איז דאָך ווי איהר ווייסט אָט די אלע זאכען צוזאמען...

פיערטער קאפּיטעל

די אירלענדער און די וואַסער פויגעל, אַ קורצע ביאָגראַפיע פון שאול שירים, זיין שמחה מיט מיר, זיין חן'עוודיגע פרוי.

IV

ווי איך האָב שוין פריהער געשריעבען, האָבען מיר געהאַט אַ זעהר ראָמאַנטישע רייזע. דער ים, דאָס וועטער, די שיף און דער הימעל האָבען זיך געזוכט אויסצוצייכענען פאַר די פּאַסאַזשירען, אָבער אין גאַנצען האָט דאָס ניט אויס־געהאַלטען. דער לעצטער מעת לעת האָט אויסגעמעקט דעם פערגניגען פון פריהער. מיר האָבען פּלוצלונג געקראָגען אַן עכטען ענגלישען ברוך הבא און האָבען האַסטיג פערגעסען אָן אַלץ מיט אַנאַנדער. עס איז פון דער העלער הויט עפּעס אַזוי ווי „גאָט מיט אונז" אויסגעוואַקסען אַ געדיכטער נעבעל, אַז מען האָט קוים געקענט זעהן די אייגענע האַנד. אַ שטאַרקער רעגען האָט גענאָסען עמערוויז, פאַלענדיג זיינען, דאַכט זיך, די טראָפּענס אַנגעקוואָלען און האָבען זיך אראָבגעלאָזט איופ'ן דעק מיט אַ משונה'דיגע פּאַטשעריי. אַ קאַלטער צפון־ווינד האָט גע־הוזשעט און געוואָיעט, און דורכגענומען אַלע גליעדער. די מאַרך

אין דיביינער האָט געגליוועוועט. עם האָט אונז געהאקט א צאָהן אָן א צאָהן. דער עולם האָט זיך אָנגעטאָן און איינגעוויקעלט אין די ווארעמסטע קליידער, וואָס ער האָט געהאט, אין פאטשיי־לעס, קאָלדרעס און זאָגאר פעלצען.

„חברה“, וואָס האָבען זיך פריהער אויך ניט געזשאלעוועט דעם ביטערען טראָפען, האָבען אָנגעהויבען „אריינגיסען“ מיט דאָפעלטען אפעטיט אום זיך אביסעל צו דערווארימען... זיי האָבען געזוכט צו דערטרינקען אין א רעגען פון ביער און וויסקי דעם רעגען פון וואסער, נאָר עס האָט זיי ניט געלונגען, דען וואָס מעהר זיי האָבען גע'שכור'ט אלץ מעהר האָט דאָס געפלייצט און געוויטערט.

די אירלענדער פאסאזשירען, וואָס האָבען געדארפט אָפּשטייגען אין קווינסטאָן, זיינען געווען אויסער זיך פאר ערגער־ניס אָנצוקומען אין אזא מיאוסע צייט אין זייער פאטערלאנד. זיי זיינען געשטאנען צולעבערטע און געמאכט דעם ים אלע ווייל א נעגרייזעלטען „איירישען“ מי שברך, אָבער ער האָט זיי געהערט ווי אין טראָק. דער נעבעל איז שפעטער עטוואָס פארביי פונקט ווי מיט א כיון מיר זאָלען קענען זעהן די טוי־זענדע ווילדע ים־פויגעל, „סי גאלס“, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון די ברעגעס פון אירלאנד גלייך צו דער שיף, דער רעגען און דער שטורם אָבער האָבען „געוואיעוועט“ פונקט ווי פריהער.

— דאָס זיינען אירלענדער „סי גאלס“ — האָט זיך אָבגערופען צו מיר אן אינטעליגענטער, יונגער אירלענדער, מיט וועלכען איך פלעג שלאָפען אין איין „צימער“ — זיי זיינען דאָס געקומען בעגריסען זייערע פערוואָגעלטע שוועסטער און ברידער, די קינדער פון „איראָן“ (אירלאנד)...

— דאָס זיינען די איינציגע אמת'ע אירלענדער — האָב איך בעמערקט ווייזענדיג אויף די ווילדע וואסער־פויגעל — וואָס ענגלאנד קען ניט אונטערדריקען, די אמת'ע אירלענדער פאַט־ריאָטען, וואָס פערלאָזען ניט זייער היימישען ברעג אום צו ווע־רען פאַליסלייט אין אמעריקא...

— א טעות! — האָט געענטפערט דער יונגער מאן און זיינע אויגען האָבען גענומען ברענען ווי פייער — א טעות, ענג־לאנד קען א ו נ ז אויך ניט אונטערדריקען. די ארבייט פון אונזער גרויסען אירלענדער נאציאָנאליסט און פרייהייטס־קעמ־פפער פארנעל איז ניט געווען אומזיסט. ענגלאנד איז ענדליך געווען געצוואונגען צו צונעהמען דאָס לאנד פון איהרע טיראנישע לענדלאָרדס, וואָס האָבען אונטערדריקט, פעראָרעמט און פער־יאָגט די אירלענדער פארמערס פון זייער שטיקעל ערד, און דאָס אָבגעבען צוריק צו די פארמערס אויף לייכטע אָבצאָהלונגען. קוים וועלען מיר צוריק האָבען אונזער לאנד וועלען מיר געהן ווייטער אין אונזערע פאָדערונגען און דאָקוטשען ענגלאנד אזוי לאנג ביז זי וועט אונז מוזען אלץ נאָכגעבען. פעלקער, וואָס ו ו י ל ע ן פריי זיין מ ו ז ע ן זיין פריי, קיינער קען זיי ניט אונטעריאָכען, און אירלאנד וועט פריי זיין!

א מחנה „סי גאלס" האָבען זיך אויפגעהויבען איבער'ן שיף און געקלאפט מיט זייערע לאנגע, בריטע, נאסע פליעגעל און קלאפענדיג האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזט צוריק צום ברעג...

האָבען זיי דאָס אפלאָדירט זייער יונגען, בעגייסטערטען ברודער? זיינען זיי דאָס אוועק אָנזאָגען אירלאנד די בשורה פון בעפרייאונג?

אין דער מינוט אָבער האָט זיך אונזער שיף געשטעלט. עס

איז צוגעפֿאָהרען א קליינער אירלענדער דאמפּפער, וועלכער האָט צוגענומען די אירלענדישע פּאָסט און פּאסאזשירען און איז מיט זיי אוועק.

אויפ'ן דעק איז געוואָרען אומעטיגלאך. אין ביער־סאלון פון דער צווייטער קלאס איז געוואָרען שטיל. די פלעשער און גלעזער, וואָס האָבען די גאנצע צייט קיין רגע ניט גערוהט, אין האָבען געארבייט ווי אויף א פערזאמלונג פון „טאמאני האָלל,*) זיינען געבליעבען אויף זייערע ערטער טרויעריג און פערצאָגט ווי אבלים.

די שיף איז ווייטער געגאנגען, עס איז שוין געווען א סך גערוימער, אָבער קיינער האָט ניט אומגעשפּאציערט, עס איז געווען צו שרעקליך א נאָז ארויסצושטעקען און יעדער איינער האָט זיך געטוליעט אין אן אנדער ווינקעל. איך בין מיר געזעסען פאר זיך און אריינגעקוקט אין די ביבעל אין יענעם קאַפּיטעל, וואו דער מחבר פון די מזמורים שילדערט דעם ים, ווען עס איז פּלוצלונג אויסגעוואקסען נעבען מיר א געזונדער מאן מיט גראָהע פּולע וואָנצעס און האָט מיר אריינגערוקט א געזונדען בעל הבית'ישען „שאלאם אלייקאם", אָדער פּראָסט גערעדט „שלום עליכם", און האָט זיך גענומען צו מיר אלץ מעהר צורוקען מיט א שטראהל פון פרייד אויף זיין אלטע, אינטעליגענטע צורה.

איך בין איבערראשט געוואָרען פון די פּלעצליכע ערשיינונג פון דעם דאָזיגען מאן, וועלכען איך האָב אבסאָלוט ניט בעמערקט די גאנצע צייט פון מיין רייזע. ווי אזוי דער „שאלאם

---

*) די פערדאָרבענסטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקאַ.

אלייקאם" האָט אריינגעפּאסט אין מיטען פון דוד המלך'ס ער־האבענסטע גערדיכט וועלען מיר שפּעטער זעהן, דערווייל האָב איך צוגעמאכט די ביבעל און געענטפערט מיין נייעם פריינד „אלייקאם שאלאם".

— יהודי? האָט ער מיר ווייטער א פרעג געטאָן. דאָס הייסט אויב איך בין א „יאהודי". אזא שאלה אויפ'ן ים האָט מיר עפּעס מאָדנע אויסגעזעהען. איך האָב זיך שוין כמעט פער־געסען אָן אמעריקא און איהרע „יאהודים" מיט איינמאָל, א טאָג פאר ליווערפּול, דארף מען מיר דערמאָהנען דעם „יאהודי"...

סיי ווי סיי, ווען איך האָב געענטפערט אין געבראָכענעם העברעאיש, אז איך בין א איד און פאָהר פון אמעריקא, האָט מיך דער אלטער ארומגעכאפּט און געוואָלט קושען, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. דער מענש איז מיר געוואָרען אינטערעסאנט און אָט איז אין קורצען די מעשה, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט אין לשון קודש:

זיין נאָמען, האָט ער מיר געזאָגט, איז שאול שירים. ער איז א איד געבאָרען מיט 65 יאָהר צוריק אין ארם נארים, סי־ריען. ער האָט סמיכות אויף רבנות פון די גרעסטע רבנים פון די מזרח לענדער און פון חכם באשי אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, אָבער ער האָט ניט געוואָלט מאכען די תורה פאר א אינסטרו־מענט צו פּרנסה און איז געוואָרען א סוחר. ער האָט אויסגע־וואנדערט מיט זיין פרוי און קינדער אין די „וועסט אינדיעס" אין די נעגער רעפּובליק הייטי, וואו עס איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען א בלוטיגע רעוואָלוציאָן, און דער פּרעזידענט, אויך א נעגער, האָט אויסגעקוילעט די רעוואָלוציאָנערען מיט די גרעסטע אכזריות. אָט אין דיעזער שווארצער רעפּובליק האָט

שאול שירים געוואָהנט פופצעהן יאָהר, ער האָט דאָרט געהאַט א קליידער געשעפט אין דער שטאָדט או קאי.

אין דער גאנצער מדינה, האָט שירים דערצעהלט, געפינען זיך אפשר דרייסיג אָדער פיערציג אידען, דאָס רוב געקומענע פון מאראָקאָ. אלע עסען זיי טרפה, ווייל עס איז ניטאָ דאָרט קיין שוחט. די עטליכע אידען זיינען צושפרייט איבער דער גאנצער רעפּובליק און האָבען דאָרט קיינמאָל קיין מנין,אפילו ראש השנה און יום כפור אויך ניט. איינמאָל האָבען דאָרט געפּלאָנעוועט אלע אידען פון לאנד זיך צונויפצוקומען אין איין שטאָדט אויף יום כפור, אָבער דער פּלאָן איז זיי ניט געראָטען. צוליעב פערשיעדענע סיבות איז דער וואונש ניט דורכגעפיהרט געוואָרען.

וואָס איהם פערזענליך אָנבעטרעפט איז איהם אין הייטי ביז מיט א קורצע צייט פאר דער רעוואָלוציע גאנץ גוט געגאַנגען. ער האָט דאָרט געמאכט א סך געלד, אָבער דאָס פערוואָרפען זיין פון אידען און דאָס טרפה לעבען, (אָבוואָהל ער האָט פאר זיך אליין גע'שחט'ען עופות און אָפטמאָל אויך א קעל־בעל אָדער א שעפּס) איז איהם נמאס געוואָרען און ער האָט זיך בעשלאָסען אויסצו־וואנדערן נאָך מאנטשעסטער, ענגלאנד, וואו ער האָט א ברודער און וואו עס זיינען דאָ א סך אידען און אידישע שוהלען.

מיט זיך אויפ'ן שיף האָט ער נאָר געהאַט זיין פרוי, זיין צווייטע פרוי, די ערשטע איז איהם געשטאָרבען. ער האָט אי־בערגעלאָזט אין הייטי צוויי פערהייראטע טעכטער און צוויי זיהן, אלע רייך און גליקליך. אין ענגלאנד האָט ער צוויי זיהן. איינער איז א סטודענט אין דעם לאָנדאָנער יוניווערזיטעט און

דער צווייטער איז א סאָלדאט אין דער ענגלישער ארמעע, א בע־ריהמטער ציעל־שיסער און דער בעסטער שווימער אין ענגלאנד, וואָס האָט מעדאלען פאר שווימען.

ווען שאול שירים האָט געענדיגט זיין קורצע לעבענס־בע־שרייבונג איז ער אראָב אונטען אין קאיוטע און האָט ארויפגע־פיהרט זיין פרוי, נאָך נישט קיין אלטע, א חן'עוודיגע בראָ־נעטקע מיט אפּאר פייערדיגע אויגען און מיט א זיסע, אָריענ־טאלישע מינע אויף די ליפּען. ער האָט צו איהר גערעדט אייניגע ווערטער אין סיריש און געוויזען אויף מיר, אז איך בן א איד. די פרוי האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט מיר געגעבען איהר האנד מיט א בעגריסונג וואָס איך האָב נים פערשטאנען.

פינפטער קאפיטעל

דורך פינסטערנים אין האפען פון ליווערפול, די הימעל־שרייענדע ארעמקייט אין ענגלאנד. א הונגעריגע ארמעע אייראפעער אנטלאפען פון אמערי־קאנער קריזים. איך פערלאז ליווערפול.

V

דעם אכטען יולי בעגינען זיינען מיר אנגעקומען אין ליווער־פול. דאס הייסט, מיר האבען נאר געפיהלט, אז די שיף שטעהט און מען האט אונז געזאגט, אז מיר זיינען שוין אין האפען, מיר אליין אבער האבען קיין זאך ניט געזעהן. די ריעזיגע ענגלישע וועלט־שטאדט מיט איהרע וועלט־בעריהמטע „דאקס" און הונדערטע טויזענדע שיפען און שיפלאך זיינען גע־לעגען איינגעוויקעלט אין א טיפיש־געדיכטע, קאלטע, ענגלישע „פאגע". מיר האבען געהערט דאס פייפען און הוזשען און קוויט־שען פון פערשידענע דאמפפערס און דאמפפערלאך; מיר האבען געפיהלט אז מיר שטעהען דא אין מיטען פון דער וועלט'ס גרעס־טען ראש; אז ארום אונז וועהט די אטמאספערע פון מיליאנען מסחרים, און איבער אונז טראגט זיך דער רויך פון טויזענדע שיפען, וואס האבען שוין דורכגעקרייצט אלע ימים און אלער־

האנדיגע וועטערען, וואָס די נאַטור פערמאָגט; מיר האָבען גע־הערט דעם גוואַלדיגען טומעל, וואָס עס געהט אָן ביי׳ם דורות־אַלטען ברעג, ווי מען לאָדט אָן און לאָדט אויס די דאַמפּף־שיפען, שלעפּ־שיפען, זעגעל־שיפען, פראַכט־שיפען און פּאַסאַ־זשיר־שיפען מיט מיליאָנען אַלערהאַנדיגע אַרטיקלען און זעלטענע געגענשטאַנדען פון אַלע מדינות, פון ציוויליזירטע, האַלב־ציוויליזירטע און ווילדע לענדער און אינזלען, יאָ, מיר האָבען דאָס אַלץ געהערט, געפיהלט און זיך נאָך מעהר משער געווען, אָבער געזעהן האָבען מיר נאָר אונזער שיף, וועלכע האָט זיך געוויגט אונטען אין פאָר־וואַסער און אויבען אין אַ ווילדען, אייז־קאַלטען, ענגלישען רעגען.

ציטערענדיג פון אַ בעזען, אונערבאַרמדיגען הערבסט־וועטער אין מיטען פון דעם שענסטען חודש פון יאָהר, אין חודש תמוז, זוכענדיג זיך צו טוליען אין זיך אַליין, זיך צו בעהאַלטען פון דער מאוים׳דיגער „פאָגאָדע“, וואָס האָט געאָטהעמט מיט רומאַטיזמוס און מרה שחורה, — זייענדיג צוקלעמט און אָבגע־נאַרט פון דער אָנקונפט אין ענגלאַנד, האָט זיך מיר געשטעלט די ערנסטע פראַגע: ווי אַזוי האָט דאָ שעקספּיער געקענט דיכ־טען זיינע אייביגע פריהלינגס־פרישע סאָנעטען, ווי אַזוי ער האָט דאָ אויסגעוועבט זיין אייביגען מאַי „ראָמעאַ און דזשוליעט“; ווי אַזוי איז דאָ איבערהויפּט געבאָרען געוואָרען אַ שעקספּיער?

אָבער אין אַ ענגלישע „פאָגע“ און אַ רעגען, אויף אַ שיף אין האַפען פון ליווערפּול קען מען ניט לאַנג פילאָזאָפירען. כאָטש עס איז געווען פינסטער און פּאַסקודנע האָט זיך די „קאָמ־פּאַניאַ“ אַלץ ביסלעכווייז גערוקט אין איהר אָנגעצייכענטען

אָרט פון דער קונארד ליניע, און א זייגער אכט האָבען מיר ארויפגעטראָטען אויף ענגלאנד'ס באָדען.

ערשט ארום צעהן א זייגער איז די „פּאָגע“ פלוצלונג אוועק, וואו דער „ליעבער שבת קודש געהט אהין“, נאָר דער רעגען האָט ניט אויפגעהערט. איך האָב אין גאנצען פערווייַלט אין ליווערפּול ביז צוויי אזייגער נאָך האלבען טאָג, פון דאָרט בין איך געפאָהרען מיט'ן אייזענבאהן פולע זיעבען שעה נאָך דעם ענגלישען האפען פון גרימזבי און פון דאָרט האָב איך זיך ארייַנגעקרוזשקעט אין דעם קליינעם דאמפּפער „אָלדהאם“, וואָס איז אוועק איבער דעם נאָרד זעע נאָך האמבורג.

אין די עטליכע שעה, וואָס איך בין געווען אין ליווערפּול, האָב איך גענוג געזעהן און געהערט אום זיך צו מאכען א בע־גריעף פון די גרויסע אָרעמקייט און דעם עלענד, וואָס דאָרטען הערשט. אין דעם גרויסען שלאגס רעגען און די ביטערע קעלט זייַנען קינדער און פרויען געגאנגען באָרוועס איבער די פּאראד־נע גאסען פון דער רייכער, ענגלישע האפען־שטאָדט. אָן זייערע הוילע, רויטע, צוקאליעטשעטע פיס האָט מען געזעהן, אז זיי זייַנען גאָר ניט צוגעוואוינט צו שיך. גאנצע געזינדען: פאָטערס, מוטערס, קינדער, בוכשטעבליך באָרוועס און האלב נאקעט בעט־לען אין די אָפענע גאסען, זינגען בעטלער־ליעדער און דרייען קאטערינקעס, און זעלטען ווער עס שיינקט זיי א פּרוטה. איין באָרוועסע, אָבגעריסענע פרוי האָט געפיהרט אין א קאטערינקע־וועגעלע צוויי בלייכע, פערמאָרעטע קינדער און האָט מיט זיי געבעטעלט. זי האָט זיך אָבגעשטעלט פאר'ן פענסטער פון דעם קונארד־האָטעל, וואו איך האָב געוואָרט אויף מיין צוג און האָב

געהאט מיטאָג אויף דער שיף־קאָמפּאַניעס רעכענונג. זי האָט דוקא געשפּיעלט און געזונגען די ענגלישע נאַציאָנאַל־הימנע...
די צוויי קינדער זײַנען געזעסען ווי פערגליווערטע, ווי אויסגע־האַקט פון שטיין און האָבען זיך גלייכגילטיג צוגעהערט צו זיי־ער מאַמעס פּאַטריאָטישע מוזיק... דער רעגען האָט זיי דורכגע־ווייקט די יונגע, פערוועלקטע לייבער, דאָס איז געווען אַ קבר־קאָנצערט, אַ בעגרעבענים געזאַנג און די גאַנצע פאָרשטעלונג — אַ פּאַנאַק אויף די ענגלישע „האוז אָוו לאָרד"...

אין גרונד גענומען האָט מיך אָט די אָרעמקייט ניט שטאַרק איבערראַשט. מיר האָבען זי אין אַמעריקאַ אויך, נאָר ניט מיט אַזאַ אָפענע מאָס. ביי אונז איז דער דלות אַ צוגעדעקטער, אַ פאַרשטעלטער, דער יענקישער דלות איז נאָך אַ שטיקעל בעל־גאוה, ער גיט זיך ניט נאָך. ער באָרגט דערווייל ביי אַ פּעד־לער, ער כאַפּט דאָ, דאָרט און פערגלעט זיין נאַקעטקייט, וועה־רענד דער ענגלישער קבצן האָט זיך שוין לאַנג אויפגעהערט שעמען. ער ווייס, אַז די גרויסקייט וועט איהם העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס און שפּאַציערט גראָד באָרוועס און נאַקעט איבער די גאַסען. אָבער אַ ל ע וואָס דעם אַמעריקאַנעם פערפּודערטען שנאָרער פעלט איז נאָך א י ן קריזיס; אַזעל־כען ווי ער האָט יעצט, און „גוד באַי" שיף! דאַן וועט ער אויך געהן מיט די הוילע פיס דורך ב ר אָ ד וו ו י י און ז י י נ ג ע ן „מאַי קאָונטרי איט איז"...

ערשט זיצענדיג אין דעם דערמאָהנטען קונארד־האָטעל האָב איך זיך דערוואוסט ווי גרויס דער יעצטיגער חורבן איז אין אַמעריקאַ. איך האָב דאָרט דערזעהן ביז צוויי טויזענד פּראָסטע טאָג־לוינער, און אויך פערשיעדענע אַרבייטער, וואָס זיינען גע־

פאָהרען פון אמעריקא צוריק אהיים. דאָס רוב זיינען זיי גע־וועזן סקאנדינאוויער. עס זיינען אויך געווען צווישען זיי דייטשען, פאָליאקען און סלאָוואקען. זיי האָבען זיך אומגעוואלגערט אינ׳ם גרויסען הויף פון דעם האָטעל. סטירידזש־פאָהרער, האָבען זיי ניט געקענט זיצען אזוי בעקוועם, ציכטיג און צוגעזעהן ווי די פאסאזשירען פון דער צווייטער קלאַס און האָבען זיך געמוזט וואלגערען ביז זיי וועלען ווייטער פאָהרען.

ווי ווייט איך האָב זיך געקענט מיט זיי צוזאמענריידען זיינען זיי אלע אנטלאָפען פון קריזיס, ווייל זיי האָבען ניט געהאט קיין ארבייט. פון אלע עקען פון די פעראייניגטע שטאאטען זיינען זיי געלאָפען, איבערהויפט אָבער פון פענסילווייניא, ניו דזשוירזי און אָהייאָ שטאאטען, וואו מען גראָבט קוילען און מען פאבריצירט שטאָל און אייזען, לאָקאָמאָטיוועז און אנדערע מאשינעריי. א טייל פון די צוריק־פאָהרער זיינען בלויז געווען אין לאנד א צעהן חדשים, האָבען אריינגעכאפט זייער פאָרציע צרות, און זיך ניט קענענדיג דערווארטען אויף „נחת", זיינען זיי אנטלאָפען צוריק. עס איז געווען א רחמנות אָנצוקוקען אזא ארמעע קרעפטיגע מענער ווי די ריעזען, וואָס האָבען געוואָלט פערדינגען „אָנקעל סעם" זייערע אייזערנע מוסקולען פאר א שפּאָט פרייז און ער האָט זיי ניט געקענט געברויכען...

— וועט איהר זיך אומקעהרען צוריק נאָך אמעריקא ווען די צייט וועט דאָרט בעסער ווערען? — האָב איך געפרעגט ביי א ריעזיגען סלאָוויאק, וואָס איז געלעגען אויסגעצויגען אין הויף ווי איין אומגעפאלענער דוב...

— דער שווארץ יאָהר ווייס! האָט ער א ברום געטאָן ווי א לייב.

ער איז געווען אין כעס אויף אמעריקא און איך האָב איהם ניט פערוואונדערט. ווען א געזעלשאפט קען ניט געברויכען אזא בארג מיט מענשליכע מוסקולען איז אומזיסט וואָס זי בריה'ט זיך צו עקזיסטירען...

קוים האָב איך געענדיגט ריידען מיט דעם אייזערנעם סלאָ־וויאק האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אז איך דארף פאָהרען. זיך ניט האָבענדיג מיט וועמען צו געזעגענען און וואָס אין ענגלאנד צו ליעבען, האָב איך זיך געפרייט וואָס מיין צוג איז גרייט און איך וועל אונגעזוימט פאָרטזעצען מיין רייזע. דאָך גלייכגיל־טיג קען אן אמעריקאנער אויף אן ענגלישען וואָגזאל ניט בליי־בען. אָט ווי אמעריקא האָט איהרע רייכע און אָרעמע און אויך איהר מיטעל־קלאס, האָט זי אָבער דאָך ניט אן עקסטרא חזיר־שטאל פאר פאסאזשירען וואָס הייסט „פיערטע קלאס" אייזענ־באהן. דאָס האָט נאָר אייראָפּא, וואו די פעלקער זיינען שוין זייט דורות צוטיילט און אָבגעזונדערט אין עטליכע בעשטימטע קלאסען, וואָס ווארפען זיך שטארק אין די אויגען. איך בין אריין אין דער צווייטער קלאס, וואָס האָט מיך געשטעמפעלט פאר א „בורזשוא", דער לאָקאָמאָטיוו האָט א פייף געטאָן און איך האָב אויך א פייף געטאָן אויף ענגלאנד און בין אוועקגע־פאָהרען.

זעקסטער קאַפּיטעל

אַ שפּאַציער דורך גרימזבי מיט אַ דייטש, מיין בעגלייטער בעטראַכט מיך פאַר אַן אַראַבער, אַ ווילדער געלעכטער פון אַן אַנטיסעמיט, מיין שרעק ביי נאַכט נעבען די דאָקס.

VI

דעם אַכטען יולי אין אָבענד בין איך אָנגעקומען אין גרימזבי, אַן ענגלישע האַפען־שטאָדט ביי דעם ברעג פון היינריך הייגעס בעזונגענעם און פּעראַייביגטען „נאָרד־זעע“. גרימזבורי איז אַ בלאָטיגע, שמוציגע שטאָדט מיט הויכע פאָליציסטען און ניעדריגע יונגאַטשעס, מיט אַ מאַרק אין מיטען, דאַכט זיך אַ „חזיר־מאַרק“... מיט אַ סך קראָמען און קרעמלאַך און ציעמליך גרויסע „דאָקס“. די אייזענבאַהן איז צוגעפאָהרען גלייך צו דער שיף, וואָס האָט מיך געדאַרפט פיהרען נאָך האַמבורג, אָבער אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט דריי שטונדע צייט, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט אַ דייטש, וואָס האָט אפילו פיינד געהאַט אידען, און בין מיט איהם אַוועק אין שטאָדט. דער מיאוס'ער רעגען, וואָס האָט אָנגעפאַנגען מיט קאַרגע צוויי טעג צוריק, האָט נאָך אַלץ געכליאָפּעט.

די גאנצע צייט, וואָס דער דייטש איז מיט מיר געגאַנגען איבער די קויטיגע גאַסען פון גרימזבי האָט ער געהאַלטען אין איין שילטען די אידען. ער האָט זיי געשאָלטען אין ענגליש, אין שלעכטע ענגליש דערצו, אין דייטשע ענגליש, וואָס האָט געקלונגען זעהר קאָמיש. וואו ער האָט דערזעהן א קראָם מיט א אידישען נאָמען פון אויבען, האָט ער געמאַכט א ענגליש-דייטשען „מי שברך". איך האָב געלאַכט אין זיך און האָב ניט געוואָלט צושטערען מיין בעגלייטער זיין זיסען פערגניגען און ניט פערוואַנדלען זיין טעות אין א טרויעריגע ווירקליכקייט. איך ווייס ניט פאַרוואָס דער דייטש האָט מיר אָנגענומען פאַר אַן אַראַבער, א טערקישען אונטערטאַן, איך האָב איהם אין דעם טעות געלאָזען.

— דו ביסט, זעהט זיך, אַן אַראַבער, האָט ער צו מיר געזאָגט אין ענגליש, ווען מיר זיינען ארויס פון באַהן און אריין אין שיף. (ער איז אויך געפאָהרען נאָך האַמבורג) — דו בעלאַנגסט צו טערקיי, האָט ער פאָרטגעזעצט.

— געוויס, האָב איך איהם געענטפערט, — דו הערסט דאָך, אַז איך רייד ענגליש ווי א טערק... דער דייטש איז צופריעדען געווען.

— די טערקען און אַראַבער, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — זעהען אויס ווי אידען, אָבער זיי זיינען ניט אַזוי שלעכט ווי די אידען, וועלכע זיינען א שרעקליכע באַנדע.

איך האָב געשמייכעלט א ביטערען שמייכעל. „זאָל כאָטש זיין איין אַראַבער" האָב איך געטראַכט, „א טערק, א ציגיינער, א ווילדער נאָמאַד, וואָס לעבט פון מאָרד און רויב אין די בּמעפּעס און געווילדען פון אפריקא, אבי ניט קיין איד... זייענ-

דיג אין שטאָדט, האָט מיר דער דייטש דוקא געשלעפּט אין א שיינק טרינקען ביער און ווען איך האָב איהם געזאָגט, אז טער־קען טאָרען ניט טרינקען קיין ביער האָט ער מיר כּאָטש געוואָלט פונדעווען מיט וויסקי און ווען איך האָב איהם ערקלערט, אז א טערק טרינקט קיין בראַנפען אויך ניט, האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר אויגען, אז איך בין צוציטערט געוואָרען.

— אלזאָ טרינקסטו גאָר ניט, האָט ער געזאָגט צו מיר אונ־צופריעדען, דאַן זייט איהר, טערקען, אזוי שלעכט ווי די פער־דאמטע אידען, זיי טרינקען אויך ניט, דאַן מוזטו האָבען געלד...

די לעצטע בעמערקונג איז מיר שוין גאָר ניט געפעלען, א אונבעקאנטער דייטש שלעפּט מיך אין גרימזבי ביי נאכט, נים וויט פון די דאקס, וואו עס געפינען זיך שכור'ע מאטראָזען און אלערהאנד פערדעכטיגע מענשען, אין א שיינק טרינקען און דערצעהלט מיר, אז איך מוז האָבען געלד. איך האָב זיך גע־נומען ארומקוקען אויב מען זעהט א פּאָליציסט, האָב דאָס אָבער געמאכט מיט א מינע, אז מיין „חבר" זאָל ניט מערקען, אז איך האָב מורא פאר איהם.

דער כלל, זעהענדיג, אז אזא „טערק" ווי איך מיט א דייטש אין אנטיסעמיט זיינען קיין פּאָר קליידער ניט און אז איך האָב אין גרימזבי'ס בלאָטעס שוין גענוג ארומגעקראָכען, האָב איך גענומען געהן האסטיג צוריק צום שיף. דאָך אום ניט שולדיג צו בלייבען דעם דייטש קיין ענטפער אויף זיין פריהערדיגע בע־מערקונג, האָב איך איהם געזאָגט, אז טערקען טרינקען אויך.

— וואָס טרינקט איהר דען? — האָט ער מיך געפרעגט פערוואונדערט.

— מעשלאנקע און זויער מילך, האָב איך איהם ערקלערט, דאָס איז זעהר געזונד צום מאָגען...

מעהר האָב איך ניט געדארפט. דער דייטש האָט אָנגע־הויבען לאכען אין גרימזבי, האָט ער געענדיגט אין האמבורג. נאָך הער איך זיין זעלטענעם געלעכטער און מיר דאכט, אז ער וועט אזוי לאכען ביז אין זיין טרפה'ן טויט אריין. סיי ווי סיי, איך בין מיט דעם שונא ישראל צוריק געקומען צום האפען, וואו אונזער שיף איז געשטאנען.

זיעבעטער קאפיטעל

איך בין א ערשטע קלאסניק, דעם דייטש'ס היסטערישער געלעכטער, היינריך היינע און דער קאנאריק, א שטורמדיגער ים.

VII

דער האפען פון גרימזבי איז אייגענטליך נאר א קינדער־שפיעל אין פערגלייך מיט די ריעזיגע ענגלישע האַ־פענס פון ליווערפול און סאוטהעמפטאן. גרימזבי און הולל זיינען צוויי שטעדט, צו וועלכע קיין גרויסע שנעל־דאמפ־פערס קומען ניט צו, עס איז דערפאר קיין וואונדער וואס די „אלדהאם", אין וועלכע איך האב איינגעשטיגען, איז געווען א „מפיל" איז פערגלייך מיט דער „קאמפאניא". מען קען ניט פערגלייכען א שטאלענעם וואלפיש, וואס שווימט דורך טויזענדע מיילען אין אטלאנטישען אקעאן צו א'ן אייזערנע סטינקע, וואס פלושקעט זיך בלויז עטליכע שעה אין א לוזשע...

די „אלדהאם" איז געווען א מין אנדרוגנים שיף: האלב־פראכט און האלב פאסאזשירנע. אין גאנצען האט זי קוים געהאט פלאץ פאר א דרייסיג, פערציג זאלאן־פאסאזשירען. דאס מאל אבער זיינען דארט נאר געווען צעהן, שוין דעם דייטש

און דעם „טערק“ אריינגערעכענט. איך בין אין דעם דאָזיגען דאמפפער געפּאָהרען ערשטע קלאסע, ווייל קיין צווייטע איז ניט געווען. יעדעס מאָל, וואָס איך בין אריין אין „זאלאָן“ האָב איך זיך געמוזט איינבויגען און האָב עפּעס אזוי ווי מורא געהאַט זיך שטארק אָנצושפּארען אויף מיין שטעקען די שיף זאָל ניט אונטערגעהן... ארומשפּאצירענדיג אין אָט די ערשטע קלאסע האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם עולם'שען ווערטעל, אז עס איז „בעסער צו זיין א'ן אָרימאַן אין פּעטערסבורג איידער א קצין פּאפּעטויץ“. איך האָב זיך בלויז געקוויקט מיט חלשות, אז איך וועל ניט לאנג זיין א ערשטע קלאסע פּאסאזשיר און זיך איינבויגענדיג ווי א פראגע צייכען בין איך מיעד און דער־שלאָגען אריין אין מיין „סטייטרום“ שלאָפען.

די „אָלדהאם“ האָט אָבגעדאמפּפט נאָך האלבע נאכט, נאָר איך האָב דאָס ניט געהערט. אויף מאָרגען האָב איך געהאַט די זעע קראנקהייט. וואָס עס איז ניט געשעהן אויפ'ן אָקעאַן איז געשעהן אויף דער נאָרד זעע. איז דאָס געווען די שולד פון דער שיף אָדער פון וואסער? איך ווייס נאָר איין זאך, איך האָב שטארק פּאראיבעל געהאַט אויף דעם משורר פון דער „בת מלכה שבת“, וואָס ער האָט אזוי שען בעזונגען א ים, אויף וועלכען מיר נעהמט אָן א ברעכען קוקענדיג...

דער משרת פון זאלאָן האָט מיר אָבגעפּוצט די שיך, אָבער וועֶר האָט זיי געדארפט? איך בין געלעגען ווי א ניט־דערקוילע־טער כפּרה האָהן. ווען דער זעלביגער משרת האָט מיר א טאָפּ געטאָן מכח פריהשטיק, האָב איך איהם אָנגעקוקט ווי א משוגענעם.

איך בין געווען קראנק און דער דייטש, וועלכער איז צו־פעליג געלעגען איבער מיר, איז אויך געווען קראנק.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך בין געלעגען אין חלשות צוגעדעקט מיט א קראנקען דייטש. יאָ, דער דייטש איז קראנק געווען, ער האָט געקרעכצט און ווען איך האָב איהם געפרעגט ווי ער פיהלט, האָט ער זיך פלוצלונג צולאכט...

דאָס האָט מיך שוין פערדראָסען און האָב געטראכט: לאַך, לאַך, אבי דו קריינקסט, דו נידערטו'עכטיגער אנטיסעמיט. קריינק אויס די „נאַרד זעע" אין וועלכער א איד האָט פער־אייביגט דיין שפראך. „באַקום" זאָלען דיר ארויס די ערהא־בענע פערזען, וואָס בעצויבערען דיין ליטעראטור, דו געמיינער, אונדאנקבארער לעבער־וואורשט פרעסער און לאגער ביער־זויפער. האָסט זיך אָנגעפאקט אומזיסט מט אונזער עהרליבע, אידישע פראצע, מיט אונזער געניוס, טאָ קריינק באָטש דער־פאר עטליבע שטונדען, מיר זיינען שוין זעע קראנק אזא לאנגע צייט...

ווער ווייס ווי לאנג איך וואָלט געלעגען אין אזעלכע גע־דאנקען ווען ניט דער קאנאריק, וועלכער איז געשטאנען אין קליעטקע אויפ'ן טיש פון זאלאָן. די שיף איז פלוצלונג גע־שוואומען אין א ים פון צוקערדיגע טרעלען. איך האָב נאָך קיינמאָל אזא געזאנג ניט געהערט. ווער ווייס וואָס דער קליי־נער, געפליגעלטער זינגער האָט געפיהלט אין זיין ענגע שטיי־געלע אויפ'ן מיטען ים? זיינע געגרייזעלטע, אין האָניג־גע־טונקטע טענער האָבען זיך געגאָסען און געגאָסען ווי א ריינע נשמה'דיגע תפילה. דאָס איז געווען א מין הימעלשער מן־

געזאנג פול מיט אלע טעם'ן. עס איז צוגאנגען איבער אלע גליעדער און מיר האט זיך נאר געפרעגט די גרויסע שאלה: ווער האט שענער געזונגען, דער קאנאריק פון דיסעלדארף, אדער זיין פריינד פון דער „אלדהאם"; ווער פון זייביידען האט געשאפען א שענערע „נארד זעע"? איך האב איבערהויפט געפונען א גרויסע שייכות צווישען דעם אידישען ליריקער און דעם פויגעל: ביידע האבען זיי געזונגען אין גלות...

איך בין מעהר ניט געלעגען. געקרעפטיגט ווי פון שטארקען ווייז האב איך זיך אויפגעהויבען פון מיין ארעמען געלעגער, זיך ארומגעוואשען און בין ארויס אויפ'ן דעק. דאס וואסער איז געווען ווילד. שוים האט זיך געגאסען ביי די כוואליעס פון די מיילער ווי ביי משוגענע הינד. די שיף האט זיך גערדרייט, געבויגען אין אלע זייטען. א בעזער איבעל האט מיר געשלאגען צום הארצען. איך בין ווידער אראב אונטען און האב זיך אוועקגעלייגט.

פארנאכט איז שטיל געווארען. די זעע האט זיך בערוהיגט, די שיף האט זיך ניט מעהר געשליידערט. איך בין ארויף אויפ'ן דעק און האב זיך ערשט דערוואוסט, אז אין צווישענדעק פון דיעזער שיף געפינען זיך ביז פיער הונדערט גוים און איין איד, וואס פאהרען פון אמעריקא צוריק אהיים. איך בין געבליעבען אויפ'ן דעק ביז שפעט אין דער נאכט.

אכטער קאַפּיטעל

די ראָמאַנטישע ברעגען ארום די עלבע, אַ טענה מיט צוויי פּאַטריאָטען, ביסמארקס קאָלאָסאַל סטאַטוע אין די וועסטמינסטער עבבי אין לאָנדאָן, חרפּות פון סטענדארד אָיל טראַסט.

VIII

דעם 9טען יולי בעגינען האָט מען שוין געזעהן די גרינע, ראָמאַנטישע ברעגען פון דייטשלאַנד. עס איז געווען א הערליכער בעגינען. דער וועטער פריש, קיהל און ערקוויקענד. דער הימעל איז נאָך געהאנגען פער'חלום'ט איבער דעם האלב פערשלאָפענעם פּאָרוואסער. דער מאָרגען האָט זיך נאָך געריבען די אויגען, אָבער עס האָט זיך שוין געפיהלט דאָס קומען פון א גאָלדענעם זומער־טאָג.

און א גאָלדענער טאָג איז דאָס געווען.

די זון איז ארויסגעטרעטען אין א גאָלדענעם שלאָפראָק, בעפוצט מיט רויטע שניר. זי איז אויפגעגאנגען נים אנטקעגגען אונז נאָר אָן א זייט, צו אמעריקא צו... א גאנצע קחלה מיט ים־פויגלאך האָבען זיך א לאָז געטאָן צו דעם „אָלדהאַם“ און האָבען ארויסגעגעבען מאָדנע קלאַנגען. זיי זיינען נים

געוועזן אזוי שטום ווי די „סי גאלס“ פון אירלאנד, וואָס האָבען אונז מקבל פנים געוועזן אין קווינסטאָן, פון יענע האָט מען א וואָרט ניט געהערט... די דייטשע ים־פויגלאך אָבער האָבען נאָך זייער „לשון“ ניט פערלאָרען... זייער קאַזער איז א פלוי־דערזאק און זיי האָבען אויך געפלוידערט...

דאָס וואסער פוןביידע זייטען שיף איז געוועזן בעשפרינ־קעלט מיט קליינע פישער־שיפלאך. פאר זונ־אויפגאנג האָט מען נאָר געזעהן זייערע פייערלאך, וואָס האָבען ווי פייער־פליעגען א בלישטש געטאָן און פערשוואונדען; יעצט אָבער האָט מען זיי אליין געזעהן אין גאנצען און דאָס הארץ איז פול געוואָרען מיט פרייד. איך האָב געבענשט פון טיעפקייט פון מיין נשמה די אָרעמע, אונבעשיצטע צו שטורם, געוויטער, און געפאהר אויסגעזעצטע מענשען אויף די דאָזיגע שיפלאך. איך האָב געבעטען עס זאָל זיי חלילה קיינמאָל קיין סיבה ניט געשעהן.

וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען צו האמבורג, אלץ פרעכטיגער, ערהאבענער, ראָמאנטישער איז דאָס געוואָרען. לינקס האָט זיך געצויגען א גאנצע שורה מיט קונסטפאָלע, בעצייבערענדע מויערען, געבויט לויט די געשמאקסטע פלענער פון ארכיטעקטור. דאכט זיך דער שטריינג גאָטישער, עכט־דייטשער סטיל נאָר צוגעמישט מיט א מאָדערנע געמיט־פוצונג, א מין קינסטלערישען „כאפ“, אן איינפאל, אן המצאה'לע. עפעס א קוימענדעל, וואו מען ריכט זיך גאָר ניט אויף איהם, א טהירעל ביים שפיץ דאך; א מאָדנער פענסטעריל מיט צוויי האלב־רונדע לאָדענדלאך גאָר אָן א זייט, דאכט זיך גאָר אויסען וועג און דאָך אזוי שען, א מחיה אָנצוזעהן. פון הילצערנע

נעביידעס איז קיין רייד ניט, דאָס זעהט מען פאר די אויגען ניט אָן. איך בין דורכגעפאָהרען זיעבען שעה מיט'ן שנעלצוג דורך ענגלאנד און האָב אויך קיין הילצערנע הויז ניט בעמערקט. עס איז מויער און מויער אָט וואו מען ווארפט נאָר א בליק; עס איז ניט ווי ביי אונז אין אמעריקא, וואו כמעט אלע פארם־הייזער זיינען אויפגעשלאָגען פון ברעטער. אָט טאקע צוליעב דעם אליין איז מיר איינגעפאלען, אז מיר האָבען מן הסתם מעהר העלצער און פלעקער צווישען די יענקים...

די עטליכע פאסאזשירען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זאלאָן פון דער „אָלדהאם" זיינען אלע ארוים אויפ'ן דעק. אפילו דער קראנקער דייטש אויך, נאָר ער איז עפּעס פערקראָ־כען אין א ווינקעל. נעבען מיר איז געשטאנען פון איין זייט א יונגער האמבורגער דייטש, א רייכער הענדלער פון קוילען און פאטראָליום, און פון דער אנדער זייט — אן ענגלישער גלח, וואָס וואוינט אויך מיט זיין פאמיליע אין האמבורג און איז דאָרט דער פרעדיגער אין דער ענגלישער רעפאָרמירטער קירכע.ביידע זיינען געווען זעהר אָרענטליכע מענשען און גרויסע פאטריאָטען פון זייערע פאטערלענדער. דער קוילען־הענדלער האָט געקוואָלען פון האמבורג און דער גלח האָט גע־זוכט צו פערטיידיגען די בלאָטעס פון גרימזבי. דער דייטש האָט זיך געשמאָלצען פאר נחת ווען ער האָט געזעהן מיין בע־גייסטערונג פון די ראָמאנטישע סצענעס פאזע דער עלבע, און דעם ענגלישען גלח האָט דאָס געערגערט. איך בין אין מיטען וואסער געשטאנען צווישען צוויי פייערען.

עס איז געווען פון וואָס זיך צו בעגייסטערען.

אויף די הויכע, גרינע שמייכלענדע בערג האָבען ארוים־

נעקוקט פון א ים בעיאָהרענטע בוימער, זקנים, די פאַנטאַסטישע שלעסער פון די אַמאָליגע דייטשע ריצאַרעס און קריעגער. די אַנטיק־וואַרע אומעטיגקייט פון געשיכטע האָט געשוועבט אויף זייערע פערעלטערטע טהורעמס. א לאַנג־פערלאָרענע וועלט מיט איהרע ליעבעס געשיכטען און עהרען־מלחמות, מיט טויזענדע שענע, קינדיש־נאַאיווע און שרעקענדיגע מעשה'לאך האָבען פון דאָרט ארויסגעוואונקען. איך האָב געזעהן אז מיר האָבען דאָס אַלץ אריבערגעלעבט...

מיר זיינען פארביי געפאָהרען „קאַיזער ווילהעלם'ס פריי־וואַט קאַנאַל" דורך וואַנען זיינע יאַכט־שיפען געהען אריין גלייך נאָך קיעל. דער דייטשער סוחר האָט מיר געוויעזען דעם פירסטליכען שלאָס, וואו דער דייטשער רייכס־קאַנצלער גראף פאָן בילאָו איז געבאָרען געוואָרען און די גרויסע, וואונדער־שענע גיטער וואָס בעלאַנגען צו איהם. איינע פון די מערק־ווירדיגסטע זאכען אָבער איז געוועזען א קאָלאָסאַל סטאַטוע פון ביסמארקען, וועלכע האָט זיך ריעזען־הויך אריבערגעהויבען איבער אַלע שלעסער און געביידען פון דעם גאַנצען געגענד ארום.

— דאָס איז די ביסמארק סטאַטוע, האָט דער דייטש גע־זאָגט און אויף זיינע ארויפגעקאָמטע, קליינע, בלאָנדע וואָנצעס האָט גערוהט די דייטשע שכינה, ער וואַר איין גראָססע מאַן, האָט ער גלייך צוגעזעצט.

איך האָב זיך ניט געקענט אנדערש העלפען ווי מודה זיין און האָב איהם גלייכצייטיג ערקלערט אז ביסמארק'ס דריי האָר, וואָס ער פלעגט האָבען אויפ'ן קאָפּ, זיינען געוועזען א רמז אויף דריי זאכען: חכמה, מוט און רשעות און אז זיין גרויסער,

גלאנציגער פליך איז געווען א הימעל פאר דייטשלאנד און א „באלף מחילות“ פאר דער וועלט...

דער דייטש האט אראבגעשלונגען מיין בעמערקונג מיט די געפאסטע קאלטקייט פון א סוחר, אבער אין דעם גלח האט זיך אנגעצונדען א פעטשערע פון הנאה, ער האט דאס ניט צו־פיעל ארויסגעוויעזען, דען זייענדיג א פרעדיגער אין האמבורג, האט ער שוין געהאט פריהער ערקלערט, קומען איהם אפטמאל הערען דייטשען, וועלכע פערשטעהען ענגליש. ער וויל דער־פאר לעבען בשלום מיט אלעמען — דאס איז „ביזנעס“, גע־שעפט, נאר הערענדיג מיין מיינונג וועגען ביסמארק'ס סטאטוע האט ער מיר א פרעג געטאן אויב איך בין געווען א מאל אין לאנדאן. ווען איך האב געזאגט „יא“, האט ער מיר געפרעגט אויב איך האב בעזוכט די „וועסטמינסטער עבבי“ און געזעהן דארט די סטאטועס פון ענגלאנד'ס גרויסע לייט.

דער נאמען וועסט מינסטער עבבי, דיעזער גרויסער וועלט־מאנומענט פון אונשטערבליכקייט, האט ערוועקט אין מיר א געפיהל פון אכטונג און רעספעקט צו אלט ענגלאנד, צו איהרע גאונים און משוררים, וואס וועלען אייביג לעבען. איך האב זיך דערמאהנט אן מיין וויזיט אין לאנדאן מיט איניגע יאהר צוריק, אן מיין בעזוך אין דער היסטארישער פראטעסטאנטישער קאטעדרע, די מוטער־קירכע פון ענגלאנד, וועלכע איז אייגענט־ליך א מוזעאום פון סטאטועס, מאנומענטען, עפיטאפס און קברים; און וועלכער איז איינער פון די הויפט צענטערס פון דער גרעסטער שטאדט אין דער וועלט, וואס ציהט צו צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון בעזוכער. איך האב זיך דערמאנט אן דעם בעריהמטען „פאעטס קארנער“, דער „פאעטישער ווינ־

קעל", וואו שעקספיער שטעהט ווי א הימעלשער פראנט, אָנ־געשפּאַרט אָן זיין שרייב־טיש מיט א קלאָרע מאַרמאָרנע פּען אין האנד און קלערט... איך האָב געזעהן די עפּיטאפס, ביוס־טען און סטאטוען פון באיראָן און בען דזשאנסאָן, און מור, און דיקענס און נאָך, און נאָך, ווער קען זיי געדיינקען!

איך האָב דאָרט געזעהן א קאָלאָסאל סטאטוע פון לאָרד ביקאָנספיעלד אויסגעשניטען פון ווייסען מארמאָר אין א לאנגען פירסטליכען מאנטעל ביז דר'ערד און א טיעף־קלוגען, אידישען געדאנק ארום זיין גרויסען, הויכען שטערען. איך האָב א קוק געטאָן אין געדאנקען אויף דעם גרויסען איד, מענש, דיפּלאָ־מאט און דיכטער און ביסמארק'ס סטאטוע האָט מיר אויסגע־זעהן ווי א קארליק...

אונזער שיף איז דערווייל אלץ ווייטער געגאנגען און די פּאנאראמא פון בערג, פּאלאצען, פערגניגענס פּלעצער, רעס־טאָראנטען און גערטנער האָבען זיך אויפגעוויקעלט פאר די אויגען ווי א כשוף. נאָר אין מיטען פון אָט די אלע שענהייי־טען ביים רעכטען זוים פון דער עלבע האָט זיך פּלוצלונג ענט־דעקט א רייהע מיט פאבריק־געביידען און א הויכער קוימען, וועלכער האָט זיך גאנץ געמיטליך געדויכערט, ניט קימערענדיג זיך פאר קיינעם, לאָזענדיג זיין געדיכטען רויך אויף די בערג, וואו די שענע הייזער שטעהען... ווען איך האָב זיך דערוואוסט וואָס דאָס איז פאר א פאבריק האָב איך זיך אויפגעהערט וואונדערען אויף איהר חוצפה: דאָס איז געווען א צווייג פון אונזער אמעריקאנער בעוואוסטען פערשלינגענדען, רויבערשען און קרימינעלען סטאנדארד אָיל טראָסט.

ביי דער שטילער, רוהיגער עלבע, ניט ווייט פון דעם גרוי־
סען וועלט־פּאָרט האמבורג, האָט זיך דזשאהן ד. ראקפעלער
אויפגעבויט אן „איל רעפיינערי“. דאָ האָט דער דייטשער
סוחר געפונען א געלעגענהייט מיר צו נעמען דעם לעבער, זיך
אָברעכענען פאר מיין מיינונג וועגען ביסמארק׳ען. ער האָט
מיר אויסגערעכענט דעם גאנצען יחוס פון די אמעריקאנער
טראָסטס, זייער אריינוואָרפען אמעריקא אין איהר יעצטיגען
פינאנציעלען און עקאָנאָמישען קריזיס. ער איז ניט געווען קיין
„גרינער“ און געוואוסט וואָס ער רעדט און דער ענגלישער גלה
האָט איהם צוגעצימבעלט צום טאקט. — אמעריקא איז די
רייכסטע לאנד אין דער וועלט, — האָט דער קוילען־הענדלער
געזאָגט — ניט אזוי וואָלט זי יעצט אויסגעזעהן ווען ניט איה־
רע גנבה׳שע טראָסטס, וועלכע זיינען דאָרט די איינציגע רע
גיערער. דאָס אמעריקאנישע פאָלק איז אן עזעל ווען ער לאָזט
זיך אזוי פיהרען פאר׳ן נאָז פון א באנדע פרעכע רויבער. זיי
בע׳גזלן׳ען די מדינה און קויפען דערמיט אָב אלע אונזערע
פערפוילטע און אויסגעשפּיעלטע זאָגענאנטע „ארעלליים“ מיט
צווייפעלהאפטע און פערצווייפעלטע מיטלען, אייער געלד, איהר
דומע אמעריקאנער שטים פיה, בלייבט ענדליך דאָך ביי אונז
אין אייראָפּא. ווען איהר האָט שוין גאָר ארבייט און „פּראָס־
פעריטי“ ארבייט איהר פאר אונז, פאר דייטשלאנד, ענגלאנד,
עסטרייך און פראנקרייך. באלד וועלען ביי אייך פאַרקומען
די וואהלען פאר פּרעזידענט, ווענען וועט איהר ערוועהלען ווען
ניט אן אנדער גנב פון דער זעלביגער טראָסט באנדע?

ווער ווייס ווי לאנג דער דייטשער קויל־מאן וואָלט אזוי

געשוואָרצט אַמעריקאַ, אָבער דאָ איז די שיף אריין אין האפען און ער האָט געמוזט אונטערברעכען זיינע ארגומענטען. ווען ער האָט געענדיגט האָב איך איהם איבעררּאשט מיט דער ער־קלערונג, אַז איך בין פאָלשטענדיג איינפערשטאַנדען מיט איהם און פערזיכערענדיג, אַז איך וועל זיינע ווערטער איבערגעבען דעם אַמעריקאַנער פאָלק, האָב איך געדריקט זעהר פריינדליך זיין האַנד און בין אריין אין האַמבורג.

ניַנטער קאַפּיטעל

דייטשלאַנד דאָס לאַנד פון זעלנער, די ראָלע פון הינד אין אַמעריקאַ און אייראָפּא, אַ דייטש, וואָס פערשטעהט ניט קיין וויץ, אַ כשרה רעסטאָראַנט אין לייפּ־ציג, איך לויף אַ וועט מיט פאַרפעל.

IX

פּרייטאָג דעם 9טען יולי אין דער פריה בין איך אָנגעקומען אין האמבורג און בין נתפעל געוואָרען, קוקענדיג וואָס פאר א שענע קאזארמע דייטשלאנד איז. וואו איך האָב נאָר געוואָרפען א בליק האָב איך בעגעגענט סאָלדאטען. איך בין, דאכט זיך, געגאנגען פריי דורך די גאסען און האָב זיך דאָך געפיהלט ווי אין א לאגער. איך האָב ניט מעהר געאטהעמט די לופט פון א פריי לאנד, זאָנדערן די שטיק־לופט פון הערשאפט. איך האָב ענדליך דערזעהן, אז איך בין געקו־מען אין אייראָפּא.

„אין דייטשלאנד" — האָב איך מיר געקלערט — „קענען מענשען קיינמאָל ניט לײדען פון מאנגעל אין מלאכה. ווען מען זאָל דאָרט נאָר פאבריצירען סאָלדאטסקע קנעפּ וואָלטען אלע דייטשען געדארפט האָבען גענוג ארבייט. היינט וואו זיי־

נען קיוועדס, שליפעס, שווערדען, שווערדלאך, שפּאָרען און טויזענדער אנדערע זעלנערשע מכשירים״! איך האָב א קלער געטאָן וואָס פאר א פּנים אמעריקא קען האָבען אין א מלחמה מיט דער נעקיווערטער דייטשלאנד, ווי די רעפּובליק וואָלט ממש דערטרונקען געוואָרען אין מעשענע קנעפּלאך. אָבער איך האָב זיך באלד בערעכענט, אז די גבורה ליעגט ניט אין קיווער און ניט אין עפּאָלעטען און האָב זיך עפּעס ווי מעכאניש א טאָפּ געטאָן ביי דער בוזים קעשענע, וואו עס זיינען געלעגען מיינע בירגער־פּאַפּיערען...

איך האָב אָבער ניט געקענט לאנג קלערען, דען זייענדיג 9 טעג אין דער וועגענס מיעד, מאט און צובראָכען האָב איך זיך געאיילט ניט צו פערזאמען דעם צוג, און קומען וואָס גיכער אויף אן אָרט. איך האָב זיך דערפאר געווענדעט צו א זשאנ־דאר און אויף להכעיס זיין בלישטשעדיגע דייטשע גארדעראָב האָב איך גראד געפרעגט אין ענגליש אויף דעם האמבורגער וואָקזאל. ווען איך האָב איהם געזאָגט דאָס וואָרט אמעריקא איז ער געוואָרען אזוי ווייך און העפליך, אז איך האָב שיער, שיער געמיינט דאָס א זשאנדאר איז א דזשענטעלמאן. ער האָט מיך באלד אליין צוגעפיהרט צו דער ריכטיגער קאר, האָט ארויפגעשטעלט מיין טשעמאָדאן און אָנגעזאָגט דעם קאָנדוק־טאָר למה״ש ער זאָל מיך אראָבלאָזען נעבען באהנהאָף, אראָב־נעמען פאר מיר מיין פּעקעל און מיר ווייזען וואו צו געהן, וויל איך בין א דאָפּעלטע קאליקע: איך געה מיט א שטעקען און פערשטעה ניט קיין דייטש. דאן האָט ער געמאכט א פער־בייג און איז אוועק. מיר האָט דער שכל ניט אויסגעקריינקט,

איך האָב פערשטאַנען אַז דאָס בעהאַנדעלט מען אַזוי שוין אַמע־ריקא, אָבער ניט מיר און אַז מיט אַן אָרימען רוסישען איד מיט אַ טלומאַק אונטער'ן אָרעם וואָלט מען אַנדערש גע'טענה'ט. איך האָב דערפאַר געקוואָלען פון זיך אַליין וואָס איך האָב אַנגעפייפט דייטשלאַנד, און איהר געמאַכט גלויבען, אַז איך פערשטעה ניט איהר לשון.

אויפ'ן קאַר איז גראַד געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געקענט ענגליש און הערענדיג דעם זשאַנדאַר'ס טענות האָט ער מיר ערקלערט, דאָס ווען דער קאָנדוקטאָר וועט מיר העלפען אַרונטערנעמען מיין טשעמאָדאַן זאָל איך איהם געבען עטליכע פעניג אַ „טיפ", ווייל דאָס איז דאָ די מאָדע. איך האָב דעם יונגען מאַן געענטפערט, אַז דייטשלאַנד זאָל בעסער אויסגעבען קנאַפּער אויף זעלנער און בעצאָהלען מעהר איהרע קאָנדוקטאָרס וועלען זיי פערשפּאָרען פערוואַנדלען די קאַרס אין צדקה פּושקעס.

אויפ'ן וואַגזאַל האָב איך אָבער אויסגעפונען, אַז מען קען זיך ניט אויסקויפען אין אייראָפּא פון „טיפּס", „טרינק־געלד", און אַז אין דייטשלאַנד טרינקט מען טאַקע. ביי מיר איז דאָן רעכט געוואָרען דאָס ווילהעלם אַליין וואָלט אויך גענומען אַ „טיפּ" דערפאַר, וואָס ער איז קייזער. איך האָב נאָך געהאַט גאַנצע דריי שעה צייט צו וואַרטען אויף מיין צוג און אָבגעבענ־דיג מיינע זאַכען אויף באַגאַזש און בעצאָהלענדיג דערפאַר אַ קרימינאַלע טאַקסע האָב איך „געטיפּט" דעם בעאַמטען אין שליפעס מיט פינף פעניג, פאַר'ן אַרויסגעבען מיר אַ טשעק אויף מיין ביסעל אַרעמקייט און בין אַרויס אַ קוק טאָן אויף האַמבורג.

אויסער סאָלדאטען מכל המינים האָט אויך האמבורג שע־נע און פרעכטיגע געשעפטען און גרויסארטיגע געביידען. איך האָב גרויס חשק געהאט אויסצוגעפינען דעם אָרט, וואו היינריך היינע האָט אַ מאָל געהאלטען אַ באנק־געשעפט, אין וועלכען ער פלעגט, אַנשטאָט געשעפטען, מאכען לירישע ליעדער, נאָר פרעגען אַ דייטשען זשאנדאר אויף היינען איז שוין אַ שטיקעל ריזיקע, דען דאָ וואָלט שוין קיין ענגליש אויך ניט געהאָלפען. ער וואָלט גלייך געזעהן אז איך בין אַ איד און וואָלט מיך אָב־גע׳פטר׳ט מיט אַ תירוץ.

וואָס מיר איז זעהר שטארק געפעלען געוואָרען זיינען געווען די פעדלער־וועגעלאך געפיהרט פון הינד. דער הונד פיהרט דאָרט דעם וואָגען מיט סחורה און דער סוחר געהט און האלט די לייצעס. דאָס איז טאקע פראַקטיש. ביי אונז אין אמעריקא מאכען די הינד אַ לעבען בלויז פון בילען. אין דייטש־לאנד אָבער איז אַ הונד קיין יחסן ניט; ער מוז ארבייטען, ביי טאָג דארף ער שלעפען אַ וואָגען און ביינאכט — בילען... אין מאָנארכישע לענדער איז אפילו אַ הונד ניט פריי... איך בין צוגעגאנגען צו אַ וואָגען מיט פרוכט, האָב געקויפט אַ האלב פונט קארשען, האָב „געטיפט" דעם פעדלער פאר׳ן פערקויפען מיר זיין סחורה און בין געבליעבען שטעהן אין גרויס פערלעג־גענהייט.

— וואָס דיינקען זי זאָ, מיין הערר? האָט מיך דער מאן פון די פרוכט געפרעגט.

— איך דיינק, האָב איך איהם ערקלערט, אויב איך דארף דעם הונד געבען אויף „טרינק־געלד" אָדער ניט.

ווי ווייט דער דייטש האָט פערשטאנען מיין וויץ, קענט איהר זעהן דערפון, וואָס ער האָט מיר פערזיכערט אויף זיין עהרענוואָרט, אז דער הונד טרינקט ניט קיין בראנפען און קיין ביער, און איך דארף זיך ניט מטריח זיין... איך האָב א שמיי־כעל געטאָן און בין אוועק טראכטענדיג: פאר ווענען האָט איי־גענטליך סאפיר, דער בערי̇המטער דייטשער הומאָריסט, גע־שריעבען זיינע וויצען?

די צייט האָט זיך שנעל אוועקגערוקט און איך בין ווידער געווען אויפ'ן וואגזאל, מענשען האָבען דאָרט געטומעלט און געדעשט נאָך מעהר ווי אויף דעם נויאָרקער גרענד סענטראל דעפּאָ פון די 42טע סטריט, און וואו מען איז געגאנגען האָט מען געהערט „דאנקע שען", „ביטע שען", „ביטע שען", „דאנקע שען". איך האָב א פרעג געטאָן א באהנ־בעאמטען דורך וועל־כער טיר איך דארף געהן צו דער לייפציגער באהן, — און מחשבות'ן, איך בין געפּאָהרען פון האמבורג נאָך קארלסבאד ניט דורך בערלין זאָנדערן דורך לייפציג, — דער בעאמטער האָט מיר זעהר העפליך גענטפערט, מיט א שמייכעל זאָגאר. ער האָט אויך באלד ארויסגענומען פון קעשענע א ביכעל און מיר געוויזען, אז איך האָב נאָך צוואנציג מינוט צייט און איך קען נאָך טרינקען דערווייל א גלאָז ביער און אז ער אליין איז אויך קיין הונד ניט און קען נאָך ארונטערלאָזען א „זיידעל" „ווירצבורגער", אָדער „פּילזנער". איך האָב פערשטאנען, אז דאָס שמעקט מיט א „טיפּ" און איך האָב דאָס איהם דערלאנגט.

— דאנקע שען!

— ביטע שען!

אין צוואנציג מינוט ארום בין איך געפאָהרען. דאָס וועטער איז געווען שען, א הערליכער זומער־טאָג, די פעלדער זיינען געווען פול מיט שניטער: מענער, פרויען און קינדער, יונג און אלט. איך האָב ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער פון וואגאָן און מיין הארץ איז געוואקסען פאר פרייד. באלד אָבער איז מיר אומעטיג געוואָרען: איך האָב צווישען די הונדערטע, טויזענדע שניטער און פעלד־ארבייטער קיין איינציגען איד ניט געזעהן... איך האָב זיך דערמאָנט, דאָס מיינע אידישע ברידער פון אמעריקא און אייראָפּא זיינען צונויפגעשפּארט אין דומפּפע, שמוציגע גאסען פון דער גהעטטאָ אין פּעדלער מארק, אין שוויץ־װארקשטאטען און אין אלערהאנדיגע קרעמלאך. אומעטיגע געדאנקען האָבען מיך בעפאלען ווי ווילדע רויב־פויגעל און געפּיקט שטיקער נשמה. איך האָב זיך געפרעהט וואָס די באהן איז געקומען צו א סטאציע און איך האָב פערגעסען די פריהערדיגע מחשבות...

אין אבענד, ארום זעקס א זייגער, בין איך געקומען נאָך לייפּציג. איך האָב געהאט א פּאָר שטונדען צייט און האָב זיך האסטיג ארויסגעלאָזט אין שטאָדט זוכען אידען. איך האָב נאָך אלס קינד געהערט ריידענדיג ווי מען פאָהרט אין לייפּציג האנדלען. הונדערטע אידישע לעגענדען פון סוחרים זיינען פערבונדען מיט לייפּציג. א געקיווערטער פּאָליציאנט נעבען באירישען וואָגזאל, וואו איך האָב אויסגעשטיגען, האָט מיר געזאָגט איך זאָל נעמען די אָמניבוס נומער 2 און פאָהרען נאָך די „ברילל", דאָרט וואוינען די אידען.

אין פופצעהן מינוט ארום בין איך געזעסען אין דער לייפּ־

ציגער „בשר'ער שפּייז־ווירטשאַפט“ פון ר„ א. ס. רייכשטראַסע עקע בריל און האָב זיך פערמאַטערט יאָגענדיג א פאַרפעל אין א פולער טעלער יויך און האָב איהם ניט געקענט כאַפען... הערר ס. איז א יאָדערדיג אידעל, מיט א צוקראַכען בערדעל, און א יאַרמולקע. ער האָט מיר פאַר קיין פאַל ניט געלאָזט עסען. ביי יעדער זופּ האָט ער מיר געפרעגט אַן אנדער קשיא. ווען איך האָב אויסגעזופּט די טעלער „פאַרפעל“ האָט ער שוין געוואוסט אפילו ווען מיין ברית מילה איז געווען, ווי מען האָט גערופען מיין קוואַטער און וויפיעל מאָל איך האָב געהאַט בויך־ווייטאָג אין מיין לעבען. איך האָב געוואָלט עפּעס עסען, אָבער ס... האָט נאָך געהאַלטען אין איין פרעגען קשיות און איך האָב מורא געהאַט איך זאָל ניט פערשפּעטיגען דעם צוג.

אָט אזא מפלה האָב איך געהאַט אין לייפּציג. ווען איך וואָלט דיקטירט מיין גאנצע אווטאָביאָגראַפיע פאַר א צייטונג אָדער א זשורנאַל וואָלט איך דערפון עפּעס פערדיענט, אין לייפּציגער בשר'ער „שפּייז־ווירטשאַפט“ האָב איך דאָס געטאָן אומזיסט און האָב נאָך געמוזט בעצאָהלען פאַר די ערלויבנים צו לויפען א וועט מיט דייטשע פאַרפעל.

— דאַנקע שען.

— ביטע שען!

צעהנטער קאפיטעל

אין איין עסטרייכישע טאמאזשנע, דאס שטעדטיל עיגער און איהר וואגזאל ביי נאכט, א זעלטענער חלום פון אייער, דאס קרעהען פון א האהן וועקט מיר אויף צו א „טיפ", מיין בעגעגענים מיט איין ארימען משומד.

X

פון האמבורג נאך לייפציג בין איך נאך געפאהרען ווי א שטיקעל פריץ, אבער פון לייפציג נאך קארלסבאד האבען זיך שוין אנגעהויבען מיינע צרות. פון לייפציג בין איך שוין ניט מעהר געפאהרען אין דער דייטשער באהן און אויך ניט מיט דעם שנעל־צוג, זאנדערן מיט דער באירישער באהן און מיט דעם פערזאנען־צוג און בין טאקע ארויסגעצויגען געווארען. אין דער דייטשער באהן בין איך, וואס אן אמת, אויך געפאהרען דריטע קלאסע, מיר האבען דארט אויך גע־קוועטשט זאלבע־פינפט א טרוקענע, הילצערנע באנק, נאר די באנק איז געווען א ריינע און דער גאנצער וואגאן — זויבער

זיך אין איהם צו שפיעגלען, אָבער די באירישע באהן איז געווען א חזיר־שטאל און די באיערען — חזרים.

ווי געזאָגט האָבען מיר אפילו געקוועטשט די דייטשע באנק זאלבע־פינפט, און זי איז דערפון אפילו א האָר ווייכער ניט געוואָרען, די באירישע באנק אָבער איז נאָך פיעל הארטער געווען. עפעס האָבען זיי אזעלכע הארטע האָלץ אין באיערען!...

אין די דייטשע וואגאָנען, וואו עס איז געווען אויסגע־שריעבען „ניכט רויכען", האָט מען טאקע ניט גערויכט, דער דייטש איז א געהאָרכזאמע, געצוימטע חיה, דער באיער אָבער איז געזעסען מיט זיין פערשטונקענע ליולקע אין מויל און גע־לאָזט דעם רויך גלייך אויף דעם „ניכט רויכען". עס איז געווען אומזיסט דאָס פראָבירען זיך זעצען אין אן אנדער וואגאָן, עס איז אומעטום געווען דערשטיקט צו ווערען פון רויך און צו חלש'ן פון שמוץ. די פרויען און קינדער זיינען דאָרט געזע־סען ווי אין א קאזארמע; איינגעוויקעלט אין מאכאָרקע־רויך און אונגעהובעלטע קאָמפּלימענטען. איך גלויב, אז די רשעים אויף יענער וועלט טראנספּאָרטירט מען צום גיהנם אין דער באירישער אייזענבאהן.

אָט אזוי האָט מען זיך געשלעפּט דורך באיערען ביז דריי א זייגער ביי נאכט, ווען מען איז אָנגעקומען נאָך דער בעהמיש־עסטרייכישער גרעניץ־שטעדטיל עגער, אָדער ווי די דייטשען רעדען דאָס אוים „עיגער". דאָ האָב איך זיך ערשט דער־וואוסט, דאָס איך מוז פערבלייבען אין „עיגער" ביז זעקס א זייגער אין דער פריה און דאן האָב איך נאָך קארגע צוויי שעה נאָך קארלסבאד.

דאָס איז געווען די דריטע מדינה, אין וועלכע איך בין

אריינגעפאָהרען אין פערלויף פון מיין נסיעה, דאָס דריטע מאָל, וואָס איך האָב געמוזט דורכמאכען דעם חיבוט הקבר פון לאָזען רעווערירען מיינע פעקלאך, צו ווייזען אז איך פיהר נים קיין קאָנטראָבאנד. אויף מיינע צוויי טשעמאָדאנעם האָבען שוין געקלעפט די צעטלאך פון דער ענגלישער און דייטשער טאָמאָזשנע און יעצט זיינען געשטאנען ארום זיי די צאָל־אמט לציס פון עסטרייך. קראנק, צובראָכען, פערשלאָפען און זיך האלטענדיג פאר דעם אָרט, וואָס איז געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די באירישע אייזענבאהנ־ביינק, בין איך וויעדער דורכגעגאנגען די אונאנגענעהמע שטיקעל ארבייט, פאנאנדערצושפרייטען מיינע אלטע אונטער־הויזען במחילה און די וועש, וואָס זיינען שוין שווארץ געוואָרען אין דערוועגענס, וויעדער האָט מיר אן אָביעשטשיק אריינגעשטעקט די האנד וואו זיין הארץ האָט נאָר געגלוסט און געפרעגט וואָס איך האָב דאָרטען, אויב דאָרט ליעגט נים בעהאלטען ערגעץ טרפה סחורה...

— האָבען זי טאבאק ?

— ניין !

— האָבען זי שנאפס ?

— ניין !

עס איז מיר נאָך הייסט דאָס קנאפ ביטער אָהן שנאפס און אָהן טאבאק ! א פערשלאָפענער און פער׳חלש׳טער ווי א פערוויאנעט בלאט האָב איך וויעדער צונויפגעלייגט דאָס בי־

סעל מטלטלין, פערבונדען און פערשלאָסען די טשאמעדאנעס, זיי איבערגעלאָזט אָבגעפיהרט צו ווערען נאָך קארלסבאד און האָב זיך קוים זשיפענדיג אריינגעשלעפט אויף מיין שטעקען אין ווארט־צימער.

איך בין יעצט אייגענטליך ניט מעהר געווען אין א ווארט־צימער פון א וואָגזאל, נאָר אין אן אלטע, פערדרויכערטע קרעטשמע מיט אָרעמע פויערען און פויערטעס, וואָס זיינען געזעסען ארום טישלאך און געטרונקען ביער און בראנפען און פערביסען שטיקער טרוקענע ברויט. דאָס איז ניט מעהר געווען א וואָגזאל אין דער זויבערער, שמעקעדיגער דייטשלאנד, וואו עס טומלען זיך עלעגאנטע מענער און פרויען, וואו אלץ גלאנצט און לעבט, און קוועלט פון זיך, ניין! דאָס איז א קבצנ׳סקער, פערשימעלטער וואגזאל מיט אָבגעבליאקירטע, פערשמאָלצענע בעאמטע, מיט אָרימע צולאפטשעטע, פערפינסטערטע פויערען, בעהמישע פויערען. די באהנ־בעאמטע און די פאָליציי האָבען נאטירליך געטראָגען מונדירען, אָבער פון די ערגסטע סחורה און האָבען אויסגעזעהן ווי סטאטיסטען־זעלנער אין דעם נויאָרקער אידישען אָריענטאל טעאטער עליו השלום.

איך בין צוגעגאנגען צום „בופעט". ערשט איך קען די מאכלים אין מויל ניט נעמען: געדרויכערטע חזירשע קעפ, פערדעכטיגע דארע קישקע און נאָך אזעלכע געריכטען. ענדליך האָב איך אויסגעפונען אז מען קען דאָ קריגען אייער און ברויט מיט פוטער, איך האָב זיך געזעצט ביי א טישעל און געהייסען געבען שיטערע אייער און א בולקע מיט פוטער, איך האָב אָבער גראָד געקריגען הארטע אייער ווי שטיינער. מיט איינע

האָב איך זיך געראַנגעלט אפשר צעהן מינוט און בין איהר בייגעקומען, אויף דער צווייטער אָבער בין איך איינגעשלאָפען.

האָבענדיג צוקאָפּענס אן איי אנשטאָט א קישען, האָב איך גע׳חלום׳ט, אז גאַנץ עיגער איז א היהנער־שטייג און אַלע פּאסאזשירען זיינען היהנער, נאָר דער באַהנ־פּרעפעקט איז דער איינציגער האָהן, וואָס שטעהט אויפ׳ן מיסט־קאַסטען און קרעהט. דער גאַנצער וואַגזאַל איז דאכט זיך געווען געמאַכט פון אייער, אן אייערדיגער פּאָליציאַנט איז ארומגעגאַנגען מיט א שווערד פון אייער און אן אייערנעם קיווער. יעדער באַהנ־בעאַמטער איז געווען אן איי, א פערשטונקענע איי... פּלוצלונג האָט דער האָהן א קרעה געטאָן, עס איז אָנגעפאָהרען אן אייער־דיגער צוג און וועלענדיג אריינקריכען אינעווייניג, האָב איך זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט.

דער זייגער האָט מיר געוויזען, אז איך האָב בלויז גע־שלאָפען פופצעהן מינוט. איך האָב זיך האַסטיג דערמאָנט, אז איך האָב נאָך ניט „געטיפּט“ דעם משרת, וואָס האָט מיר פער־זאָרגט מיט אזא שענעם חלום, דען ווען די אייער וואָלטען געווען שימער, וואָלט איך זיי אויסגעזופּט און עס וואָלט גאָר ניט געווען. איך האָב דערפאַר האַסטיג בעצאָהלט מיין פער־שלאָפענעם חוב און האָב געהענדיג איבער׳ן „וואַרט־זאַל“ פּלוצ־לונג דערזעהן א מאָדנע נאָז. דאכט זיך א אידישע נאָז, נאָר די וויינפערלאך אויפ׳ן שפּיץ האָבען מיר געלאָזט אין א פער־לעגענהייט. די נאָז האָט מיר גענומען אינטערעסירען און איך האָב בעשלאָסען אז זי האָט דאָך א שייכות מיט אידען. צו טרעפען א אידען צוויי שעה רייזע פון קאַרלסבאַד אין מיטען

נאכט האָט מיך שטאַרק געפּרייט און איך האָב מיט איהם אָנ־געהויבען ריידען.

עס האָט מיר ניט לאַנג גענומען אויסצוגעפינען, אז די נאָז האָט מיך ניט אָבגענאַרט, זי איז ווירקליך געווען אַ אידי־שע, נאָר די ווייַנפּערלאַך זייַנען געווען קריסטליכע, דער מאַן איז געווען אַ משומד. ער האָט זיך, ווי עס האָט געשאַינט, ניט בענוגענט דערמיט, וואָס די גוים האָבען איהם אָבגעטונקט אין וואַסער, דען אום צו זיין אַ שטאַרקער כריסט פלעגט ער זיך אליין אלע ווײַלע אָבנעצען מיט בראַנפען...

אין פערלויף פון עטליכע מינוט האָב איך אויסגעפונען, אז דער דאָזיגער אידישער כריסט אָדער כריסטליכער איד רעדט ענגליש, דייטש און אראביש, אז ער האָט זיך שוין אויס־געוואַלגערט אין אלע מיסיאָנס־הייזער פון דער וועלט, אז ער האָט שוין געשכור'ט אין נויאָרקער בויערי און לאָנדאָנער קאָ־מערשעל ראָוד, אין קאירא, עגיפּטען, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וואו די וועלט האָט נאָר אַ קרעטשמע, וואָס פערקויפט בראַנפען. ער איז געפאָהרען פון קארלסבאד, וואו ער איז בלויז געווען פיער טעג און אויסגעפונען אז ער קען אין נירענ־בערג, למשל, אָדער ערגעץ אנדערש טרינקען אַ סך ביליגער.

איך האָב בעטראַכט דעם מאַן'ס אָבגעניצטע צורה, וועל־כע איז געווען פּונקט אזוי אָבגעניצט ווי זיינע קליידער, און האָב איהם געפרעגט ווי אזוי איינענטליך ער איז געקומען צו דער שמד און איבערהויפּט צו טרינקען אזוי פיעל. זיין גערזיכט האָט פלוצלונג אָנגענומען אַן ערנסטען אויסדרוק. די האלב־

אויסגעלאָשענע, פערשלאָפּענע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, ער איז געוואָרען אַן אַנדער מענש. נאָכדיינקענדיג אַ ווײלע, האָט ער מיר געזאָגט: „צרות, מיין פריינד, צרות. מיין לעבען איז אַ פּנקס פון עלענד, פערלאָרענע האָפנונגען, אָבגענאַרטע ליעבע און רדיפות פאר פרייע געדאַנקען. איך האָב זיך גע־וואָלט דערטרינקען אין כריסטענטום, האָב איך ניט געקענט. איך זוך זיך יעצט צו דערטרינקען אין בראַנפען. איך פיהל ווי איך זינק צום גרונד, אָבער דאָך אַזוי גיך געהט דאָס ניט. צווישען אידען בין איך אַ גוי און צווישען גוים — אַ איד. איך האָב ערגעץ אַ פרוי און קינדער אין גאַליציען. וואו זיי זיינען, וואָס מיט זיי איז געשעהן, ווייס איך ניט. איך בין פערשאָלטען. איך בין אַליין. איהר ווייסט וואו איהר פאָהרט, איך — ניט! ווען די אייזענבאַהן זאָל מיך איבערפאָהרען וואָלט איך ענדליך געפונען מנוחה.“

דאָס האַרץ האָט מיר פערקלעמט ביז טרערען.

— נו, וואָס וועט זיין דער סוף פון אייך? האָב איך איהם געפרעגט.

— זאָל ער זיין וואָס ער וויל, נאָר זאָל ער שוין קומען, האָט ער מיר געענטפערט און זיך אָבקעהרענדיג אַן אַ זייט, האָט ער אָוועקגעווישט אַ טרער.

מיר האָבען ביידע געשוויגען און זיינען אַרוים פון וואַרט־צימער אין דרויסען. עס איז געוועזן פינסטער, אין וואַגזאַל האָבען געשמינקעלט עטליכע דונקעלע פייערלאַך, נאָר אין הי־מעל האָט מען קיין איינציגען שטערען ניט געזעהן... מיר זיינען

ביידע געגאנגען, איך האָב זיך געוואָלט צורוקען נעהענטער צו איהם, זיך צוטוליען צו איהם, נאָר דאָס הארץ האָט מיר ניט דערלאָזען... און אין דער פינסטער האָב איך זיך אלץ מעהר און מעהר פון איהם אָבגערוקט און בין אוועק...

אין א האלבע שעה ארום איז אָנגעקומען דער צוג. איך האָב זיך ארייגעזעצט און בין אָבגעפאָהרען נאָך קארלסבאד.

עלפטער קאפיטעל

קארלסבאד מיט איהרע טויזענד וואונדער, א מישמאש
פון אלע ראסען און קלאסען, קעניגע, דיפלאמאטען,
דיקטער, קינסטלער, דיינקער טרינקען קארלס־
באדער וואסער, איין אינטערנאציאנאלע
שורה מיט מענשען.

XI

שבת דעם צעהנטען יולי אין דער פריה בין איך אנגעקומען אין קארלסבאד און בין דארט געבליבען שטעהן איבער־ראשט און פערוואונדערט. דער מלאך פון שכחה האט מיר באלד דערלאנגט א צווייטען מאל א שנעל איבער דער אוי־בערליפ און איך האב פערגעסען אן מיין גאנצע רייזע, אן אלע איהרע פאסירונגען, מענשען און זאכען, וואס איך האב גע־זעהן און געהערט און אין מיר האט נאר געלעבט איין זאך — קארלסבאד. איך בין מיט איינמאל געשטאנען ווי אין א כשוף און ארום מיר האבען זיך געטומעלט און געדרייט ווי א ראד אלע נאציאנען און ראסען פון דער וועלט. איך האב דערזעהן אלע מינים מענשען, אלע סארטען קליידער און מארעס און

האָב דערהערט אַלע שפּראַכען און דיאַלעקטען, איך האָב בע־ריהרט מיט די עלענבויגענס די גאַנצע מענשהייט.

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די אויגען, ווי גיך איך בין אריין אין שטאָדט, זיינען געווען די גאַליציאַנער און פּוילישע מחנות חסידים אין בעקעשעס ביז דר'ערד, אין שטריימלען אין יארמולקעס, אין שיך און זאָקען און מיט הויזען אין די כאַליאַוועס, מיט לאַנגע, משונה'דיגע בערד, מיט אויסגעקראַכענע בערדלאך און מיט פּאות ביז די לאַצען. זיי האָבען זיך געצויגען דורך די גאַסען פּונקט ווי אין די שטעדט און שטעדטלאך פון וואַנען זיי זיינען געקומען, האָבען געמאַכט מיטביידע הענד אין דער הויך, געדרייט מיט דן גראָבע פינגער, זיך מפלפל געווען און איבערגע'חזר'ט דעם רבינ'ס תורה. זיי זיינען געגאַנגען זייט ביי זייט מיט פירסטען, פּרינצען, גראַפען און גרויסאַרטיגע דאַמען, שימירירט אין סאַ־מעט און זייד, אין גאָלד און בריליאַנטען, און קיינער האָט פון זיי, פון די מערקווירדיגע אידען ניט געלאַכט, אפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן. דאָ איז א קור־פּלאַץ, וואו יעדער איינער קומט זוכען געזונד און עס ליעגען איהם ניט אין זינען קיין זייטיגע זאַכען, דאָ רעספּעקטירט מען יעדען גאַסט, דאָ זיינען אַלע ווילקאָמען, ווייל די שטאָדט לעבט פון זיי. די פופצעהן טויזענד שטעדטישע איינוואוינער פון קאַרלסבאַד לעבען פון די זיעבעציג אָדער אכציג טויזענד קור־געסט, וואָס קומען דאָ יע־דעס יאָהר טרינקען די זעלטענע וואַסער.

איך געה דורך שענע, פּערפּוצטע גאַסען, איך זעה די פיינ־

סטע געביידען און שרייענדיגסטע קראַמען, האָטעלען, רעסטאָ־ראַנען, טעאַטערע, בין דאַכט זיך אין רעכטען מיטען פון נויאָרק אָדער לאָנדאָן, דאָך די ריעזיגע ערצבערג וואָס גאַרטלען ארום די שטאָדט און וואָס זיינען טאַקע אין שטאָדט גופא ווייזען מיר מיין טעות.

ווען גאַנץ עסטרייך וואָלט נאָר בעשטאַנען פון דיעזען וואונדערבאַרען קור־אָרט אליין וואָלט זי אויך געווען דאָס שענ־סטע לאַנד אויף דער וועלט, דען אַלץ, וואָס די נאַטור פערמאָגט אין פראַכט און ערהאַבענהייט, האָט זי פערשווענדעט אויף קאַרלסבאַד און דאָס, וואָס זי האָט ניט געהאַט, האָט געהאַט דער מענש, און ער האָט דערימט בעשאַנקען די פרינצעסין פון בעהמען.

קאַרלסבאַד איז אַ אייביגער מאָנומענט פון ליטעראַטור, קונסט, דיפּלאָמאַטיע, שענהייט, מיליטעריזם און פריעדען. פון די קאַרלסבאַדער ברונענס האָבען שוין געטרונקען אזעלכע דיכ־טער ווי געטהע, שילער און קערנער, אזעלכע דיפּלאָמאַטען ווי ביסמאַרק און מעטערניך, אזעלכע שוישפּיעלער, קאָמפּאָזיטאָרס און מוזיקער ווי זאָנענטאַל, פּאָסאַרד, ליסט, בעטהאָווען, וואַג־נער, פּאַדערעווסקי, קובעליק און יאָאַכים. דאָ זיינען געווען אזעלכע קור־געסט ווי מאַלטקע, קאָשוט, מאַקס נאָרדוי, דער שאַך פון פּערסיען, די מלכה'ס פון עסטרייך, שוועדען און פּאָרטוגאַל און טויזענדע אַנדערע וועלט־בעריהמטע און היסטאָ־רישע פּערזענליכקייטען.

פון פינף אזייגער אין דער פריה ביז צעהן ביי־נאַכט

שטרעמען די קור־געסט מיט קריעגלאך און גלעזער אין די הענד און אויף רימענדלאך ארום זיך צו די פערשיעדענע ברונענס טרינקען, לויט דעם בעפעהל פון די ערצטע. דעם זאָנדערבאר־ סטען בילד זעהט מען דאָ יעדען מאָרגען אין דער געוועהנליכער ברונען־צייט. איך קוק אויף צוויי לאנגע שורות פון א פּאָר טויזענד מענשען, וועלכע שטעהען אין אָרדנונג און ווארטען מיט זייערע געפעס, אז די ברונען־מיידלאך זאָלען זיי דער־ לאנגען דאָס וואסער. אָט ווי איין שורה זעהט אויס, איך פערשרייב די מענשען ווי זיי שטעהען אין אָרדנונג איינע הינ־ טער די אנדערע:

אן אלטע, צוקאָרטשעטע אידענע אין א האַרבאנד און א קאָפּ־טיכעל מיט א פּאָר גרויסע דראָטענע שפּאקולען; א הויי־ כער קאָזאצקער מאיאָר מיט א פּאָר לאנגע, פונאנדערגעשפּרייטע באקען־בערד אין א גלענצענדען מונדיר מיט רויטע שניר און גאָלדענע שליפעס און א שווערד ביי דער זייט; א חסידישער רבי, אין א זיידענע בעקעשע און א גרויסע שטריימעל און פיער פאטשיילקעס: איינע ארומגעבונדען ארום די לענדען, איינע הינטען אין קעשענע פון וועלכער א שפּיץ שטעקט ארויס אויף דערויסען, איינע אין בוזים, מיט א עק ארויס און איינע ארום האלז; א יונגע פערפוצטע דאמע אין א ווייסע זיידענע קלייד מיט א שלעפּ, אין א הוט מיט א גרויסען, ווייסען פעדער און א רויטען זיידענעם שירעם אין האנד; פינף חסידים איינע הינטער די אנדערע; א גרויסער, דיקער אפשר פיער הונדערט פונטיגער כינעזער מיט א צאָפּ ביז די קניע און א געלען טע־ פּעל אין האנד; א טערק אין א רויטע יארמולקע מיט א קו־

טאם; דריי עסטרייכישע ליוטענאנטס; א חסיד; א מאָנאך אין א לאנגער דעליע און א גרויסען צלם אויף א שנור פאַטשירקעס; א חסיד; א פוילישער פריץ אין א העלען אנצוג און א פאנאמא הוט, ער רעדט פויליש צו זיין פרוי, וועלכע שטעהט אָן א זייט; א רויטער חסיד אין א שווארצען כאלאט; א הינדו מיט א טורבאן אויפ'ן קאָפּ און צוויי לאכמאנעס איינע איבער די אנדערע; דריי אידען אייראָפּעאיש געקליידעט; א גלח; א חסיד; א יעגער מיט א פעדער אין היטעל; א וואונדערשענע אידישע מיידעל געקליידעט ווי א גרעפין; אייראָפּעאישע און אפשר אויך אמעריקאנישע מענער און פרויען גרויסארטיג געקליידעט, ריידען צווישען זיך דייטש, פראנצויזיש, ענגליש און שפאניש; א רוסישער פּאָפּ; א ציגיינער; א טשערקעס אין זיין טשערקעסקען מונדיר; א רבי מיט צעהן חסידים איינע הינטער די אנדערע און א בעהמישע פרוי אין איהר נאַציאָנאלע נארדעראָב, וועלכע בעשטעהט פון א ווייסע קלייד מיט צוויי שווארצע פארטוכער פון דער רעכטער זייט און דער לינקער, און א שווארצע זיידענע טיכעל אויפ'ן קאָפּ פערבונדען מיט א שלייף פון הינטען.

אָבער דאָס אלץ איז ווי א טראָפּען אין ים, דען עס איז קיינער ניט אימשטאנד צו בעשרייבען די צונויפגעפאָהרענע פון דער גאנצער וועלט, וועלכע הוזשען, מישען און זשומען דאָ ווי אין א ביהנ־שטאָק. די מענשען האלטען אין איין קומען און אוועקגעהן, אין איין בייטען זיך. יעדער טאָג ברייגנט אחער נייע פנים'ער, יעדער האלבער טאָג ווערט קארלסבאד בענאיט מיט א פרישע בעפעלקערונג. די געוועהנליכע צייט פון א

קוראַציע איז פיער וואָכען, אָבער יעדען טאָג ענדיגען זיך אַן אנדערענס פיער וואָכען און ער מאַכט פּלאַץ פאַר נייע חלאַים.

איינע פון די הויפּט בעדינגונגען אין קאַרלסבאַד איז שטע־קען אַלע ווײַלע די הענד אין קעשענע. אַט פּילט מען אַן א גרויסען טייסטער מיט העלער און אַט זײנען זיי שוין אין די העל... פאַר איין אמעריקאַנישען דאָלאַר האָט מען דאָ 500 הע־לער אָדער צוויי הונדערט פופציג גרייצער, אָבער מען פרייט זיך מיט דעם בארג פּיעטאַקעס גאָר ניט אָן, דען איידער מען גיט א פינטעל מיט די אויגען איז מען שוין א „גלאַטער בעל הבית" און מען מוז אָנפילען די בייטעל פון דאָס ניי.

שטעלט זיך נאָר פאַר דעם גרעסטען באַדע־פּלאַץ אין דער וועלט מיט זיינע טויזענדע בעדיענטע, משגיחים „יוצר משרתים ואשר משרתיו" אין די רעסטאָראַנען, האָטעלען און בעדער, בע־רעכענט נאָר אַזוי פיעל בריעפענטרעגער, אָמניבוס־קאָנדוקטאָרס, פּאָרטערס, וועשערינס, ארבייטער, בעאַמטע, אויפזעהער, וועג־ווייזער, העלפער און בעהעלפער, שטופער און אונטערשטופער פון כל המינים, וואָס איהר קענט נאָר הערען און געדיינקען, און קיינער פון זיי נעמט כמעט קיין געהאַלט, אין גענצנטייל, מאַנכע צאָהלען נאָך צו זייערע בעלי הבתים, ווייל די „טיפּס" ברייגגען זיי זעהר פיעל איין און די, וואָס קריגען שוין כלומרשט יאָ שכירות, שיינקען אויך ניט זייער „טרינק געלד". אַן איי אין קאַרלסבאַד בעשטעהט פון א ווייסעל, א געלבעל און א „טיפּ". אייך ארט ניט אַזוי פיעל דאָס געלד ווי דאָס, וואָס איהר זייט מחויב צו צאָהלען יענעמס ארבייטער, וועלכע שקלאַ־ווען פאַר איהם אומזיסט.

צוועלפטער קאפיטעל

די אייביגע מלחמה צווישען די צוויי שטעדט קארלסבאַד און פישערען, די גרעסטע צאָהל חלאים זיינען אידישע, מיין בעגעגעניש מיט אַ געזונדען אידען, וואָס איז נאָכגעפאָהרען זיין צופיעסטעטע ווייב.

XII

יעדער מענש, וואָס קומט אין קארלסבאד פערוויילען מעהר ווי אכט טעג, אויב ער איז א קור־גאסט אָדער ניט, מוז בעצאָהלען קור־טאקסע און מוזיק־טאקסע, אָבער אָרעמע לייט דרייען זיך פון דיעזע טאקסעס גאנץ לייכט ארויס. זיי „פייפען" אָן דער קארלסבאדער אדמיניסטראציע דערמיט, וואָס זיי וואוינען אין פ י ש ע ר ע ן, עטליכע מינוט גאנג פון קארלסבאד. פישערען איז אָבגעטהיילט פון קארלסבאד דורך דעם טייך עיגער איבער ועלכען א בריק פערבינדעט, אָדער בעסער געזאָגט, צושיידט די דערמאָנטע צוויי שטעדט.

פישערען איז א מקום פאר זיך אליין און האָט מיט קארלסבאד קיין שייכות ניט. אין פישערען זיינען ניטאָ קיין בעדער, קיין ברונענס מיט רפואות־וואסער. זי האָט זיך דערפאר נאָר

נים מיט וואָס איבערצוגעמען און איז ביי זיך נים אזוי געהוי־
בען. זייענדיג פון מאנכע פונקטען צימליך ווייט פון די ברו־
נענס און די בעדער איז פישערען א ביליגער וואוינ־פלאץ פאר
אָרעמע קור־געסט. אין פ׳שערען שלאָפען שוין דריי חסידים
אין איין בעט און דעקען זיך צו מיט׳ן רבי׳ן און אזעלכע בעטען
געפינען זיך אָפט צוויי, דריי אין איין צימער. אין קארלסבאד
למשל דארף קאָסטען א געוואוינליכער צימער מיט איין בעט
פאר איין מענשען 25 קראָנען א וואָך מיט בעדיענונג, אין פי־
שערען קריגט מען דאָס פאר 9 קראָנען. די איינציגע זאך אין
וואָס די צוויי מקומות שטעהען גלייך זיינען די „טיפּס“, טרינק־
געלד מוזט איהר אין פישערען אויך געבען, איהר קענט זיך
דערפון נים אויסקויפען פונקט ווי פון מלאך המות.

ווי געזאָגט, איז פישערען נים אזא מיוחסת ווי די באדע־
שטאָדט, זי האָט זיך אבסאָלוט נים מיט וואָס צו גרויסען. וועה־
רענד קארלסבאד איז דאָס פאָלשטענדיגסטע קינד פון דער נאַ־
טור, געבענשט מיט די ניצליכסטע מינעראל קוואלען, מיט בערג
וואָס שפּארען אונטער די וואָלקען און מיט די טיערסטע וועל־
דער, איז פישערען א הוילע זאמדיגע וויסטע, אז אפילו איהרע
עטליכע שענע מויערען פאסען דאָרט עפּעס גאָר נים אריין.
און דיעזע אָרעמע יתומה נעבאך האָט גאָר נים קיין אויסזיכט
ווען עס איז שענער צו ווערען, דען זייענדיג מחוץ למחנה, דער
עיר מקלט פאר אביונים, האָט זי נים קיין גרויסע איינקונפט
און בלייבט שטענדיג די אייגענע, ניין, זי ווערט נאָך מיאוס׳ער,
דען וואָס רייכער קארלסבאד ווערט, אלץ אָרעמער בלייבט פי־
שערען.

אָבער אפילו דאָס ביסעל אָרעמע חלאים פערגינט איהר קארלסבאד אויך ניט און זי רעכענט זיך אָב מיט איהרע געסט. קארלסבאד גיט יעדען טאָג ארויס א קור־ליסטע פון אלע נייע מענשען, וואָס האָבען זיך דעם טאָג געמעלדעט ביי דער פּאָליציי — אין מחשבות'ן, מעלדעט מען זיך אין פישערען אויך. ווי שנעל איהר שטעלט אריין א פוס אין א לאזשי רוקט אייך דער בעל הבית אָדער די בעל הבית'טע אונטער א צעטעל און איהר מוזט שרייבען פון וואנען איהר קומט א. ז. וו. פונקט ווי אין רוסלאנד. — גיט אלזאָ קארלסבאד ארויס א קור־ליסטע מיט איהר יעדען פרעמדענס נאָמען און אדרעס, און פון וואו ער קומט. דיעזע קור ליסטע געפינט זיך אין יעדען רעסטאָראנט און יעדער קאפע־הויז, אויף אזא ארט געפינען זיך צונויף פריינד און בעקאנטע און מען דערוויסט זיך יעדען טאָג וויפיעל און וועלכע געסט עס זיינען געקומען; די געסט פון פישערען אָבער קענען אין דיעזער ליסטע ניט אריינקומען. די קארלסבאדער צייטונגען האָבען אפילו לעצטענס איבערגעשראָקען פישערען דערצעהלענדיג, אז די קור־געסט פון יענער זייט בריק וועלען ניט טאָרען געהן צו די ברונענס טרינקען אין דער פריה מיט די קארלסבאדער געסט צוגלייך; אז די מענשען פון פישערען וועלען ערשט צוגעלאָזען ווערען צו די קוואלען פון 9 אזייגער און אזוי ווי דאָס וואסער מוז געטרונקען ווערען אויפ'ן ניכטערען הארצען וועט פישערען פערליערען אלע איהרע „באָרדער". דען נאָכ'ן טרינקען מוז מען נאָך ווארטען א שטונדע ביז מען מעג עסען איבערבייסען, היינט וועלכער קראנקער מענש וועט דאָס קענען ווארטען אזוי לאנג? אָבער דאָס איז נאָר געווען איין אומזיסטער סטראשען, דען שליסליך וויל זיך

קארלסבאד ניט אָנהויבען מיט די געסט פון פישערען, ווייל סוף כל סוף בלייבט אפילו זייערע עטליכע גראָשען אויך ביי איהר. די פישערניקעס ליעגען סיי ווי סיי גאנצע טעג אין קארלסבאד, זיי נעמען דאָרט די בעדער, זיי געהען דאָרט צו דאָקטוירים, צו קאָנצערטען און טעאטער, זיי זיצען דאָרט אין די פארקס און טרינקען א גלעזעל מילך, ביער אָדער בראנפען.

וואָס אונז מעג איבערהויפט אינטערעסירען אין קארלסבאד איז דאָס, וואָס 90 פראָצענט פון די חלאים, וועלכע קומען אהער, זיינען אידען. דאָ דערוויסט מען זיך ערשט ווי קראנק אונזער פאָלק איז. איהר הערט ריידען רוסיש, פויליש, פראנצויזיש, ענגליש, אונגאריש און דייטש, און די מעהרסטע פון דיעזע ריידער זיינען אידען. אלע זיינען זיי קראנק. פאר וואוילטאָג פאָהרט מען ניט נאָך קארלסבאד, אָבוואָהל עס גיט ניט קיין כלל אָהן א יוצא מן הכלל. איך וויים אויך איינינע פעלע, דאָס מענשען זיינען דאָ געקומען סתם שעפען נחת און לעבען א גוטען טאָג, אָבוואָהל זיי זיינען אפילו ניט ערב קראנק.

איך האָב דאָ איינמאָל אָנגעכאפט א אידען אין גאס און האָב זיך מיט איהם פונאנדערגערעדט. אין קארלסבאד ווארט מען ניט צו ווערען פאַרגעשטעלט, דאָ איז א צונויפגעפלויגענע וועלט פון ווילד־פרעמדע מענשען, מען זאָל דארפען ווארטען אויף א „אינטראָדאָקשאָן“ וואָלט מען זיך פערגעסען ריידען. האָב איך זיך הייסט דאָס מיט איינעם צו'טענה'ט. דאָס איז געווען זייגער זיעבען אין דער פריה, א ים מיט מענשען האָבען זיך געלאָזט צו די ברונענס און מיר האָט זיך עפּעס אונטערגע־רוקט אונטער'ן האנד א איד, וואָס איז אויך ווי אויף צופלייסען מיטגעגאנגען.

— גוט מאָרגען.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר.

— דאכט זיך א איד.

— א שאלה.

— פון וואנען?

— פון ביאליסטאָק.

— מן הסתם א חולה?

— איך ווייס?

— וואָס הייסט, פאר וואוילטאָג קומט מען אין קארלס־באד?

— מיין ווייב איז דאָ, בין איך אויך געקומען.

— א חולנית נעבעך, הא?

— האָט קאָפּ־שמערצען.

— ניט קיין מאָגענפעהלער?

— חלילה! עט סתם אין דער וועלט, האָט זיך איינגע־רעדט קארלסבאד און קארלסבאד, און איז אוועקגעפאָהרען. זיצט שוין דאָ פיער וואָכען, האָב איך זיך מישב געווען און בין אויך געקומען

— אָבער פעלען פעלט אייך חלילה גאָרניט.

— אויף אלע קראנקע געזאָגט.

ניט אלע זיינען אָבער ווי דער ביאליסטאָקער איד, 90 פּראָצענט פון די אָנגעפאָהרענע זיינען ווירקליך קראנק און

דאָס וואסער דערלייננגערט זיי די יאָהרען. די וואסערען פון קארלסבאד קענען ניט גענוג געלויבט ווערען, זייערווירקונג איז אונפעלבאר, סיידען איינער קומט שוין אהער מעהר טויט ווי לעבעדיג, מיט אן אלטע, פערלייננגערטע קראנקהייט, אָבער אויך אין אזא פאל בלייבט דאָס וואסער ניט שולדיג דעם קראנ־קען קיין הילף, עס לינדערט זיינע ליידען. ווי ווייט איך האָב געקענט בעטראכטען, קומען די קלענסטע צאָהל אידישע מאָ־גענליידענדע פון דער ליטא. איך האָב געפרעגט מיין דאָקטאָר איבער מיין בעאָבאכטונג איז ריכטיג און ער האָט בעשטעטיגט און אלס אורזאכע האָט ער אָנגעגעבען די איינפאכע, געזונדע, ניט געקינסטעלטע שפייזען, וואָס די ליטוואקעס פערצערען. פון פראָסטע, אונגעפעלשטע, ראָזאָוואנע ברויט מיט קרופניק, האָט דער דאָקטאָר ערקלערט, קריגט מען ניט קיין מאָגען־קאַ־טאר. דיספעפסיע, האָט ער ווייטער געזאָגט, ליעגט אין די אלערהאנדיגע משוגענע צוקער און אייער געבעק, אין פערשיע־דענע פוטער־קוכענס און אין פעטע געבראָטענס מיט וועלכע מען פרעסט זיך נאָך דערצו איבער, מען שטאָפט אין מאָגען ווי אין א זאק גאָר אָהן א חשבון.

שטאָפען אין מאָגען איז אָבער איינע פון די הויפט־זאכען אין קארלסבאד. דאכט זיך א וועלט מיט חלאים, מיט מאָגענ־קראנקע און איהר קריגט אין קיין איינציגען רעסטאָראנט קיין ביינקעל, וואו זיך אוועק צו זעצען. קוים קומט איהר פינף מינוט שפעטער צו מיטאָג, אָדער וועטשערע מוזט איהר שטעהן און ווארטען ביז א מאָגען־קראנקער וועט קאָנטשען אויפעסען זיין צוויי־פונטיגען געבראָטענס, מיט נאָך א פינף, זעקס מאכלים

און פערבייסען מיט א שיסעל קאָמפּאָט. מען עסט און מען טרינקט די הייל־וואסער און ווען מען האָט שוין דורכגעמאכט די „קור" און מען האלט שוין ביי פאָהרען אהיים, האָט מען שוין ווידער א מאָגען קאטאר נאָר פון דאָס ניי אום דעם נעכ־סטען סיזאָן ווידער צו קומען נאָך קארלסבאר.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

קאַרלסבאַד איז ניט נאָר אַ קור־אָרט נאָר אויך אַ פּערגני־ גענס־פּלאַץ, די מוזיק אַ טייל פון די קוראַציע, די פּער־ שיעדענע ברונענס און דער בעריהמטער „שפּרודעל", דער פאַנאַטיזמוס פון די קור־געסט, ווי אַ חסידי־ שער רבי טרינקט די הייל־וואַסער.

XIII

קאַרלסבאַד איז דער שענסטער און פרעהליכסטער שפּיטאָל אין דער וועלט. פון בעגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט זעהט מען דאָ נאָר פערפּוצטע מענער און פרויען, און וואו מען קעהרט זיך הערט מען שפּיעלען די פּרעכטיגסטע מו־ זיק. מיט דער איינציגער אויסנאַמע פון מאַריענבאַד, אַ שוועס־ טער קור־שטאָדט פון קאַרלסבאַד, דערגרייכט דאָ די מאָדע און דער גלאַנץ די העכסטע שטופע. מען קען זיך דאָ זעהר שווער פאָרשטעלען, אז עס עקזיסטירען ערגעץ וואו נויט און אָרעמקייט, דען אפילו דער אָרעמסטער קומט דאָ אין זיין בעסטען בגד און שטריינגט אָן די לעצטע קרעפטען צו ערשיינען יום טוב'דיג. איבריגענס פערליערען זיך דאָ די קבצנים אין דעם ים גבירים אדירים, מיליאָנערען, גראַפען, פירסטען און מאַגנאַטען.

אמעריקא האָט אייגענטליך אויך א מין קארלסבאד, אין וועלכער איך בין אמאָל געווען, דאָס איז האט ספרינגס, אר־קענזעס, וועלכע האָט אויך אונשעצבארע הייסע וואסער־קוואַ־לען, דאָרט קומען אויך מענשען פון אלע לענדער זוכען געזונד, אָבער עס איז קיין פערגלייך, דען חוץ דעם, וואָס קארלסבאד איז דער גרעסטער קור־אָרט אויפ'ן גאנצען ערד־קוגעל איז זי אויך גלייכצייטיג אן אונבעשרייבליכער פלעזשור־פלאץ.

קארלסבאד איז אזוי וואונדערליך שען, אזוי נאטירליך און קינסטליך אויסגעצאצקעט, אז אפילו די וואָס קומען שוין דאָ צעהן יאָהר נאָכאנאנד האָבען נאָך אויך איהר גאנצען צויבער נים געזעהן. די גאנצע שטאָדט בעשטעהט אין גרונט גענומען פון א קליינעם טהאָל, אָבער זי איז אזוי וואונדערבאר געבויט, די הייזער זיינען אזוי גייסטרייך צוגעקלעפט צו די בערג און אזוי כיטרע ארויפגערוקט אויף די בערג און אפילו אין די בערג; אז זי קומט ארויס זעהר גרויס. אָט זייט איהר, דאכט זיך, אין מיטען שטאָדט און אָט זייט איהר אין א גע־דיכטען, סאָסנאָוועז וואלד און זעהט שוין צומאָל נים קיין שאטען פון א הויז, אלץ איז פערלאָרען פון אייער בליק און איהר זייט אין איינע פון די טיעפסטע געווילדען. איהר קענט דאָ נים געהן צעהן, פופצעהן מינוט איהר זאָלט נים קומען צו א פארק, א בארג, אָדער א וואלד.

געוועהנליך שפיעלט דאָ מוזיק צוויי מאָל א טאָג אין דער פריה די גאנצע ברונען־צייט און אין אבענד ביז א זייגער צעהן. אין דער פריה ווערט געשפיעלט אין די גרויסארטיגע, אָפענע

ברונען־טעמפּלען, די קאַלאַנאַדען, וואו דער עולם גייט טרינ־קען וואסער, און אין אבענד — אין די שטאָט־פּארקס און אין די אריסטאָקראטישע האָטעלען „סאוואָי“ און „פּופּ“, וועל־כע וואַלטען זיין א ציערונג אפילו אין ניו יאָרקער 5טע עוועניו. די אָרקעסטערס זיינען אַלע אזוי גרויס און גוט, ווי אין די גרעס־טע אָפּערא הייזער פון דער וועלט. די מוזיקער זיינען קינסט־לער פון ערשטען ראנג. דאָס שפּיעלען איז פריי פאר יעדען איינעם, אָבער אומזיסט הערט מען דאָס דאָך ניט. אזוי ווי יעדער גאסט מוז צאָהלען א קור טאקסע אזוי מוז אויך יעדערער צאָהלען א מוזיק־טאקסע, נאָר דער, וואָס קען בעווייזען, אז ער איז אָרים, האָט קנאפּער צו צאָהלען, אין גאנ־צען זיך דערפון אויסדרעהען איז זעהר שווער. די מוזיק איז דאָ אין א געוויסען זינן א טייל פון דעם קור פּונקט ווי דאָס איז אין א מקום קדוש א טייל פון דאַוונען. דער קראנקער טרינקט דאָס וואסער און די מעלאָדיען צוגלייך און פיהלט א דאָפּעלטע היילונג.

די קוואַלען זיינען דאָ ניט אָפען ווי די נאטור האָט זיי בעשאפען, ווי זיי זיינען אין האָט ספּרינגס, למשל, וואו יעדער איינער קען צוגעהן צו דער שטיינערנער, קאָכעדיגער קרעניצע און פון דאָרט אָנשעפּען און טרינקען, דאָ זיינען די וואונדער־פולע קוואַלען צוגעדעקט און ארומגעבויט אזוי ווי מיט אַלטא־רען און ביי יעדער אַלטאר שטעהען יונגע מיידלאך אין ווייסע, ריינע פּארטוכער, ווי פּריסטערינס, און שעפען די הייליגע, גע־בענשטע וואסערען און דערלאנגען זיי צו די קור־געסט. כמעט אַלע קוואַלען געפינען זיך דאָ אין איין גרויסער אָפענער קאָלאָ־

נאדע, וועמעס ריעזיגער דאך עס רוהט אויף הונדערטע מאסיווע, מארמארנע זיילען, ווי אן אלטער, רוימישער טעמפעל. איין איינציגע קוואל נאר איז פאראן וואס האט א טעמפעל פאר זיך און א פראכט־טעמפעל דערצו, עפעס ווי פאר א גרעסערען גאט, דאס איז טאקע דער מלך מלכי המלכים פון די ברונענס — דער „שפרודעל", דער שטאלץ פון קארלסבאד, ניין: דער שטאלץ פון דער וועלט, פון דער בריאה. אויב די גרויסע ברונען־קאלאנאדע מיט איהרע היילונגס־קוואלען איז דער בית המקדש, דאן איז די שפרודעל־קאלאנאדע דער קדשי קדשים. יא, הייליג איז אט דער ארט, די נאטור אליין האט דאס געהייליגט און אויסגעגאסען דערויף איהר קדושה, ברכה און איהר װאונדער.

אלע קוואלען, וואס געפינען זיך אין קארלסבאד, זיינען שטילע, רוהיגע; זייערע מעדיצינישע פליסיגקייטען רינען אין בעל הבית'ישער בעשידענהייט, זייערע רפואות קומען ארויס מיט געוועהנליכען גאנג דורך דינע, ניקעל־קראנען, וואס ווערען קיינמאל נים פערמאכט. מאנכער קוואל, וואס ווערט ווייניגער געניצט, האט בלויז איין קראן און די פיעל־געניצטע, די פאפולערע קוואלען ווי דער „קאיזער ברונען" און דער „מיהל־ברונען" האבען צוויי קראנען, כדי מען זאל אין דער אלגעמיינער טרינק־צייט, אין דער פריה, קענען דעם עולם שנעלער אבפארטיגען — דער „שפרודעל" אבער שיסט זיינע קאכעדיגע וואסער ווי א קאנאן אין מיטען פון א ריעזענגרויסען בעקען, ארום וועלכען עס טומלען זיך טויזענדע מענשען.

צו דיעזען גרויסען מיוחס קענען די „וואסער־מיידלאך"

ניט צוקומען נאָהענט, אונטערשטעלען א גלאָז אָדער א בעכער, ווי זיי טוען דאָס ביי די אנדערע קוואַלען, דער „שפּרודעל“ לאָזט ניט צו צו זיך, ער האַלט אַלעמען פון דער ווייטען. די מיידלאַך שטעהען מיט גאַנץ לאַנגע שטעקענס אין וועלכע מען טשעפּעט אָן די כלים און מען האַלט זיי אונטער׳ן שפּרודעל און אויף אזא אַרט „גנב׳עט“ מען פון איהם אַרויס דאָס וואַ־סער. אויף די ווענד פון דער „שפּרודעל־קאָלאָנאַדע“ געפינען זיך ציטאַטען פון פערשיעדענע גאונים און דיכטער, וועלכע האָ־בען דיעזע נאַטור־קינד בעשריעבען און בעזונגען. און די „שפּרו־דעל־קאָלאָנאַדע“ איז גאַנץ אנדערש ווי די אנדערע, זי איז ניט אָפען, זאָנדערן מיט גלעזערנע ווענד אַרום און אַרום, און מען געהט דאָרט אַריין דורך ברייטע אָפענע טהירען, וואָס זיינען גרויס ווי טויערען. דער זאָגענאַנטער שפּרודעל־טעמפּעל, האָט זיך אויך א גאַנץ בעזונדערען אַרקעסטער פאַר זיך. אויסער זיין געבען מענשען הילף באַלד אויף אָן אָרט, גיט דער שפּרו־דעל אַרויס פון זיך א מין זאַלץ, וואָס ווערט צושיקט נאָך אַלע ציוויליזירטע לענדער. די קאַרלסבאַדער זאַלץ איז א זעהר גרויסע אינדוסטרי ביי וועלכע עס ווערען בעשעפטיגט א סך מענער און פרויען. די זאַלץ דיענט אַלס אָבפיהרונגס־מיטעל און מען קריגט דאָס אפילו אין אַלע אַפּטייקען פון נויאָרק.

אָבוואָהל קאַרלסבאַד האָט די גרעסטע און בעסטע באַדע־אַנשטאַלט אין דער וועלט, דאָך קומט מען דאָ כמעט הויפּט־זעכליך טרינקען. אחוץ דעם „שפּרודעל“, וועמעס וואַ־

סער עס פּרעגעלט, זיינען די וואסערען פון אלע אנדערע קוואלען בלויז ווארם. די קור־געסט טרינקען דאָ ניט דאָס וואסער אויף זייער אייגענעם בעראָט ווי זיי טוען דאָס אין אמעריקאנער האט ספּרינגס, זאָנדערן לויט דעם פּערזאָג פון די ערצטע, וועלכע ווייסען שוין די אייגענשאפטען פון די פערשיעדענע ברונענס. די וואסערען האָבען כמעט אלע דעם זעלביגען טעם: א מין אנגענעמעם ווארעמעם זעלצער־וואסער, וועלכעס לאָזט זיך פיהלען ביים טרינקען, אז עס איז פאבריצירט פון דער נאטור אליין און ניט אין א זעלצער־פאבריק.

צו בעוואונדערען איז די רעליגיעזע ערנסטקייט, די טיעפע אמונה מיט וועלכע די מענשען טרינקען דאָ זייער פּאָרציאָן וואסער, זיי טרינקען דאָס מיט א מין אבערגלויבען, א פאנאטיזמוס, פון וועלכער די קארלסבאדער איינוואוינער לאכען אין די ארבעל, אָפען וועלען זיי דערפון ניט לאכען, ווייל דיעזער אבערגלויבען גיט זיי חיונה. מען דערצעלט, אז צוויי ברונענמיידלאך האָבען זיך אמאָל צוקריעגט, טאקע ביי איינעם פון די ברונענס אין דער צייט פון טרינקען, און איינע האט אויסגעשריען צו די אנדערע: „דו ביסט דום ווי א קור־גאסט"... דאָס רוב קור־געסט זיינען טאקע ווירקליך דום און די מיידלאך זעהען דאָס צום בעסטען. זאָל א מיידעל חלילה וחס דערלאנגענדיג דעם בעכער צו די גלאָז פּראָבירען פערגיסען א טראָפּען וואסער, זיינען די קולות ביז'ן הימעל. אן אלטע אידענע האט אמאָל געקראָגען ניט קיין פולען בעכער וואסער, האט זי ניט אָבגעטראָטען און האט געלאָזט שטעהן הינטער זיך א שורה פון טויזענדע מענשען ביז מען האט געמוזט איהר בעכער דערגיסען. מיר האט דערצעהלט דער היגער ראבינער דר. ציגלער, אז ער

האָט אליין געזעהען ווי א חסידישער רבי איז געשטאנען אין מיטען פון דער קאַלאַנאדע מיט א גלאָז וואסער אין האנד. און ביי יעדער זופּ האָט ער פערגלאָצט די אויגען צום הימעל, זיך פער'דבק'עט, געקרעכצט „אוי טאטע פאָטער“! און געטופּעט מיט'ן פוס. די חסידים ארום איהם האָבען געריבען די הענד און זיך געקראצט פאר התפעלות. קיין וואונדער איז דאָס אייגענטליך ניט, וואָס א חסיד ווערט אזוי נתפעל אין קארלס־באד. ער איז געוואוינט צו געפינען זיין רפואה אין א גלעזעל משקה, אין א ביסעל „תקון“ און דאָ ליעגט דאָס גאָר אין איינפאכע וואסער...

פיערצעהנטער קאפיטעל

עס געפינען זיך אין קארלסבאַד, פאטי, זאַנענטהאַל, בער־ריהמטע אידישע שרייבער, דר. בירנבוים האַלט אַ רעדע וועגען אַמעריקאַנער „לויפּערס“ און רופט אַרויס אי־בערראַשונג, מיין פאַרלעזונג אין קור־הויז־זאַל און די בעהאַלטענע אַפּלאַדיסמענטען, די קללה פון אַנזיכטס־קאַרטען, אַ טשאַכעטשאַווער איידים מיט אַ שוויגער.

XIV

אפשר קיין אָרט אויף דער גאַנצער ערד איז אַזוי גלייכגיל־טיג צו וועלט־בעריהמטע מענשען, ווי די שטאָדט קארלס־באַד. איך זאָג די שטאָדט, ווייל איך מיין טאַקע קארלס־באַד גופא אָבער ניט איהרע פרעמדע מענשען; ניט די געסט. קארלסבאַד האָט שוין צופיעל געזעהן, אום פון עפּעס אָדער אימיצען נתפּעל צו ווערען. פון די געסט אָבער מוז זיך אַ פּאָפּולערער מענש היטען, דען זיי זיינען דאָ זעהר נייגיעריג און בעפאלען איינעם ער זאָל זיי אונטערשרייבען אַנזיכטס־קאַרטען, סואווענירער פּאָסטאַל קאַרדס, און סתם אריינשרייבען

דעם נאָמען אין ביכער און ביכלאַך, א זאַך ,וואָס האלט מיך שוין דאָ זייט צוויי וואָכען בעשעפטיגט פון פריה ביז נאכט און אום זיך דערפון צו בעפרייען, לויף איך זעהר אָפט אוועק פון דער היים און בעהאלט זיך ערגיץ אין די בערג.

ווען קאפיטאן דרייפוס זאָל פלוצלונג קומען נאָך נויאָרק אָדער נאָך לאָנדאָן, וואָס וואָלט זיך דאן אָבגעטאָן. די בלעטער וואָלטען געווען פול מיט זיינע בילדער; גאנצע זייטען וואָלטען זיי פערשריעבען. דאָ אָבער איז דרייפוס יעצט א גאסט יוי אלע געסט, פונקט ווי דער נער'ער גוטער איד, אין האָטעל איז ער א קווארטיראנט, ביי דעם דאָקטאָר — א פאציענט, ביי די משרתים — א געגענשטאנד וואָס „טיפּט" און ביי די ברונענ־מיידלאַך — א „דומער קור־גאסט"...

נאטירליך איז דאָ דער היסטאָרישער מארטירער אינקאָג־ניטאָ, אונטער אן אנדער נאָמען, נאָר דער קארלסבאדער „העראַלד", אן ענגליש בלאט, האָט געבראכט די נייעס אין עטליכע שורות, אָהן פויקען און אָהן טרומייטערס און שא, גאָר ניט! אויב מען מיינט אפשר, אז די אנטיסעמיטישע קארלסבאד קי־מערט זיך ניט אום דרייפוס'ען, ווייל ער איז א איד, — האָט מען א טעות. דאָ זיינען יעצט פאראן נאָך וועלט־בעקאנטע מענשען און מען דערמאָנט זיי נאָר אויך אין דער ליסטע פון די קור־געסט, פונקט ווי יעדען איינעם.

אחוץ דרייפוס'ען געפינט זיך דאָ יעצט מאדאם פאטי מיט איהר מאן, באראָן ראלף צעדערשטרעם; דער בעריהמטער היס־טאָרישער דאָקטאָר דזשיימסאָן, וועלכער איז געווען די הויפט־סיבה פון ענגלאנד'ס מלחמה מיט די בורען פון סויטה אפריקא.

דאָ געפינט זיך דער אנטיסעמיטישער רומעגישער פרעמיער מי־
ניסטער, דעמעטער סטורדזא, וועלכער האָט פעריאָגט פון רומע־
ניען דעם בעוואוסטען ציוניסטישען פיהרער און ראבינער פון
די שפּאניש־פּאָרטוגעזישע געמיינדע אין לאָנדאָן, דר. משה גאס־
טאָר; דאָ איז אויך דאָ דער גרויסער שוישפּיעלער באראָן אדאָלף
פאָן זאָנענטהאל און צעהנדליגע פּרינצען, גראפען, לאָרדס און
פערשיעדענע אנדערע בעריהמטהייטען פון דער גאנצער וועלט,
מען ערוואַרטעט אויך מ. קלעמאַנסאָ, דעם פראנצויזישען פרע־
מיער מיניסטער און נאָך עטליכע אמעריקאנישע פּראָסטניקעס.
דאָ פעהלען אָבער אויך ניט קיין אידישע ליטעראַטען, ווי דוד
פרישמאַן, ראובן בריינין און דר. בירענבוים. דוד פרישמאַן
טראָגט זיך ארום מיט א מאָגען־פעהלער און מיט א פּלאַן פון
א נייע העברעאישע צייטונג אין ווארשוי, און דר. בירענבוים
טראָגט זיך ארום מיט א ליעבע צו אידיש און א כעס אויף
די אמעריקאנער אידישע קינדער און אויף אמעריקא אין אלגע־
מיין. ער האָט דאָ געהאַלטען א פּאָרטראַג אין א אידישען
האָטעל, ער האָט דערצעהלט, אז די אמעריקאנער אינגלאך האָ־
בען ווילדע, משוגענע אויגען, אז אידען גאָלען זיך דאָרט די
וואָנצעס די גוים אויף להכעיס, אז די גאנצע אמעריקאנער
יוגענד בעשעפטיגט זיך כמעט אויסשליסליך מיט ווארפען שנעע־
באָלס, אין וועלכע עס מוזען ליגען שטיינער, זאָנסט זיינען די
שנעע־באָלס פסול... אז די אידישע קינדער האָבען דאָרט קיין
אנדער בעשעפטיגונג ווי ברענען מאטראַצען אין די גאסען און
רייסען אידישע בערד; אז די יענקים זיינען ניט מעהר קיין
ענגליש־לייט און אז דאָס ריכטיגע ענגילש ליעגט נאָר אין באָס־
טאָן, פּראָווידענס, פאָלל ריווער און סיילעם סטריט... דר. בי־

רענבוים האָט אויך געלויבט אמעריקא און אמעריקאנער אידען, אָבער זיין ליוב האָט זיך דערטרונקען אין א ים פון טאדעל.

דער עולם, וואָס האָט די דרשה געהערט, האָט געגעסען וועטשערע און געהויבען די אקסעל פון פערוואונדערונג, וואָס פאר א משונה'דיגע, צודרומשקעטע מדינה אמעריקא איז. איך בין געזעסען אין „געהאקטע וואונדען" און זיך איינגעהערט וואָס דאָ געהט פאָר. היינט האָט די פערזאמלונג סתם געקוקט אויף מיר עפּעס מיט א מין פערדאכט. מען האָט מורא געהאט איך זאָל אין מיטען דערינען ניט כאפּען און אָנצינדען א מאטראץ, אויסרייסען א אידען די באָרד אָדער דערלאנגען דעם רעדנער מיט א שנעע־באָלל... א קשיא אויף•איין אמעריקאנער אידען !...

מען מוז זאָגען, אז די דרשה איז געווען „קור־געמעס" פּונקט ווי די קארלסבאדער מאכלים, עקסטרא געקאָכט פאר די מאָגען־ליידענדע : — אָהן ציבעלע, אָהן פעפער און אָהן זאלץ. יא, דאָס איז געווען א קור־געמעס־רעדע און מיך האָט געוואונדערט אויף אזא וויכטיגען, אמת־געבילדעטען מענשען, אויף אזא ע ה ר ל י כ ע ן מענשען און גלענצענדען רעדנער, ער זאָל ריידען אזעלכע ווערטער, וואָס איז געווען א חרפּה צו הערען. איך ווייס ניט, וואָס דר. בירענבוים האָט צו אמעריקא, דאָך פון אזא דיינקענדע פּערזאָן האָט מען געמעגט ערווארטען א פּיעל טיעפערען בליק אויף דער נייער וועלט, ווי אויף פאר־ברענטע מאטראצען...

נאָך דער רעדע זיינען מיר די לייט בעפאלען ווי ביהנען און געפרעגט, אויב עס איז טאקע אלץ אמת, וואָס דער געעהר־

טער דאָקטאָר האָט געזאָגט. משמעות, אז אין גאנצען גלאַט איז זיי די מעשה ניט פאָרגעקומען. אלס ענטפער אויף זייערע קשיות האָב איך זיי געהייסען א קוק טאָן אויף דר. בירענבוים'ס לאנגע, שענע, אינטעליגענטע באָרד צום בעוויז, אז מען האָט איהר אין אמעריקא ניט אויסגעריסען. ווייטער האָב איך זיי געפרעגט וואָס מען טהוט מיט אלטע מאטראצען אין קארלס־באד, אויב מען מאכט פון זיי בלויז כשר'ע „קור־געמעסע" קאָטלעטען פאר די מאָגען־ליידענדע, אָדער אפשר לעבען די איי־ראָפּעער אידישע מאטראצען אין אייביגער יוגענד און ווערען גאָר קיינמאָל ניט אלט. אין עטליכע טעג ארום האָט דער גע־עהרטער דאָקטאָר געהאלטען א עהנליכע רעדע אין מאריענבאד, נאָר איך בין דאָרטען ניט געווען.

דער כלל, עס פעהלט דאָ קיין זאך ניט. אלס נייעס איז דאָ זאָגאר פאראן צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון קארלסבאד, א אידישער „טרעאטער" מיט אקטיאָרען און אקט־ריצעס. דער דאָזיגער טרעאטער געפינט זיך אויך אין א אידי־שען רעסטאָראן, און עס געהען אריין ביז הונדערט מענ־שען. די „טרופּע" איז געקומען אהער פון לעמבערג, גאליציען....

צוזוואַרעמט פון דר. בירענבוים'ס אגיטאציע פאר אונזער מאמע־לשון, פאר די אידישע ליטעראטור און איבערהויפּט פאר דעם אידישען טעאטער, זיינען מאנכע טשיקאווע מענשען גע־קומען צוהיצט זעהען די אידישע שטיקער און זיינען אנטלאָפען ווי אָבגעפּליוכעט מיט קאלטע וואסער.

ווען איך וואָלט גראָד געהאט א שנעע־באָל וואָלט איך

עס א שליידער געטאָן אויף דער ביהנע דר. בירענבוים איז צו להכעים...

קארלסבאד צעהלט איבער דריי טויזענד אידישע איינוואָהנער. אלע מאכען זיי א שענעם לעבען, מאנכע זיינען זעהר רייך און הויבען זיך שוין אָן אָבצורוקען פון אידישקייט און אידען. דאָ זיינען פאראן ביז דרייסיג אדוואָקאטען, און בלויז א 5—6 זיינען קריסטליכע, די איבריגע זיינען אלע אידען. כמעט אלע קארלסבאדער דאָקטוירים זיינען אידישע; נייינציג פראָצענטען געשעפטען און האָטעלען ליגען אין אידישע הענד, די גרעסטע באנק־הויז בעלאנגט צו ראָטשילד און דעם וויענער אידישען באנקיר טאָסיג, וועלכער איז לעצטענס פערדאמט געוואָרען פון די עסטרייכער ציוניסטען און סאָציאליסטען פאר'ן שאפען רוסלאנד איהר גרויסע הלואה אין דער צייט פון די פאָגראָמען אויף אידען. די אידען האָבען דאָ א פרעכטיגען האלברעפאָרמירטען טעמפעל און א גרויסארטיגען שפיטאָל מיט אלע מאָדערנע איינריכטונגען און בעקוועמליכקייטען פאר אָרימע אידישע קור־געסט.

יאָ, די אידען האָבען דאָ אלץ, זיי האָבען דאָ אפילו „גלייכע רעכטע" מיט זייערע קריסטליכע שכנים, אָבער דעזע רעכטע זיינען בלויז אויפ'ן פאפיער און פון די גאנצע אידישע בעפעלקערונג מיט זייער גאנצע עשירות און רייכער פערטרעטונג אין די פראָפעסיאָנען, געפינט זיך דאָך ניט אין קארלסבאד קיין איינציגער אידישער שטאָדט־בעאמטער. די אנטיסעמיטען האָבען שוין דערפאר געזאָרגט, אז א איד זאָל דאָ ניט קענען דעם

קאַפּ אויפהויבען און זאָל שטענדיג בלייבען אין הינטערגרונד. דער איד קען זיך דאָ ניט דערשלאָגען צו א העכערע מדרגה ווי צו ווערען גערולדעט און צו הערען ביי יעדער געלעגענהייט דאָס ער איז א „יודע" און נאָך דערצו א „פערדאממטער".

די אַלגעמיינע שטימרעכט און די ציוניסטישע בעוועגונג האָבען אויפגעוועקט די אידען פון זייער פערזונקענהייט, זיי האָבען דערקענט זייער אייגענעם איך" און לאכען פון שווערד־לאך און שליפעס. די אידישע טעכטער, וואָס פלעגען נאָכלוי־פען נאָך די בעגולטע קנעפ פון א קריסטליכען ליימענאנט, האָ־בען זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט נעבען דעם בעגייסטערטען ציו־ניסט און אידישען סאָציאַליסט. דער שמד איז האסטיג אונ־טערבראָכען געוואָרען און העכערע אידעאלען האָבען פערנומען זיין וואסערדיגען אָרט. אין גאנץ בעהמען, עסטרייך, אונגארן און גאליציען עקזיסטירען אידישע נאציאָנאלע פעראיינען.

דעם גאנצען זומער האלט דער קארלסבאדער פעראיין פון אידישע יונגע לייט גוט בעזוכטע פערזאמלונגען, וואו עס ווערען דעבאטירט זעהר וויכטיגע פראגען. עס פאָהרען זיך דאָ צוזאַ־מען אידישע סטודענטען פון פראג, וויען און קראקאו און גיבען זיך אָב מיט אידישע ענינים, אידישע פּאָליטיק און אידישע ליטעראטור.

מיטוואָך, דעם 29טען יולי, האָב איך געהאט א גרויסע פאָרלעזונג אין דעם קארלסבאדער קור־הויז זאאל אין מיטען פון דעם שטאָדט־פּארק. מיינע פריינד פון פערשיעדענע לענ־דער, וועלכע האָבען געבילדעט די אראנזשעמענטס קאָמיטע פון דיעזען אבענד האָבען דוקא געוואָלט איך זאָל דאָרט פאָר־

לעזען מיינע ליעדער. די זאך איז אנאנסירט געווארען אי־
דער לאקאלער פרעסע און אין גרויסע בלעטער פון פראג, וויען,
קראקאו און אנדערע שטעדט, און די סמעטענע פון קארלסבאד
און קארלסבאדער קור־געסט האט זיך פערקליבען אין זאל און
געבילדעט דאס פובליקום פון מיינע צוהערער. צווישען עולם
האבען זיך אויך געפונען אידען פון פעטערסבורג, מאסקווא,
אדעס, ווארשע, קיעוו, מאהילעוו און קישינעוו. איך האב פאר־
געלעזען אייניגע פון מיינע ליעדער און עס האט געהערשט א
גרויס צופריעדענהייט. די אפלאדיסמענטען האבען זיך גע־
טראגען פון יעדען זייט, דאך ווי גיך איך האב איבערגעלעזען
די באלאדע פון „אידישען סאלדאט", וועלכער שיקט א שווערע
קללה אויף רוסלאנד'ס טיראנייע און מיינע צוהערער האבען גע־
שטורמט דעם זאל פאר בעגייסטערונג, האבען זיך אויפגעהויי־
בען עטליכע בלייכ־געווארענע, צושראקענע מענער און פרויען
און האבען האסטיג פערלאזען דאס הויז. דאס זיינען געווען
רוסישע און פוילישע אידען. זיי האבען פשוט מורא געהאט
אין זאל צו פערבלייבען. לויט ווי מען האט מיר שפעטער ער־
קלערט זיינען זיי געווען בעקאנטע פערזאנען און האבען גע־
ציטערט אפשר געפינט זיך א שפיאן, וועלכער קען זיי שפעטער
מסור'ן, אז זיי האבען בייגעוואנט א „רעוואלוציאנערע" פער־
זאמלונג.

דאך נים אלע רוסישע אידען זיינען אזעלכע טרוסען, די
מאיאריטעט פון זיי זיינען דאך געבליעבען ביז צום סוף און הא־
בען נאך, ווי זיי האבען מיר נאך דער פארלעזונג דערצעהלט,
„אפלאדירט מיט די פיס", דען די הענד האבען זיי „מורא גע־

האט צו הויבען" טאָמער איז פאראן א רוסישער שפּיאָן. אייניגע מענער און פרויען זיינען שפּעטער צו מיר צוגעקומען, געדריקט מיין האנד און געפרעגט וואו מען קען קריגען דאָס געדיכט „דער אידישער סאָלדאט", זיי ווילען דערפאר בעצאָהלען יעדען פּרייז, אבי זיי זאָלען עס קענען אריינשמוגלען אין רוסלאנד. צוויי פון דיעזע העררען און איין דאמע האָבען מיר געזאָגט אויפ'ן אויער ווער זיי זיינען און איך בין איבערראשט געוואָרען... מיין פערוואונדערונג איז געוועזן אזוי גרויס, אז איך האָב עס געמוזט אונטערדריקען כדי די דערביישטעהענדע זאָלען ניט אויפמערקזאם ווערען. אויף מאָרגען בין איך ארויף אין א האָטעל און האָב נאָכגעזוכט אין דער קור־ליסטע אויב דיעזע מענשען געפינען זיך טאקע יעצט אין קארלסבאד און צו מיין ערשטוינונג זיינען זיי ווירקליך געוועזן אין די גרעסטע צוויי האָטעלען צווישען פירסטען... ערשט דאן האָב איך צום ערסטען מאָל אין מיין לעבען בעגריפען ווי ווייט די שנאה צו רוסלאנד'ס טיראנייע איז געשטיגען, ווי הויך זי איז שוין ארויפגעקראָכען און ווי צייטיג עס דארף שוין דאכט זיך זיין דער סוף פון דער בלוטיגער ביוראָקראטיע...

דער פּועל יוצא פון מיין פאָרטראג אין קארלסבאד, אחוץ דעם פּראָפיט, איז געוועזן דאָס, וואָס איך האָב געמוזט אנטלויפען פון מיין דירה און ניט זאָגען קיינעם וואו איך האָב געצויגען. דען וויפיעל בעזוכער איך האָב געהאט, אזוי פיעל אנזיכטס־קארטען האָט מען מיר געבראכט אונטערצושרייבען. א פּוילישער יונגערמאן פון טשאָכעטשאָוו האָט זיך ניט גע־

פוילט צו קומען מיט זיין שוויגער און ברייגנען פופציג קארט־
לאך איך זאל אויף אלע שרייבען מיין נאמען. איך בין וואס
אן אמת געווארען שרעקליך אויפגערעגט און האב איהם ער־
קלערט, אז איך בין גערייט בלויז אויף איין קארטע עפעס אנ־
צושרייבען און ווען ער האט איינגעוויליגט, האב איך אנגע־
שריעבען אט וואס:

„מיין ליעבער פריינד, איך בין קיין היגער
און ווייס אויך ניט פון וואס צו שרייבען,
דערצו נאך קומט איהר מיט א שוויגער
מיר די בעגייסט'רונג צו פערטרייבען...
ווען איהר וואלט האבען מעהרער שכל
וואלט איהר פון מיר קיין זאך פערלאנגען
און וואלט ניט ווי א זייט מיר מוחל
אין קארלסבאד ארומגעגאנגען...

איך ווייס ניט ווי דעם טשאבעטשוואווער איידעם האט
געשמעקט מיין עפיגראם, נאר מיר איז ארונטער א שטיין פון
הארצען, משמעות אז די זאך האט זיך צוטראגען צווישען די
קור־געסט און זעהר ווייניג זיינען מיר נאכדעם געקומען בע־
לעסטיגען מיט זייערע „אנזיכטסקארטען" ניט האבענדיג קיין
א ו י ס ז י כ ט איך זאל זיי אונטערשרייבען. בלויז איין איינ־
ציגע אידישע מיידעל פון גאליציען האב איך אין א ביכעל
אריינגעשריעבען א פערז פאר דעם פראכטיגען בוקעט בלומען,
וואס זי האט מיר געבראכט און פאר די שענע בלומען,

וואָס זי האָט געטראָגען אין הארצען. זי איז געקומען צו מיר מיט איהר פאָטער, מוטער און ברודער און האָבען מיך בעצווי־בערט מיט זייער אינטעליגענץ. דאָס איז געווען די מערקוויר־דיגסטע אידישע טאָכטער, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאט די זכיה קענען צו לערנען. דער מיידעל׳ס נאָמען איז רבקה און מיין פערז צו איהר לעזט זיך ווי פאָלגט:

דו האָסט פון דיכטערס פרייד געדאָכט,
דו האָסט געזוכט איהם צו בעגליקען,
און דו האָסט בלומען איהם געבראַכט
אום זיין נשמה צו דערקוויקען;
דו ביסט ענטציקט צו איהם געקומען
און האָסט זיי איהם דערלאַנגט מיט חן
און דאָך די שעהנסטע פון די בלומען
אָ, רבקה, דאָס ביזטו אליין.

פופצעהנטער קאפּיטעל

די „אַלטע וויזע“ איהר ווילדער לוקסוס און איהר פרע־סעריי, אַמעריקאַנער רייכע חזיר־עסער און חזירים, דער האָטעל סאַוואָי און די יענקי־הולטאַיעס, דער ביטערער טעות פון אַ חסידישען רבין, דאָס רוב צוקער־קראַנקע זיינען אידען.

XV

דען מען וויל זעהען, וואָס פאר א פריילינכער שפּיטאָל קאַרלס־באד איז, זאָל מען ארויסגעהן אויף דער „אַלטער וויזע“, וואו עס געפינט זיך דער צויבער־פולער „האָטעל פּופּ“ מיט זיינע אייגענע פּארקס ארום, מיט אייגענע מוזיק אָרקעס־טערס און פּרעכטיגע עלעקטרישע בעלייכטונגען. די „אַלטע וויזע“ איז דער פּאַראַדנער בולוואַרד פון קאַרלסבאַד. דאָ קען מען זעהן אַלע נייעסטע מאָדעס פון פּאַריז דורכגעפיהרט פּונקט ווי דער „דין“ איז. די דאמען געהען דאָ ארוים געקליידעט לויט אַלע „מפרשים“, מיט'ן „כלי יקר“, מיט'ן „קרן תמיד“, מיט'ן „פּרי מגדים“ און מיט אַלע מיט אנאנדער... אין אמעריקא האָט זיך לעצעטנס געטאָן מעשים מיט דער פּאַריזער מאָדע, וועלכע ווייזט א ווייבערשע פוס מיט'ן זאָק און זאָקען־בענדעל אין

מיטען גאס, דאָ קען מען זעהן צוויי פיס... דער שפּאַציער פאַנגט אָן א זייגער 7 אין אבענד, טומעלט דאָס אזוי ווי א צויבער פּאַנאָראַמאַ ביז צעהן ביי נאכט. אויפ'ן מיטען גאס שפּאַציערט מען צו פינף, זעקס מענשען אין דער ברייט, פון איין זייט זיינען גלענצענדע קראָמען מיט אלערליי לוקסוס־זאכען און פון דער אנדער זייט זיצט מען דרויסען ביי טיש־לאַך און מען „מאָהלט" אויףביידע באקען.

ווען איהר זאָלט געבען א רענדעל פאר א אידען מיט א בלייבע צורה, אָדער מיט אַן אנדער סימן פון שוואכקייט צי קראנקהייט וועט איהר דאָ ניט געפינען. דער גאנצער שפּאַ־ציער, מיט די פּרעסער און זויפער, מיט די לוסטיגע, לאַבענדע פּאַרלאך, מיט די שטאָלצע, פּעררייסענע קעפּ, זעהט אויס ווי מענשען וואָלטען זיך דאָ צונויפגעקומען ווייזען, אז זיי זיינען די געזינדסטע און צופריעדענסטע אין דער וועלט. און א צימ־ליך גרויסער פּראָצענט פון די דאָזיגע שפּאַציערער זיינען טאַ־קע געזונד און שטארק, אויב אפילו ניט שטארק צופריעדען... דאָ זיינען דאָ מענער, וועמען עס זיינען איבערדרייסיג געוואָ־רען זייערע אייגענע ווייבער און ווייבער וועמען עס זיינען איבערדרייסיג געוואָרען זייערע מענער. זיי זיינען רייך און זיינען אוועקגעפאָהרען איבער'ן זומער אין די בעדער. דער מאַן „באָדט" זיך אין קארלסבאד און דאָס ווייב אין מאריענ־באד, אָדער פערקעהרט און עס איז פריילאך. היינט קומען דאָ סתם לוסטיגע בתולות און ווייבלאך פון פאריז, פון וויען און אנדערע מקומות און זוכען חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון א מאָגענליידענדען מיליאָנער, וועלכער טרינקען־

דיג דאָס וואסער, קען דאָ א סך מעהר פערדריהען ווי אין דער היים...

אין דער „אלטער וויזע" זעהט איהר ניט קיין חסיד אויף א רפואה. א רענדעל פאר א פאה, א יארמולקע אָדער א ספּאָדעק וועט איהר ניט געפינען, זיי ליעגען ערגעץ אין פישערען אָדער אין שטאָדט־פארק. מען זינדיגט שוין בה"ש דאָרטען אויף געגוג קוקענדיג, אָבער די „אלטע וויזע" רחמנא לצלן איז אינגאנצען א טרפה, דען א חוץ דעם, וואָס די שפּאציערער זיינען ניט אלע צו כשר, האלטען די אידען ביי די טישלעך ניט צו פיעל פון „בשר בחלב" און זייערע הויפּט געריכטען זיינען „שינקען", די „כשרה" זייט פון א „דבר אחר"...

די היגע דאָקטוירים זיינען „פּיק" קלוג און הייסען יעדען קראנקען אידען עסען „שינקען". די קליינ־שטעדטעלדיגע אפּיקורסים לוינט זיך פּשוט צו פאָהרען נאָך קארלסבאד נאָך א הכשר אויף „שינקען". אין זיסליוויצע וואָלט מען זיי דערפאר מחרים געווען, דאָ זיצען זיי ברייטלאך אויף דער „אלטער וויזע" און „באפּען זיך" ארום מיט א' חזיר, דער דאָקטאָר האָט געהייסען, „פּקוח נפש"... קארלסבאד האָט איין אנעקדאָטע, דאָס א חסיד'ישער רבי איז געקומען נאָך קארלסבאד מיט א קראנקען מאָגען. דער דאָקטאָר, וואָס האָט איהם בעהאנדעלט, האָט אהם פערשריעבען א ספּעציעלע דיעטע און האָט אריינגעשריעבען „שינקען". דער גוטער איד איז געקומען אין א כשר'ן רעסטאָראנט, האָט אָבגעפּראוועט „נקיות", האָט זיך געוואשען, געמאכט א המוציא, פער'דבק'עט, און געהייסען געבען „שינקען". ווען מען האָט איהם ערקלערט, אז שינקען איז

חזיר, האָט ער קריעה געריסען אויף זיך און האָט אויף אלע זיינע חסידים גוזר תענית געווען.

ריידענדיג וועגען די „אלטע וויזע" מיט איהרע עלעגאנטע שפּאציער־געהער און „שינקען"־עסער מוז מען בעמערקען, דאָס היינטיגען זומער פעהלען דאָרט א היבש ביסעל אמערי־קאנער, וועלכע פלעגען אריבערפליעגלען דעם גאנצען בולווארד מיט זייערע קאָסטבארע קליידער און בריליאנטען. דאָרט פעה־לען יעצט ניט נאָר א סך נויאָרקער אידישע חזיר־עסער, נאָר אויך פיעל חזיר'שע גבירים, וועלכע דער יעצטיגער קריזיס האָט אזוי אויסגערייניגט דעם מאָגען, אז זיי פערשפּאָרען שוין צו פאָהרען נאָך קארלסבאד... דאָ געהט יעצט ארום א טרוי־עריגער וויץ וועגען „אָנקעל סעם". מען זאָגט, אז דיעזעס יאָהר זיינען געקומען נאָך קארלסבאד א סך וויינינגער צוקער־ליידענדע פון די פעראייניגטע שטאאטען, ווי מיט יאָהרען צוריק. מען ערקלערט דאָס דערמיט, וואָס אמעריקא ליידט ניט היינטיגען יאָהר פון צופיעל צוקער נאָר פון צו ווענינג ברויט...

דאָך אָבוואָהל די „אלטע וויזע" קען זיך יעצט ניט שטארק איבערנעהמען מיט איהרע אמעריקאנער געסט, זיינען דאָך די רייכסטע געסט פון קארלסבאד פון „אונזער" מדינה. אויף דער „אלטער וויזע" פלעגט געוואוינליך נאָר קומען שטענדיג די מיטעל־קלאַס, די אמת'ע אמעריקאנישע מיליאָנשטשיקעס אָבער האָבען דאָ א גאנץ בעזונדערן קווארטאל, די „וועסט ענד" און זייער הויפּט־קווארטיר איז דער לוקסוס־פולער „האָטעל סאַ־וואָי". דיעזער האָטעל איז קלענער, אָבער פיעל ערהאבענער ווי דער „גראנד האָטעל פופּ". דאָ באָדען זיך די אמעריקאנער באנ־

קירען און פערשיעדענע טראָסט־מאַגנאַטען ניט נאָר אין וואַסער, נאָר אויך אין די גרעסטע וואַוילטאָגען און דעם ווילדעסטען איבערפלוס. דאָ וואַרפט מען זיך ממש מיט אוצרות און אָט די אמעריקאַנער פעהלען הייַיאָהר אויך ניט. זיי קריינקען דאָ אין פערגניגען אויפ׳ן חשבון פון אמעריקאַנער פאָלק. ווען מען ווערט מיעד פון הולטעווען אין קאַרלסבאַד, פאָהרט מען צו מיט׳ן אָטאָמאָביל נאָך מאַריענבאַד און פראַנצענסבאַד, וואָס איבערשטייגען נאָך אין לוקסוס צעהן קאַרלסבאַדס. דיעזע דריי שוועסטער: קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד און פראַנצענסבאַד ליעגען איינע נעבען די אנדערע, דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס קאַרלסבאַד האָט הייסע מינעראַל־קוואַלען און די אנדערע צוויי האָבען קאַלטע וואַסערען, געלד אָבער קען מען פטר׳ן אין אַלע דריי מקומות צוגלייך.

ווי איך האָב פריהער בעמערקט זיינען דאָ היינטיגעס יאָהר ניטאָ אזוי פיעל אמעריקאַנישע צוקער־קראַנקע, „דיאַבעטיקער", דערפאַר אָבער איז דאָ פאַראַן א ווייס־פּרעזידענט פון צוקער־טראָסט. ביי איהם איז גראָד די צוקער ניט קיין קראַנקהייט, פון זיינע צוקער קריינקען אנדערע. וואָס זיסער איהם ווערט, אַלץ ביטערער ווערט דעם עולם, אין קאַרלסבאַד אָבער איז מען פון דעם דאָזיגען צוקער־געזונדען „חולה" זעהר צופריעדען און מען בעט גאָט „כן ירבו".

אז איך האַלט שוין דערביי איז כדאי צו בעמערקען, דאָס די מעהרסטע צוקער־ליידענדע, וועלכע קומען אהער זיינען אידען. דאָ פרעגט זיך א פראַגע, וואָס שמעקט מיט א תליה־געלעכטער: א פאָלק, וואָס האָט אזוי פיעל „צוקער" זאָל פערברייגגען אזא ביטער לעבען?...

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

אין מיטען פון דער ברונענצייט בעפאַלט דעם עולם אַ טויט־שרעק, מיין שרעקליכער חלום אויפ׳ן וואָהר, ווי צוויי הויפּט קוואַלען פערשווינדען, די אָרעמקייט פון די שפּיצען־ארבייטער אין די בערג, קעניגין עליזאַבעטהם פער־איין, יאָהאַכימסטהאַל אַלם נייער קור־אָרט.

XVI

דאָס איז געוועזן אַ פּרעכטיגער מאָרגען, פון די שפּיץ בערג איז אויפגעגאנגען צום הימעל אַ ווייסער טוי אזוי ווי קטורת. געדיכטע שורות מענשען האָבען זיך געצויגען צו די קוואַלען. דער פאנטאַן אין דעם שטאָדט־פּאַרק האָט געשאָסען זיין קריסטאַלענעם וואסער ביז צום העכסטען בוים און פון דאָרט איז דאָס ווידער אריינגעפאַלען אין דעם רונדען טייכעל און בע־שפּריצט די רויטע פּישלאַך, וואָס זיינען אלע ווילע צוגעשוואו־מען צום ברעג און געווארט מען זאָל זיי עפּעס אריינוואַרפען צום נאשען. די מוזיק אין דער גרויסער ברונען־קאָלאָנאַדע האָט געשפּיעלט די אָוערטיורע פון דער אָפּערא „אאידא“ און אָנ־

געגאָסען מיט הייליגע טענער אלע הערצער און בעכער פון די טויזענדע קור־געסט. לאנגזאם האָט זיך די מענשען־כוואליע געגעהנטערט צו דעם בעריהמטען „מיהלברון", וואו די שענע, קליינע „וואסער־נימפפען" האָבען אָנגעפילט די כלים און זיי אָבגעגעבען צו די אייגענטימער. אלץ איז צוגעגאנגען רוהיג און ערנסט מיט א געהויבענע שטימונג ווי שטענדיג, הונדער־טע מענשען זיינען אוועק פון ברונען און נייע הונדערטע זיי־נען צוגעטרעטען.

אָבער פלוצלונג איז די בעוועגליכע מאסע געבליעבען שטעהן און האָט זיך ניט מעהר געריהרט פון אָרט. אין א רגע איז די שורה געוואקסען ביז דורך דער גאנצער קאָלאָנאדע אין שטאָדט־פארק אריין. איינע הינטער די אנדערע איז מען גע־שטאנען, אָבער קיינער האָט זיך צום ברונען ניט מעהר גענעהנ־טערט .די וואסער מיידלאך האָבען מעהר פון קיינעם קיין בע־כער ניט גענומען. נאָר פון הינטען איז די מענגע געוואקסען און געבליעבען שטעהן. איך בין אויך געשטאנען מיט מיין לײדיגען בעכער ניט וויים פון קוואל און האָב ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב נאָר געזעהן ווי די ברונען־וועכטער אין זייערע יוניפאָרמס לויפען און טומלען הין און צוריק, און ווי די פרייליכע יוגענדליך־פרישע ברונען־פריסטערינס אין זייערע ווייסע פארטוכער זיינען געבליעבען שטום און פערטראכט. זיי האָבען זיך ניט מעהר געוויצעלט און ניט געשמייעכלט. די קור־געסט האָבען אומגעדרייט די קעפ איינע צו די אנדערע ער־שטוינט און פערוואונדערט.

— וואָס איז געשעהען?

— וואָס ווארט מען?

— פאַרוואָס געהט מען נים?

— עס לויפט נים מעהר קיין וואַסער...

— וואָס?!

דיעזען „וואָס“ וועל איך קיין מאָל נים פערגעסען.

דאָס האָט אויסגעשריען א בלייכע פרוי און איהר שטים איז געווען שרעק און פערצווייפלונג. ווער ווייס פון ווי ווייט זי איז געקומען נאָך קארלסבאַד זוכען געזונג? זי האָט זיך געווים אָנגעשטרייגנגט, זיך אָנגעטאָן א כח מיט דער נסיעה, דען זי איז קענטיג נים געווען קיין רייכע. דער דאָקטאָר האָט איהר דאָ פערשריעבען צו טרינקען „מיהלברון“, אָבער פון „מיהלברון“ איז נאָר געבליעבען א נאָמען.

די ערשטווינענדע נייעס, דאָס דער „מיהלברון“ האָט פער־לאָרען זיינע וואַסער, האָט דורכגעצוקט ווי א בליץ די גאַנצע אונגעדולדיגע מאַסע און האָט ארויסגערופען ביי יעדען איי־נעם א ים פון פינסטערע מחשבות. די מוזיק האָט נאָך גע־שפיעלט ווי פריהער, אָבער קיינער האָט דאָס שוין נים מעהר געהערט; נים געפיהלט. די פידלען זיינען האַסטיג הייזעריג געוואָרען, דער קאַפּעלמייסטער האָט אויסגעזעהען ווי א משוגע־נער, וואָס שטעהט און צאַפּעלט זיך, וואַרפט מיט די הענד סתם אין דער וועלט אריין; איך בין געווען זיכער, אז ער ווייס נים וואָס ער טוט... און ער האָט טאַקע מעהר נים דיריגירט, עס איז שטיל געוואָרען...

דער געדאַנק, דאָס איינער פון די הויפּט קוואַלען פון קארלסבאַד איז אָבגעשטאָרבען, האָט מיך אויפגעשווידערט. איך האָב זיך פּלוצלונג געפונען אין א וויסטען, אומעטיגען טהאָל

אין מיטען פון אימה'דיגע וועלדער. קיין וועג, קיין שטעג, אלץ איז בעוואקסען מיט קראַפּעווע און דערנער. די הונדערטע גע־ביידען, און גאסען, און פארקס, און בריקען, און בערג זיינען צוזאמענגעגאָסען אין איין ווילדע, משונה'דיגע שטיק מאוים־קייט. אומעטום קריכען אום עקדעשען און שלאנגען, דורך די ברו־נען־קאַלאַנאַדען לויפען הונגעריגע וועלף און עס קריכען טשערע־פאכעס. איך בין געשטאנען אויף דעם קבר פון א פערלאָרענע וועלט איך האָב געוואָלט אויפשרייען פאר מורא, אָבער אין דער מינוט זיינען געקומען צו לויפען די ברונען־וועכטער, פערשוויצט און דערפרייט, מיט שטראהלענדע געזיכטער פון גליק און האָבען געהייסען די מיידלאך וויעדער אָנגעהן מיט זייער אר־ביים. די לאנגע ליניע מענשען האָט זיך גלייך גענומען רוקען פאָרווערטס, די וואסער־שעפערקעס האָבען וויעדער גענומען לאכען, דער אָרקעסטער האָט גערוישט א פרייליכען מארש און דער עולם האָט געטראָגען פולע, הייסע בעכער און געזופּט מיט מעהר אמונה ווי פריהער. דער „מיהלברון" האָט געלעבט, דאָס האָט זיך נאָר געהאט פערשטאָפּט ערגעץ אונטען א וואסער־רעהר, אָבער מען האָט דאָס אין עטליכע מינוט פעררעכט און קארלסבאד איז געוועזען קארלסבאד.

ערשט יעצט האָב איך זיך דערוואוסט, אז דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס עס טרעפען סיבות מיט די קוואַ־לען, איבערהויפּט מיט דעם „מיהלברון" און „שלאָסברון". בלויז מיט איין יאָהר צוריק האָט קארלסבאד געמיינט אז זי געהט אונטער, ווייל די צוויי דערמאָהנטע קוואלען זיינען טאקע מיט איין מאָל פערשוואונדען און האָבען ניט מעהר געגעבען קיין וואסער, נאָר דורך די גרעסטע מיה און אוצרות מיט געלד האָט

מען זיי ווידער. געפונען און געראטעוועט די שטאדט פון אונ־טערגאנג.

די סיבה דערפון איז געווען די פאלגענדע:

קארלסבאד איז ארומגערינגעלט פאר צעהנדליגע מיילען ארום מיט ריעזיגע קוילען־בערג, וואו טויזענדע קוילענגרעבער זיינען בעשעפטיגט. גראבענדיג אין איינע פון די קוילען־מי־נעס אויף א טיעפקייט פון עטליכע ווערסט האט זיך פלוצלינג דערלאנגט א גאס פון ערגעץ א שטראם פון הייסע וואסער גלייך אונטען צו דעם דעק פון דער מינע. אבוואהל דאס איז געווען עטליכע מייל פון קארלסבאד, דאך האבען דער „שלאסברון" און דער „מיהלברון" באלד אויפגעהערט לויפען און זיינען נעלם געווארען. די שטאדט, וועלכע וואכט איבער איהרע קוואַ־לען טאג און נאכט און קוקט זיי נאר אין די „אויגען" ווי א מוטער איהר ציטריגעס קינד, האט גלייך דערזעהן וואס עס האט פאסירט און גענומען זוכען די אורזאכע פון דעם פלעצ־ליכען אונגליק. אבער דאס איז געווען אונמעגליך צו דערגעהן. די שרעק און פערצווייפלונג פון דיעזער רוישענדער וועלט־שטאדט, וואס שווימט אין עשירות צוליעב איהרע קור־געסט, איז זיך גאר נים מעגליך משער צו זיין. קארלסבאד האט גע־שטיקט די טויטליכע נייעס אין זיך. זי האט דאס מורא געהאט ארויסצוברייגגען אין דער עפענטליכקייט, דען דאס וואלט איהר בוכשטעבליך דער׳הרג׳עט. מען האט גלייך די צוויי פער־שוואונדענע ברונענס פערבלאקירט פון אלע זייטען מיט א תירוץ, אז מען וויל איבערבויען דעם צוגאנג צו די קאלאנאדען און מען האט פערבאטען די צייטונגען צו שרייבען וועגען דעם

אפילו איין איינציגעס וואָרט. די, וואָס האָבען געוואוסט דער־פון, האָבען זיך געוואָרגען מיט דער ידיעה און האָבען געצי־טערט דאָס ארויסצובריינגען פון זייער מויל.

אָבער קארלסבאד האָט ניט גערוהט: מען האָט זיך גע'־עצה'ט מיט די גרעסטע אינזשינירען און געאָלאָגען און מען האָט ניט געקענט קומען צו קיין בעשלוס, ביז מען האָט ענדליך אראָבגעבראכט דעם גרעסטען אינזשיניר פון דייטשלאנד און מען האָט איהם בעצאָהלט א פאבעלהאפטע סומע מיט געלד און דיעזער אינזשיניר איז דערגאנגען די סיבה און געהאָלפען די שטאָדט. ער האָט זיך באלד גענומען אונטערזוכען די קוי־לען־מינעס און אויסגעפונען, אז יענער הייסער שטראָם איז אן אָדער פון דעם אונטערד'רערדיגען טייך, וואָס פערבינדט די פערשוואונדענע קוואלען. מען האָט די מינוט פערמויערט דעם אָרט פון דער וואסער־עפענונג אין דער מינע און פערהאלטען דאָס וואסער פון לויפען, ווייל דאָס האָט אָבגעשוואכט די קוואַ־לען, דען אנשטאָט וואָס דער וואסער האָט פריהער געשלאָגען מיט קראפט ארויף אין דער הויך איז דאָס יעצט אראָבגעפאלען צום תהום. ווען מען האָט פערמויערט און פעסט פערמאכט די עפנונג מיט די קונציגסטע איינפעלע האָט דער אינזשיניר גע־הייסען פערשיטען די מינע גאָר אין גאנצען און אויסרעכענענ־דיג וואו דער הייסער שטראָם קען זיך ווייטער ציהען, האָט ער פערבאָטען צו גראָבען קוילען אין איינינע בערג ארום.

א גאנצען ווינטער האָבען א מחנה מענשען געארבייט אין קארלסבאד די ברונענס זאָלען ווידער געבען זייער וואסער, מען האָט שוין אָבער געמוזט גראָבען א סך טיעפער אום דאָס וואַ־

סער צו דערגרייכען. אום דעם „שלאָסברון“ ווידער אין לע־
בען צו רופען האָט מען געמוזט ארונטערנעהמען א גאנצען
בארג אין מיטען שטאָדט. דער אָרט איז נאָך ווילד און רוי און
די ברונען־מיידלאך שטעהען זעהר טיעף אין דעם אויסגעהאק־
טען שטיינערנעם בארג און שעפען דאָרט די רפואות. דיע־
זער קוואל געפינט זיך נים אין דער קאָלאָנאדע וואו דער
„מיהלברון“. צום „מיהלברון“ האָט מען אויך געמוזט זעהר
טיעף גראָבען, נאָר ער איז שוין ארומגעבויט מיט שטיינערנע
טרעפ און אין גוטער אָרדנונג פונקט ווי די איבעריגע ברו־
נענס, איבער דעם „שלאָסברון“ אָבער שטעהט נאָך דערווייל
א בודע פון ברעטער ביז מען וועט איבער איהם אויפבויען
א שענעם טעמפעל.

זייט דער גרויסער היסטאָרישער פאסירונג טרעפט דאָס
אָפט, דאָס אין די צוויי ברונענס ווערט אויף א פאָר מינוט
מוטנע דאָס וואסער און דער עולם מוז ווארטען ביז דאָס ווערט
ווידער געבראכט אין אָרדנונג. סיי ווי סיי, אָבער האָט שוין
קארלסבאד געהאט איהר פאָרציע שרעק, וואָס האָט גלייכצייר־
טיג איבערגעשראָקען די בעהמישע בעפעלקערונג אויף ווייטע
מיילען ארום קארלסבאד.

עס איז נויטיג צו ווארפען א בליק אויף די מענשען, וואָס
וואוינען נים אין דיעזער שטאָדט און ציהען דאָך זייער גאנצע
חיונה נאָר פון איהר און זייער לעבען און טויט, קען מען זאָ־
גען, העגגט אָב אָן דעם וואָהלשטאנד פון דיעזער בת מלכה פון
אלע קור־פלעצער.

ווען איהר זייט אין קארלסבאד קענט איהר זעהן פון פריה־סטען מארגען ביז שפעט אין דער נאכט פרויען מיט שווארצע, הילצערנע קעסטלאך אויפ'ן פלייצע. ניט שטענדיג זיינען דאס „קעסטלאך", זעהר אפט זיינען דאס גרויסע, שווערע קאסטענס. אז די ארעמע, פערמאטערטע און פערפינסטערטע פרויען ברע־כען אונטער זייער יאך. אט די דאזיגע פרויען טרעפט איהר או־מעטום. אין אלע גאסען, אין אלע פארקס, גאסט־הייזער און האטעלען. מיך האט איבערהויפט געוואונדערט וואס אט די פרויען האבען אזא פרייען צוטריט אין די פיינסטע און פרעכ־טיגסטע האטעלען און ווילאס, וואו עס וואוינען די גרעסטע מיליאנערען און בעטיטעלטע געסט. איך האב געזעהן איינע פון די פרויען מיט א קאסטען אויפ'ן פלייצע אין דעם בעגולטען קארידאר פון „גראנד האטעל פופ" און מען האט איהר ניט גע־שטערט דעם אריינגאנג.

איך האב זיך נאכגעפרעגט און האב אויסגעפונען:

אט די דאזיגע פרויען וואוינען אין די בערג ארום קארלס־באד, וואו זיי בעטרייבען די קונסטפולע אינדוסטריע פון טייע־רע שפיצען, „ליים" פון פערשיעדענע זארטען. אט די שפי־צען טראגען זיי דאס ארום פערקויפען צו די קור־געסט, איבער־הויפט צו די רייכע דאמען, וועלכע נוצען דיעזע זעלטענע קאסט־בארע האנד־ארבייט פאר זייערע קליידער, אונטערוועש און בעט־צייג. אבער אזוי ווי אנדערע ארבייטער, אזוי אויך די מיהזאמע שפיצענ־שטריקער פערדיענען קוים, קוים גענוג די נשמה צו דערהאלטען. אמת טאקע, אז דיעזע ארבייטער האבען ניט קיין בעלי בתים, קיין ארבייט־געבער און שאפען נאר פאר זיך אליין, דאך די ארבייט פאדערט אזוי פיעל מיה, גערולד

און צייט, אז פיעל מען זאָל דערפאר ניט בעצאָהלען איז אלץ ניט גענוג, בפרט מען צאָהלט זיך ניט איבער. היינריך היינע און גערארד הויפּטמאן האָבען בעזונגען די נויט און דעם עלענד פון די שלעזישע וועבער, אָבער קיינער האָט נאָך דערוויילי ניט דערמאָהנט די טויזענדפאכע נויט פון די שפּיצען־העקלער, וואָס הונגערן און פריהרען אין די בעהמישע בערג. די ארעמ־קייט און דער דלות פון אָט די מענשען איז אונבעשרייבליך. זומער פערזאָרגען זיי נאָך ווי עס איז א שטיקעל ארעם לעבען דערמיט, וואָס זיי שלעפּען זיך ארום מיט דער עדעלער סחורה אין די ארומיגע קור־ערטער; ווינטער אָבער עסען זיי נאָר שווארץ־ברויט, מעהרסטענס קלייען־ברויט, מיט א ביסעל טהעע אָדער קאפע אָהן מילך. פלייש, פיש, פוטער אָדער אייער איז א לוקסוס, וואָס זיי קענען זיך ניט פערגינען. אזוי זיצען זיי אין זייערע קליינע, בויפעליגע הייזלאך אין די ווילדע בערג און העקלען דאָרט די פּרעכטיגסטע שפּיצען, העקלען אין דעם אריין זייערע יאָהרען און טעג, העקלען אוים די וואונדערבאר־סטע חלומות פון בלומען, פויגלאך און צאצקעס, כדי די רייכע און גליקליכע זאָלען האָבען אין וואָס צו גלאנצען, און זיי אליין שטארבען פון הונגער און געהען ארום באָרוועס און נאקעט צווישען די הויכע, אין שנעע־בעגראָבענע געוויילדען.

מיט עטליכע יאָהרען צוריק, ווען די שפּיצען־אינדוסטריע איז נאָך ניט גענוג בעקאנט געווען ביי די קור־געסט און דער אָבגאנג אויף דעם רייצענדען שטאָף איז נאָך ניט געווען אזוי אלגעמיין, האָט געהערשט אזא הונגער־טוים צווישען די אונ־גליקליכע ארבייטער, אז ער איז געבליעבען היסטאָריש אין די פערטירער־אנאלען פון עסטרייך און ווען ניט די קייזערין

עליזאבעט, וועלכע איז זיי געקומען צו הילף, וואָלט פון זיי אפילו קיין איין לעבעדיגע זעעלע נים געבליעבען. זי האָט גע־גרינדעט א פעראיין פון די רייכסטע און נאָבעלסטע דאמען אין וויען, וועלכע האָבען זיך פערפפליכטעט נים צו נוצען קיין אנדערע לייט ווי די פון די בערג־לייט, די קייזערין אליין איז געוועזן די ערשטע זיך צו מאכען א קלייד פון די שפיצען און בעפוצען מיט זיי אלע איהרע וועש און בעטגעוואנד, דאָס איז גלייך אריין אין דער מאָדע. דער פעראיין האָט אָבגעקויפט פון די אָרעמע פרויען זייער גאנצע פּראָדוקציאָן און געראטעוועט טויזענדע פאמיליעס פון א זיכערען טוים. זייט דעמאָלט האָט זיך די שפּיצען־ארבייט אין די בערג טויזענד־פאך פערגרעסערט. עס איז כמעט נימאָ א קור־גאסט — רייך אָדער אָרעם — ער זאָל נים קויפען אמווייניגסטענס עטוואָס פון דיעזע שפּיצען פאר זיך אליין, פאר א פריינד אָדער פאמיליאנט אלס מתנה.

דאָך ווי עס שיינט סטראשעט יעצט קארלסבאד א גאנץ אנדער געפאהר, וועלכע קען איהר א סך, גאָר א סך שאדען. דאָס איז די שטעדטעל יאָהאכימסטהאל, וועלכע ליעגט צווי־שען די בערג אין דער קארלסבאדער נאכבארשאפט. דאָרט האָט מען יעצט ענטדעקט גרויסע קוועלען, אין וועלכע עס געפינט זיך דער זעהר טייערער און זעלטענער מעטאל ראדיאום. די גרעסטע כעמיקער פון וויען האָבען די קוועלען אנאליזירט און האָבען בעשטעטיגט זייער אונשאצבארען ווערט. דאָס האָט ערמוטיגט אן עסטרייכישען גראף און ער בוים דאָרט אזא האָ־טעל וואָס וועט נים האָבען זיין גלייכען אין דער וועלט.

יאָהאכימסטהאל האָט פריהער געהייסען „יאָהאכימסטהאַ־לער" און איז נים א שטעדטעל סתם אין דער וועלט אריין;

דאָס האָט א געשיכטליכע בעדייטונג און איז א לייבליכע קרובה פון אונזער אמעריקא... דאָס שטעדטעל האָט געהייסען יאָהא־כימסטהאלער צוליעב איהרע גרויסע זילבער־מינעס. פון דיעזען זילבער האָט מען געמאכט מטבעות און דיעזע מטבעות פלעגט מען רופען „יאָהאכימסטהאלער". שפּעטער האָט מען דאָס אָב־געקירצט אויף „טהאלער". די דייטשע דריי מארק־שטיקער האָט מען שטענדיג אזוי גערופען און פון דיעזען וואָרט „טהא־לער" שטאמט דאָס אונזער וואָרט „דאָלאר", פאר וועלכען מען פערקויפט אין אמעריקא אפילו דעם טאטען מיט די מאמען...

זיבעצעהנטער קאפּיטעל

פונקאַרלסבאַד נאָך קראָקע, מיין ערשטע ערפאַהרונג אויף
א גאַליציאַנער אייזענבאַהן. ווי קראָקער בעלי בתים
און בעלי בית'טעם פאַהרען אהיים פון די קור־
ערטער, די געגרייזעלטע קללות פון א אי־
דענע, וואָס טשעפּעט זיך צו חסידים.

XVII

נאָכדעם ווי איך האָב מיך גוט אויסגעבאָדען, אָנגעטרונ־
קען און אָנגעצאָהלט טרינק־געלד, האָב איך א סך
געזינדער אויפ'ן מאָגען און קראנקער אויפ'ן בייטעל,
פערלאָזען קארלסבאַד מיט א בילעט אין קעשענע נאָך קראָקע,
אָדער קראקוי, דער ירושלים פון פוילען. מיין בילעט איז
געווען פאר א שנעל־צוג, „עקספּרעס־טריין", נאָר ארויסגע־
שלעפּט בין איך געוואָרען מיט א פערזאָנען־צוג און ווען איך
האָב געפרעגט „סטייטש", האָט מיר דער קאָנדוקטאָר ערקלערט,
אז אויב איך וויל נעכטיגען אין דער וועגענס ועט מאָרגען
אבענד געהן א „שנעל־צוג" און ווען איך האָב איהם געזאָגט אז
דאָס איז ניט ריכטיג, האָט ער מיר געסטראשעט אין קראָקע
צו ארעסטירען פאר מאיעסטעטס־בעליידיגונג, ווייל די אייזענ־

באהן איז א קייזערליכע און מען טאָר געגען איהר ניט זינ־
דיגען... איך האָב מעהר ניט גערעדט, דען מאכענדיג א גע־
נויען חשבון האָב איך אויסגעפונען, אז מיט דעם פערזאָנענ־
צוג קען איך קומען אין קראָקע פרייטאָג אין דער פריה און
מיט'ן שנעל־צוג — ערשט זונטאָג אויף דער נאכט. דער כלל,
איך בין מרוצה געוואָרען — א ברירה האָב איך געהאט! אזוי
בין געפאָהרען און געפאָהרען.

אָבער מיינע צרות האָבען זיך נאָך דערמיט אליין ניט
געענדיגט.

אויף די גאליציאנער אייזענבאהנען איז ניטאָ קיין טרינק־
וואסער און איך בין שיער פערברענט געוואָרען פאר דורשט,
אָבער די שולד, וואָס אן אמת, איז געווען מיין אייגענע, ווען
איך וואָלט ניט וועלען וואָלט מיך ניט געדאָרשטען. די מעשה
דערפון איז אזוי געווען: די גאנצע צייט פון מיין קוראציע
אין קארלסבאד האָב איך געגעסען אונגעזאלצענע שפייזען,
ווייל די קארלסבאדער ברונענס פערטראָגען ניט קיין זאלץ,
פונקט ווי קייזערליכעס אייגענטום קיין קריטיק, און איך בין
גראָד געוואוינט, אז מיינע געריכטען זאָלען זיין געפעפערט
און געזאלצען... איך האָב דערפאר קוים דערלעבט אריבער־
פטר'ן מיין קור און האָב פאר'ן אָבפאָהרען נאָך קראָקע אויפ־
געגעסען א גאנצען הערינג.

מיינע יסורים זיינען שרעקליך אויסצושרייבען. איך האָב
געביסען די פינגער און געטרונקען דאָס בלוט. די מאטערניס
איז געווען נאָך גרעסער דערפאר, וואָס ביי יעדער סטאנציע
האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט און איך האָב דערזעהן א פלאָמפ
מיט וואסער אין דרויסען, אָבער איידער איך האָב געהאט צייט

זיך אויפצוהויבען פון בײנקעל בין איך ווידער געפאָהרען. איך בין דאן געווען גרייט צו געבען א גאַנצען גולדען „טרינק־געלד“ אבי מען זאָל מיר געבען א טרונק...

ערשט נאָך אײניגע שטונדען פון מאַטערניס, פּײן און קוואַלען, ווען מײן צונג, וועלכער איז זאָנסט זעהר שאַרף און שפּיציג איז געווען טעמפּ, פערזשאַווערט ווי א ניט געניצטע זעג, האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט ביי א וואָגזאַל אויף צעהן מינוט. איך בין ארויסגעלאָפען פון וואַגאָן ווי א משוגענער און האָב ניט געוואוסט אין וועלכער ריכטונג פריהער צו לויפען און צו זוכען, דאָך איידער איך האָב געפונען א פּלומפּ איז מיר אָנגעקומען א יונגער מאַן מיט גלעזער ביער און לעמאָנאַדע, איך האָב שנעל א כאַפּ געטאָן צוויי גלעזער מיט א מאָל, נאָר ווען איך האָב נאָך געהאַלטען אין מיטען טרינקען האָט שוין די באַהן אָנגעהויבען פּייפען. איך האָב האַסטיג דערלאַנגט דעם מאַן א „קראָנע“ און האָב זיך אריינגעכאַפּט אין מײן וואַגאָן צוריק, בעטענדיג די רעשטע דורכ'ן פענסטער, אָבער דער יונגער מאַן האָט אזוי לאַנג געצעהלט, משמעות מיט א חשבון, ביז דער צוג האָט גענומען געהן און מײן רעשטע איז געבליעבען „טרינק געלד“ כאָטש איך האָב ניט געטרונקען.

בעשערט געווען אָבער, אז מײן נסיעה נאָך קראָקע זאָל זיין פערבונדען מיט נאָך גרעסערע צרות און איך בין פון גרויס אײלעניס, אום ניט צו פערשפּעטיגען דעם צוג, ניט אריין אין מײן פריהערדיגען וואַגאָן אין דער צווייטער קלאַס, זאָנדערען אין דער דריטער. „גאָט פון אברהם, פון יצחק און

פון יעקב, בעהיט דיין פאָלק ישראל אין דיינעם לויב" און פון א גאַליציאַנער דריטע קלאַס אייזענבאהן! אצינד פער־שטעה איך ערשט דאָס, וואָס מיך האָט פריהער געוואונדערט, ווען איך האָב געהערט אז אין עסטרייך און גאַליציע איז ניטאָ קיין פערטע קלאַס אייזענבאהן ווי דאָס איז פאַראַן אין דייטש־לאַנד, למשל. איצונד ווייס איך ערשט, אז עטוואָס ערגערס ווי א גאַליצישע דריטע קלאַס פּערזאָנען־צוג איז אפילו אין גיהנם אויך ניטאָ. דערקענט האָב איך מיין טעות דורך דעם עיפּוש, וואָס האָט מיר א שלאָג געטאָן אין נאָז מיט אזא טויט־חלשות, אז איך בין שיער געפאַלען צו דר'ערד פאַר ניט־גוט־קייט. אין דייטשלאַנד איז די פערטע קלאַס כמעט אויסשליס־ליך פאַר אָרעמע, פרעמדע עמיגראַנטען, אין גאַליציע אָבער פאָהרען ניט קיין פרעמדע עמיגראַנטען און די דריטע קלאַס שטינקט טאַקע נאָר פאַר די בירגער אליין. וואו האָט נאָר איירָאפּא אזעלכע פערפוילטע, פערווערימטע, באָרוועסע, פער־ווילדעטע, פערדומפּענע פּויערים ווי גאַליציע? ווען איהר זעהט איינעם אריינגעהן אין א גאַליציאַנער דריטע קלאַס אייזענבאהן, זאָלט איהר וויסען, אז ער איז שוין דער ארויסגעוואָרפענסטער, דער אונגליקליכסטער, דער אָרעמסטער. ליידער אָבער שטיקט זיך דאָס פאָלק נאָר אין דער דריטער קלאַס, וועלכער איז שטענדיג פּאַק און פול. דער דאָזיגער דריטער קלאַס איז אזוי אונריין, אזוי פול מיט אונגעצייפער פון כל המינים, אז איך פערוואונדער זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג צו וואָס זי דאַרף זיין צוגעטשעפּעט צו א לאָקאָמאָטיוו. איך בין כמעט ווי זיכער, אז ווען מען טשעפּעט איהר אָב קריכט זי אוועק אָהן דאַמפּף און אָהן פייער אליין נאָך קראָקע...

מעהר ווי צוואנציג מאָל האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט אָבער בלויז אויף דריי, פיער מינוט, איך האָב ניט געהאט קיין צייט פון מיין נעפּעננגים צו אנטלויפען. זעהענדיג, אז איך בין א געפאנגענער, בין איך געשטאנען מיט א פערמאכטע נאָז און האָב זיך ארומגעקוקט און כ׳לעבען, איך האָב דער־זעהן! אין די ענגע, פערשאָלטענע לעכער פון דער דריטער קלאס האָב איך דערקענט אייניגע קארלסבאדער קור־געסט ווי זיי זיצען אויסגעפוצט, אמת׳ע פריצים! מיט׳ן גאנצען שטאט, אין פאנאמא היטלען אויף די קעפּ און האנדשו אויף די הענד... איך האָב דאָרט דערקענט א געזונדע, גראָבע אידענע געקליי־דעט נאָך דער לעצטער מאָדע, איך האָב געזעהן ווי זיי זיצען אלע אין עיפּוש מיט אזא הרחבה, מיט אָפענע נעזער און מיי־לער, פונקט ווי זיי וואָלטען אין דער דאָזיגער אטמאָספערע געבאָרען געוואָרען. איך האָב גלייך דערקענט אז די לייט האָבען דאָ ניט פערבלאָנדזשעט און אז זיי זיינען נאָר געוועזן אין קארלסבאד פון לייטענס וועגען, אפשר אָבצונארען דער־מיט די וועלט און זיך ראטעווען דעם קרעדיט... ווער ווייס! איך האָב הייסט דאָס אין ד ר י ט ע ר קלאס געפונען ע ר־ש ט ע קלאס קבצנים. מיר איז ערשט אויפגעגאנגען א ליכט, אז ניט אלץ, וואָס שאינט אין קארלסבאד איז גאָלד און ניט אלץ, וואָס שמעקט ד אָ ר ט ע ן, שמעקט אויך אין א גאַ־ליציאנער אייזענבאהן...

ווען איך האָב זיך געהאט גוט אָנגעזעטיגט מיט דעם „ריח נחות“ פון דער דריטער קלאס, האָט זיך דער צוג געשטעלט אויף עטליכע מינוט און איך בין ווי אן אונטערגעשאָסענער האָז ארויסגעשפרונגען פון דעם דאָזיגען וואגאָן און האָב זיך

קוים א לעבעדיגער א שליידער געטאָן אויף א וױיכען בייג־קעל, וועלכער האָט איבעריגענס אויך ניט צופיעל געשמעקט, ווייל דאָרט איז פריהער געזעסען א דיקער גאליציאנער גלח...

א גאנצע נאכט האָב איך זיך ארומגעוואלגערט אויף פער־שיעדענע וואגזאלען, און אויף יעדער וואָגזאל האָב איך „גע־שלאָפען" און האָב דאָך געזעהן און געהערט אלץ וואָס ארום מיר האָט זיך געטאָן. אויף איין וואָגזאל האָב איך אָבער אזוי געשמאק איינגעשלאָפען, אז איך וואָלט אפשר פערשלאָ־פען דעם צוג, נאָר א דאנק איין אלטע, קראנקע אידענע, וועל־כע האָט מיך אויפגעוועקט מיט איהרע קללות. די אידענע איז געפאָהרען מיט א גאנצע כאָפטע חסידים, ווייבער און קינ־דער פון קארלסבאד. פאָהרענדיג האָט זי ערגעץ פערלאָרען א בייטעלע מיט געלד, האָט זי געשריען, אז א חסיד האָט דאָס ביי איהר ארויסגע'גנב'עט, האָט זי אָבער ניט געוואוסט וועל־כער חסיד און האָט געשאָלטען אלע חסידים פון דער וועלט, אלע חסידישע רביאים מיט זייערע גבאים, קוויטעל־שרייבער און „אייניקלאך". עס איז געוועזן הימעל עפען זיך. עס האָ־בען זיך ארומגעקליעבען אלע פאסאזשירען ארום דער קראָקער בעל הבית'טע און זי האָט אלעמען צופריערען געשטעלט. זי האָט געשאָלטען אויף אידיש, אויף דייטש, אויף טשעכיש, אויף פויליש און אויף רוסיש. וואו די חסידים זייענן געגאנ־גען איז זי זיי נאָכגעלאָפען מיט טויטע קללות און געשריען „געט'ס מער ס'באטעלע מיט'ן געלד"! „געט'ס מער ס'געלד גענובים"!...

די אידענע האָט אזוי לאנג געפלוכט און געלאָרעמט ביז

נאָט האָט זיך דערבאַרעמט. עס איז אָנגעקומען דער צוג און די גאַנצע מחנה קראָקאָווער קור־געסט האָבען זיך מיט זייערע פעקלאַך און פופקעס, קינדער און קינדס קינדער אַריינגעשלעפּט אין דריטען קלאַס בעגליים מיט די קונציגסטע קללות און זידלעריי. איך בין אויך אריין אין אַ וואַגאָן.

אכטצעהנטער קאפיטעל

קראָקע, פוילענ'ס רעזידענץ־שטאָדט, ווי ווייט איך בלייב טריי צו פוילען, עסטרייכישע וואַראָנעס און זייער מאָדנער לשון, איך בין ניט ווייט פון מיין געבורטס־אָרט, מיין נקמה אָן רוס־לאַנד'ס טיראַניי.

XVIII

באָר מילא ווי די זאַך איז, איך בין שוין אין קראָקע. די אמאָליגע רעזידענץ־שטאָדט פון פוילען, וועלכע איז בלויז פינף שעה רייזע פון ווארשוי, וואו איך בין אמאָל אין חדר געגאנגען און וואו איך טאָר יעצט ניט אריינפאָהרען. וואָס אָן אמת, צו שטארק ביינק איך נאָך פוילען ניט, צופיעל נחת האָט זי מיין יוגענד ניט געגעבען און ווען איך רעכען זיך גוט אוים, האָב איך איהר גאָר פיינד, נאָר דאָס איז א געפיהל־זאַך. עס ווילט זיך א בליק טאָן אויף דער אייגענער וויעגעלע ווען זי זאָל אפילו שטעהן אין א תפיסה.

קראָקע איז די פוילישע ירושלים, די פרייד און דער צער פון די פאָליאקען, זייער קבר און זייער האָפנונג. פון די אָב־געלאָזענע האלב־רואינירטע קירכען און פערשיעדענע היסטאָ־רישע געביידען זעהען נאָך די פוילישע פאטריאָטען אויפגעהן א ליכט פון בעפרייאונג. און קראָקע איז נאָך טאקע פוילען

אבוואהל זי איז שוין פון לאנג עסטרייך. קוים ווערט א פאלק ניט פערטריעבען אין גלות, קוים בלייבט דאס נאך זיצען אויף דעם זעלביגען באדען און רעדט זיין אייגענע מוטער־שפראך, פערבלייבט עס ביי זיין נאציאנאלען כאראקטער און עס טרוימט נאך אלץ, אז עס איז פריי און זעלבסטשטענדיג. די עסטרייכישע פוילען איז טאקע אין גרונד גענומען פרייער ווי די פוילען פון רוסלאנד און דייטשלאנד, וואו מען אונטערדריקט די פוילישע שפראכע און מען רייסט ארוים ביי די פאליאקען די ערד פון אונטער זייערע טריט. פוילען איז אזוי גענארט אין קראקע, אז זי זעהט דא גאר ניט די קאזארמעס מיט מיליטער, וואסריידען אויף צו להכעיס נאר דייטש.

בעשערט אבער, אז מיין פערוויילען א פאאר וואכען אין קראקע זאל ניט בלייבען אין גאנצען אונבעפריעדיגט און די בעפריעדיגונג איז פיעל טיעפער ווי די קעשענע און האט מעהר ווערטה ווי מטבעות, דאס איז מיין נקמה אן הערשאפט און פינסטערנים, וואס איך זעה יעדע מינוט פון טאג: איך וואוין אין דעם „האטעל ראיאל", פונקט געגען איבער פון דעם „וואוועל", דער אלטער, פער'חורבה'טער שלאס פון די פוילישע קעניגע. אמאל האט א איד אין דער גאס גאר ניט געטארט קומען, ווייל זי איז שוין געוועזן חוץ פון אידישען תחום, חוץ פון דער גהעטטא. יעדעס מאל, וואס א איד האט דא געוואלט אריין האט ער געמוזט האבען א בעזונדערע ערלויבנים און בעצאהלען אריינגאנגס־געלד. נעבען דעם דאזיגען שלאס, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט די רואינען פון מעכטיגע פעסטונגען און טורעמס, שטעהט אן אלטער, היסטארישער קלויסטער, אויף וועלכען עס רוהט דער שטויב פון אלטערטום און

עם קריכען ארום די מילבען פון פוילען'ס יחוס. אָט דער דאָזיגער וואונדערבארער שלאָס און דער קלויסטער זיינען יעצט ארומגערינגעלט מיט יאלעווע, אידישע קרעמלאך פון גראָשע־נע הערינגלאך און געזאָטענע באָב. דאָ איז, וואָס אן אמת, ניט די „גהעטאָ", ניט דער אידישער קווארטאל, דער „קאזש־מירש", נאָר פון דעסטוועגען זעהט מען אָפט בלייכע, אויס־געווייקטע, סמארקאטע חסידישע איינגלאך מיט צונויפגעדרייטע דינע פאות'לאך ווי גערגעלאך אין לאנגע, ביז איבער די אויס־געדרייטע אבזאצען, שלעפּעדיגע, בעקעשלאך ארומקריכענדיג אויף דעם קייזערליכען שלאָס, זיך בעהאלטענדיג אין אן עפּע־נונג פון די אמאָליגע קאנאָנען־ערטער, וואָס האָבען בעשיצט די פוילישע מאָנארכען און שטעקען פון דאָרט ארויס א צונג...

טאָג איין, טאָג אויס קוק איך אויף די דאָזיגע קברים פון מאכט, גלאנץ און עהרע, און ערנסטע געדאנקען פיעלען אָן מיין מח. יעדען טאָג לערנען מיר די אלטע חורבות דעם גרויסען סך הכל פון דער געשיכטע, דעם פּועל יוצא פון גרויסע מלוכות און זייערע געזאלבטע. מיט וואָס פאר א שטאָלץ די מאיעס־טעטישע טהורמס פון דעם גרויען „וואוועל" האָבען זיך דאָס אמאָל אויפגעהויבען הויך, הויך איבער די מויערען פון קראָקע און ווי זיי זיינען יעצט בלויז א נעסט פון ווילדע עסטרייכישע וואראָנעס, וואָס קראקען קראָקע אין דייטש: „קרא... קרא... קראקאו"...

יאָ, אויף אזוי ווייט בין איך א פּאָליאק; אויף אזוי ווייט בלייב איך טריי דאָס שטיקעל ערד, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען; אויף אזוי ווייט איז מיר פוילען טייער, דאָס איך וואָלט ניט וועלען איהר שפּראכע זאָל אונטערגעהן. איך האָס

דעם פוילישען אנטיסעמיטיזמוס. איך האס ווי א פעסט די אידישע פּאַליאַקען, וואָס זוכען זיך איינצושמייכלען ביי א טויט פּאָלק; א פּאָלק וואָס איז פּאָליטיש געשטאָרבען; איך האס די טיעפגעזונקענע לוסט צו זוכען ליעבעס פערהעלטניסע מיט א בר מנן... איך פערהאס זיי, די פערדאָרבענסטע פון די פערדאָרבענע, די מאָזאיש־אידישע פּאָליאַקען, וואָס שעמען זיך צו ריידען אידיש, זייער מוטער־שפּראך, וועלכע לעבט איצט מעהר ווי פויליש, — איך וויל אָבער, אז די פוילישע קולטור, די אמת'ע גרויסקייט פון דעם פוילישען פּאָלק, זאָל ניט פערשלונגען ווערען! מענשען זאָלען האָבען די פרייהייט צו לעבען און זיך ענטוויקלען אויף דעם באָדען וואָס האָט זיי בעשאפען, אין דער שפּראכע וואָס זייערע עלטערען האָבען גערעדט, אין דעם גייסט, וואָס זייער אייגענע הארץ דיקטירט זיי, אין דעם פאָרטשריט, וואָס זיי אליין וועלען זיך ארײנלעבען און ניט וואָס מען וועט אויף זיי ארויפצווינגען מיט גוואלד.

ציון איז גרויס ניט צוליעב איהרע קעניגע, איהרע שלעכטע אידיש־אזיאטישע הערשער און טיראנען, זאָנדערן צוליעב איהרע אונשטערבליכע פּראָפעטען און מאקאבעער, און דער „וואוועל" איז א וויכטיגער מאָנומענט ניט ווייל דאָרט ליעגע, די פוילישע קעניגע פון פערגאנגענע דורות, נאָר ווייל דאָרט רוהט אין אייביגער עהרע דער אונשטערבליכער פּאָעט מיצקעוויטש, וועמעס „פּאַן טאדעאוש" און „דזשאדי" עס האָבען געגעבען דער פוילישער שפּראכע א „שטאָט" ביי דער סאמע מזרח־וואנד אין דעם היכל פון דער וועלט־ליטעראטור. מיין וואונש איז, אז אלץ וואָס איז גוט און קאָן נאָך בעסער ווערען זאָל בלייבען, מעג דאָס אפילו זיין אזא קליינע זאך ווי „אידיש"

און אלץ, וואס איז שלעכט און קען נאך ערגער ווערן זאל פערשווינדען, מעג דאס אפילו זיין אזא גרויסע זאך ווי רוס־לאנד...

רוסלאנד איז סיי ווי סיי דער שטענדיגער קוואל פון מיין האס און צארען, אבער שוין לאנג האב איך ניט געפיהלט צו איהר אזא טיעפע שנאה ווי יעצט, ווען זי לאזט מיר צומאל ניט א בליק טאן אויף דעם בית עולם פון מיין אמאליגע שטעד־טעלע, וואו מיין משפחה רוהט. פון קראקע איז בלויז א האר־זענ־שפרונג נאך מיין געוועזענע היים, וואו עס צאנקען נאך, דאכט מיר, די לעצטע צוויי נשמות פון מיינע אמאליגע יוגענד־פריינד און חברים, דאך רוסלאנד לאזט מיך אהין ניט קומען, דאס הארץ ווערט מיר צושפרונגען פאר כעס און ערגערנים.

אבער איך שטעק ארוים דעם קאפ דורכ'ן פענסטער און גיב א קוק אויף דעם „וואוועל" און אויף די אידישע קראמען און קרעמלאך, און חסידים ארום, איך זעה זיי אלס לעבעדיגען פראטעסט נעגען די בארבעריי און רשעות פון אן אונבעזאגנען פאלק, זיינע פריסטער און הערשער, און עס גיסט זיך מיר א קוויקענדיגער רויזענהאניג איבער דער נשמה: איך זעה א „וואוועל" אין גאטשינא. אויף דארט וועלען זיך אמאל שפיע־לען די אור־אור אייניקלאך פון די רוסישע פאגראם קרבנות אויף די חורבות פון א קייזערליכען שלאס. ווער ווייס וועלכע פויגעל עס וועלען אין יענע טהורמס נעסטען און אין וועלכע שפראך זיי וועלען מאכען חוזק פון ניקאלאיען: „ניק... ניק... ניק... ניק... ניקס"!...

נײַנצעהנטער קאַפּיטעל

קראָקע און קראַקאָו, דער „האָטעל ראָיאַל“ מיט זײַנע בעשוועדרעלטע געסט, די פּוילישע „יאַהודים“ אָדער פּאָליאַק־יודען, דער „וואַוועל“ און דער „קאַזש־מירש“, איך בעזוך די קראָקער גהעטאָ און די אַלטע שול.

XIX

זייענדיג עטליכע טעג אין קראָקע האָב איך אויסגעפונען, אז דאָ איז פּונקט ווי אין נויאָרק, א „יאַהודישער“ אוי־בענגאָן, אן „אָפּטאַון“, וואו די פּוילישע „יאַהודים“ אָדער פּאָליאַקודים וואָהנען און א פּאָליש, א מין נויאָרקער „איסט סייד“, וואו די אָרימע אידען וואוינען. נאָך א גענויע אונטערזוכונג בין איך אויך דערגאַנגען דעם סוד, דאָס איך בין אייגענטליך גאָר ניט אין קראָקע זאָנדערן אין קראַקאו, אז „קראָקע“ איז גאָר דער „קאַזשמירזש“, דער קוואַרטאַל פון אידען, אידיש־קייט און עניות. איך האָב זיך ענדליך ארומגעזעהן, אז איך בין דאָ גאָר ניט קיין אידישער איד, נאָר להבדיל אן „אַפּטאַו־נער“, א יאַהודיש־פּאָליאַקישער שליאַכטשיץ, א פּריץ און אז דער „האָטעל ראָיאַל“, אין וועלכען די היגע אידישע אקאַדע־

מיקער האָבען מיך אריינגעפיהרט, איז גאָר א קריסטליכער האָטעל, וואו עס גאסטירען בלויז אסימילאטאָרישע אידען, וואו עס פערפאָהרען זעהר אָפט גרויסע גענעראלען און וואו עס ווילט יעצט דער אויבער־קאָמענדאנט פון דער גאנצער גאליצישער זשאנדארמעריע. דער פּאָרטיער פון דעם האָטעל, דוקא א איד, האָט מיר ערקלעהרט, אז דיעזער קאָמענדאנט איז א גרויסער תקיף ביי'ם קיסר. ער האָט מיר עפּעס ווי גע־געבען אָנצוהערען, אז איך מעג זיין שטאָלץ דערויף, וואָס איך בין א חבר־גאסט מיט דעם גרעסטען זשאנדאר אין לאנד... מיר איז פון דיעזען קאָמפּלימענט געוואָרען קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען, נאָר זיך דערוויסענדיג אויף וועלכען שטאָק דער זשאנדאר געפינט זיך בין איך רוהיגער געוואָרען. איך האָב דערזעהן, אז איך שטעה דאָך א י ב ע ר איהם: אז איך בין מיט א סך, גאָר א סך שטאָפּעל העכער...

ערשט יעצט האָב איך צום ערשטען מאָל פערשטאנען די אמת'ע סיבה פאר וואָס מיר קאָסט 75 סענט א שטיקעל פיש, א מיטען־שטיקעל, דער קאָפּ קאָסט דאָ פיעל ביליגער. זייט פּוילען האָט דעם קאָפּ פערלאָרען, זיינען די קעפּ פון איהר ווייקסעל, אפילו די „קארפּען־קעפּ" געפאלען אין מקח... דאָך ווי די פּוילישע קעפּ זיינען יעצט געזונקען אין פּרייז און ליע־גען צעהן קלאפטער אין דר'ערד, דאָך שטינקען זיי נאָך מיט אזא גאווה, אז עס געהט אָן א חלשות... איך קען זיך צו זיי ניט צוריהרען... איך וואָלט שוין אָבער ווי עס איז מיט א מיטען־שטיקעל צופריעדען געווען ווען מען וואָלט ניט געקאָכט די פיש מיט האָניג־טייגלאך, ווי צו צולייגען צו א געשוויר, מיט „מאָנטשקע", מיט רויזענהאָניג, מיט פּאטיקע, מיט זיסע

פוילישע קאָמפּלימענטען, און ווען מען וואָלט דאָס מיר ניט דערלאַנגט מיט די שליאַחטאָווע מליצה פון „פּראָשע פּאַנאַ“ און „פּשעפּראַשאַם“, ס׳הייסט „כ׳בעט איבער אייער כבוד“ — מען האָט מן הסתם געמיינט אין דעם פּאָליאַקודישען רעסטאָראַנט נעבען „מיין“ האָטעל, אז איך בין געקומען זוכען צוקער אין גאַליציע און מען האָט דאָס מיר ניט געזשאַלעוועט... איך האָב זיך איינמאָל צוגעכאַפּט צו א זיסען מיטען־שטיקעל, האָב דאָס געקאַיט און זיך געטרייסעלט, געקאַיט און זיך געוואָרגען, און האָב דאָס געמוזט „פּשעפּראַשאַם“ אָבגעגעבען צוריק...

אָבער ניט לאַנג האָב איך זיך געלאָבט מיט די דאָזיגע פּריקרע, אסימיליאַטאָרישע זיסקייטען. זיי האָבען מיך צו־פיעל גענודעט, פּשוט געעקעלט. איך האָב זיך פערבייגקט נאָך דער אידישער גאַס, נאָך דעם אָרט וואו מיינע אָרעמע ברידער און שוועסטער וואוינען, וואו מען חנפ׳עט ניט אויף פּויליש און מען צוקערט ניט מיט פאַלשע קאָמפּלימענטען, וואו מען דרייט זיך ניט ארום אין שווארצע פּרעק און זיידענע הענדשקעס. איך האָב מיר אויך ניט געקענט מוחל זיין פאַר וואָס איך האָב בעזוכט דעם „וואַוועל“, דעם אלטען צוטרימערטען פּוילישען „בית המקדש“ איידער איך בין געוועזן אין דער אָרעמער, אידישער גאַס, מיך האָט געקריינקט ביז מיין טיעפסטען מארך פארוואָס איך האָב בעוואונדערט די אלטע קאַטעדראַלע פון פּוילענס מלכים און שררות; פארוואָס איך בין ארומגעגאַנגען צווישען יענע אלטאַרען מיט די גרויסע פּערלאָשענע ליכט, מאַרמאָרנע טרונעס, בילדער און צלמים געמאָלעוועט און געשניצט אין בלוטיגען, קריסטליכען אמאָל; מיך האָט געעגבערט און געגריזשעט דער גערעכטער פאָרוואורף,

צו זעהן די צושטערטע היילינקייטען פון שונא איידער איך האב בעזוכט דעם שטילען מקום קדוש, די אלטע קראקער שול אויף דעם „קאזשמירזש“. אבער די שולד מוז איך צושרייבען דעם צופאל. דען גראד וואוין איך איבער'ן וועג פון „וואוועל“ און זעהר ווייט פון „גהעטא“. אבער איך האב שוין געהאט אבגעמאכט מיט דעם גאליציאנער קארעספאנדענט פון די צייטונג „פארווערטס“, הערר „יושר“, ער זאל קומען צו מיר און כיך אהין פיהרען. הערר „יושר“ האט מיר שוין פריהער דערצעהלט וועגען דעם גרויסען עלענד פון די קראקער עכט-אידישע גאסען, פון דער ספעציפיש-אידישער צורה פון יענעם געגענד און איך האב געווארט מיט ביטערען אונגעדולד, ער זאל דארט געהן מיט מיר, און ער איז געקומען.

דאס איז געווען א פרייטאג, א נאסער, פוילער, פערשימעלטער, ברוגז'ער קראקער פרייטאג. אין אמת'ן קריכען דא אלע טעג פויל און לאנגזאם ווי ווערים, אומעטיג, אהן מוטה און אהן אמביציע, עט סתם אין דער וועלט אריין; עפעס אזוי ווי פון יוצא וועגען. דאך דער דאזיגער פרייטאג איז געווען טריבער און אומעטיגער ווי אלע טאג פון דער גאנצער וואך, וואס איך האב זיך דא גענודעט. א בעהאלטענער שמערץ האט מיר ארומגעשפוקט אין הארצען: עפעס גראד אין אזא וועטער בעזוכען דעם „קאזשמירזש“! אבער אזוי איז געווען דער אבמאך, אז נאר ערב שבת זאל איך דארט געהן; צוויי מאל אין דעם זעלביגען פרייטאג: איין מאל צו זעהן די קינדער פון עלענד און נויט אין זייערע צוטראנטעטע וואכעדיגע רחקות, צו בעטראכטען זייערע בלייכע, איינגעפאלענע באקען

און ברוסטען אין דעם אלטעגליכען וועה פון זייער ליידען און א צווייטען מאָל פאר־נאכט, ווען דער „הונד“ איז פערוואנ־דעלט אין א „פרינץ“, ווען ער געהט מיט א געהויבענעם קאָפּ, ווי א קריעגס־העלד, וואָס קומט פון א זיעגרייכע שלאכט, אין שול מקריב צו זיין זיינע דאנקבארע געפיהלען אויף דעם הייליגען מזבח פון זיינע עלטערען... מיט רחמנות אין הארץ און „יושר“ ביי דער זייט בין איך אוועק צום „קאזשמירזש“. „יושר“ איז געגאנגען פאָראויס און איך האָב איהם נאָכגעפאָלגט ווי א שאטען.

דער רעגען האָט אָנגעהויבען האסטיגער צו פאלען. הי־מעל און ערד האָבען זיך געווייקט אין א נאסע, צופוילטע שטימונג, די טראָפּענס האָבען זיך געקייקעלט איבער די אומע־טיגע, דארע שויבען אזוי ווי טרערען, די דעכער האָבען גע־גאָסען גאנצע טייכען און די שטיינער זיינען געשוואומען אין קאלטע, מוטנע לוזשעס. די גרויסע, שווערע, פוילישע וואָ־גענס זיינען געפאָהרען מיט א מרה שחורה'דיגען גערויש אי־בער די גאסען, די משונה'דיגע, אומגעלומפּערטע רעדער האָ־בען זיך געדרייט הייזעריג איבער דעם פערדרעגענטען ברוק, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך פערקיהלט אין דעם פערשאָלטע־נעם, קאטארנעם וועטער. וואָס ווייטער איך בין אוועק פון מיין האָטעל אלץ אומעטיגער איז מיר געוואָרען. „די קראָקער געטאָ“! דאָס האָט מיך עפּעס אזוי ווי געשראָקען, ניט פער־שטעהענדיג אליין פארוואָס. עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו ווייזען גאנץ אנדערע געסלאך. איך האָב דערזעהן אידען, אידענעם און קינדער אזוי אלטמאָדיש, אזוי טיפּיש גאליציא־ניש, וואָס וואָלטען געוועזן א וואונדער אפילו אין קראקאו, דען

זיי זיינען נאָך אפשר קיינמאָל אין מיטען שטאָדט ניט ארויס... זיי קריכען נאָר ארום אין „קאזמירזש" אין יענע אָבגעשמאַקטע, פערדומפּענע ערטער.

— זיינען מיר שוין דאָרטען? האָב איך געפּרעגט מיט א צוקלעמטע הארץ.

— שוין באלד, האָט „יושר" געענטפערט, אָן דאָרט פאנגט דאָס אָן!

עס האָט אויסגעזעהן ווי איך וואָלט געמאכט א רייזע צו דער העלע און איך האָב דאכט זיך געזעהן אויף דעם פינסטערען, אידישען קווארטאל די שרעקליכע אויפשריפט פון דאנטע'ס „אינפערנאָ": „מענש! ביי דיזען טויער לאָז איבער אלע דיינע האָפנונגען" — איך האָב אָבער מיינע האָפנונגען ניט אוועקגעוואָרפען. איך האָב ויי אלע מיטגענומען... און מיט א טיעפען, אונבעשרייבליכען שמערץ בין איך אריין אין גיהנם... שטעהן אויף איין אָרט האָט דער רעגען ניט געלאָזען, איך בין געגאנגען.

אין פלוג האָט זיך מיר געדאכט, אז איך בין אריין אין דער נויאָרקער העסטער סטריט, אָדער אָרטשארד סטריט. איך האָב דערזעהן טרויעריגע, פערוועלקטע געזיכטער פון מענער און פרויען אין שמוץ און אָרעמקייט. איך האָב דערזעהן קרעמלאָך פון פערשיעדענע אונדאנקבארע מסחרים. איך האָב דערזעהן באָרוועסע, בלייכע קינדער אין טראנטעס, פּאטשענדיג מיט די הוילע פיס דעם נאסען, שמאָלען טראָטואר. דאָס איז אָבער דאָך געווען דער „קאזשמירזש" און ניט די איסטסייד. כמעט עס איז געווען ערב שבת האָט זיך פון דעםס־

ווענען קיינער ניט געאיילט. מען האָט דאָ ניט אָנגעטראָפען אידישע פרויען מיט פולע קוישען עופות, פרוכט, חלה און פערשיעדענע זאכען צום עסען און צום נאשען. די מענשען זיינען דאָרט אומגעגאנגען ווי אין שלאָף, ווי היפנאָטיזירט, ווי איבער גוואלד; פערזאָרגטע און פערמאטערטע מיט א גאנ־צע וואָך שווערען דלות אין קאָפּ און אין הארצען, און אויף שבת איז אויך ניט געווען. דער גאנצער „קאזמירזש" מיט זיינע סוחרים און קונים און געוועלבען און סחורה, דער גאנ־צער האנדעל האָט אויסגעזעהן ווי א רומפּעל אויף א בית עולם. די הייזער, אלט, פערשימעלט, הויפענס שמוץ, יאוש, פערלאָ־רענקייט, און אין די ווענט פון אָט די חורבות זיינען אויסגע־האקט טיעפע, דונקעלע לעכער, לעכער, אין וועלכע עס האָבען זיך אומגעוויעגט שאָטענס פון מענער, פרויען און קינדער. דאָס זיינען קרעמלאך. יעדער קרעמעל האָט פאר עטליכע גרייצער בענדלאך, בלאָטיגע זעמעלאך אָדער עפּעס סתם שמאטעס און אונוויכטיגקייטען, וואָס זיינען צו עקעלהאפט אין האנד צו נעהמען. פערוועריסטע און אין טיעפען שמוץ־בעגראָבענע שיינקלאך, מיט עטליכע גלעזלעך בראנפען און אָבשטויסענדע פערבייסעכצען. א פרעמדער מענש קען דאָ לאנגזאם ניט געהן, מען דערקענט גלייך, אז ער איז ניט קיין היגער און מען זוכט איהם צו פערקויפען דלות, עניות, אביונות, צרות, שלעק פון כל המינים און ווען עס געהט ניט, בעט מען ביי איהם סתם א נדבה. אָנשטעלען די האנד איז דאָ קיין חרפה ניט, די הונדערט־יעהריגע אָרעמקייט און אומזיסטער קאמפף פאר פרנסה; דאָס אייביגע פערקויפען ווינד און רויך, דאָס שטענ־דיגע פוילען אין אונצוכט און אונבעהאָלפענקייט האָט בעשאַ־

פען דעם אונפערשעהמטען שנאָרער, דעם געזונקענעם אָרעמאַן.

געהענדיג אזוי בעטריבט און צובראָכען איז פּלוצלונג אויסגעוואקסען נעבען מיר א געלער איד אין א לאנגע בעקעשע, ביז איבער די אָבזאצען און האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר ווי א סמאָלע, ניט אָבצורייסען :

— זאָגט, וואָס ווילט איהר? וואָס זאָל איך אייך פערקויפען; ווייזען; דערצעהלען; זאָגען; אָדער ערקלעהרען? אפשר זאָל איך אייך ערגעץ פיהרען? אפשר דאַרפט איהר אימעצען זעהן; אפשר זוכט איהר אן עצה, א גנב, א בעקאַנטען, די פּאָטשט, די תלמוד תורה, די באָד, די שול, בית־דין, דעם בית חיים? אפשר זייט איהר הונגעריג, דורשטיג, שלעפעריג, אפשר ווילט איהר א ווייב... זאָגט, שעהמט זיך ניט!... איך בין בה"ש א שדכן אויך, א בעוואוסטער שדכן אין קראָקע... איך וועל אייך חתונה מאכען איינס און צוויי, איידער איהר וועט זיך ארומזעהן האָט איהר א ווייב...

— קומט גיכער! האָט געזאָגט „יושר", איהר וועט זיך פון דעם אידען ניט אָפּטשעפּען, קוקט גאָר ניט אויף איהם און געהט, געהט אזוי גיך ווי די פיס טראָגען אייך.

איך האָב אָנגעהויבען האסטיג צו לויפען און דער איד איז מיר נאָכגעלאָפען, נאָר ניט האָבענדיג מן הסתם געגעסען שוין זייט אייערנעכטען איז דער דאָזיגער פּגע רע מיעד געוואָרען און האָט זיך פערלאָרען אין די שוידערליכע חורבות פון „קאזשמירזש". איך האָב געדאנקט גאָט, וואָס איך בין פּטור געוואָרען פון דער דאָזיגער פערשאָלטענער נשמה, פון דעם פערהונגערטען, געלען גלות־זשוק, וואָס גראָבט מיט'ן מויל די ערד צו זוכען חיונה. איך בין פארביי געגאנגען קרעמלאך

אוןביידלאך אויפ'ן מיטען פון אפענעם שטיקעל מארק פון פערפוילטע שפילקע־קעפעלדיגע בארנעם און עפעל עפעם אזוי ווי זיי וואלטען געוואקסען אויף בעשטעלונג פאר'ן „קאזש־מירזש". איך האב דארט געזעהן יונגע, שענע, נאר פער־צרה'טע אידישע ווייבלאך, יונגע לייטלאך, חסידים'לאך, מיט לאנגע פאות און צוקראבענע בערדלאך, ווי אויסגעשפראצט אויף להכעיס צו פער'מיאוס'ן א מענשליכען פנים. אלע מא־טערען זיי זיך, קוועלען זיך מיט ענוים קשים, זיי ווילען עפעס פערקויפען נאר זיי האבען ניט וואס און ווענען, און דאס, וואס זיי האבען דארף מען ניט. אט פערבאלנדזשעט א באר־וועסער פויער צו א יונגען חסיד אין א יארמולקע און דינגט א בייטעלע, מן הסתם אזוי זיך אלס א צאצקע, דען וואס האט א גאליציאנער פויער ארייצולעגען אין א בייטעלע?... דער סוחר וויעגט זיך, ערקלערט מיט'ן גראבען פינגער אויף א מין בית המדרש'דיגען פויליש, א זוהר־פויליש, א שלוש־סעודות־פויליש, די מעלות פון דעם בייטעלע. דער גוי פערשטעהט איהם ניט און ער פערשטעהט דעם גוי ניט. ער וואלט ווע־לען ווייזען דעם גוי נאך א בייטעלע האט ער ניט, זיין גאנץ קראם בעטרעפט א קראנע. דער גוי געהט אוועק און דער חסיד בלייבט מיט דער בייטעלע אין האנד, שווערענדיג און שרייענדיג: „נו, נו, פאניע, פאניע, פראשע פאניע"...

פון דארט האט מיך „יושר" געפיהרט צו דער אלטער קראקער שול. מיר זיינען דורכגעגאנגען א מין שמוציגען מער־קעל, פון איין זייט האלב איינגעפאלענע ווענד מיט שפאלטען אינעווניג, דאבט זיך, קרעמלאך, אנטקעגען א גרויסער בארג מיסט, זאמד, שטיינער און צוריבענע ציגעל. דאס איז א שטיק

איינגעפאלענע קראָקע, די הייזלאך זיינען נאָך געשטאנען פאר דעם מלך סאָביעצקי'ס יאָהרען. ניט ווייט פון דאָרט איז גע־ווען א געסעל מיט דורכאויס טאנדעטנע זאכען, אלטווארג, אפילו דאָס געבעקס איז דאָרט אויך געווען אלט, טאנדעטנע און מיאוס, ניט א ביס צו טאָן. דאָס גאנצע לעבען איז דאָרט געווען א איבעריגע, צוטראנטעטע, ניט נוציגע אָניצע. עס האָט מיך אויפגעסקרובעט, קוקענדיג אויף דעם. איך האָב דאָרט געזעהן איין געשעפט, וואָס איך וועל אין לעבען ניט פערגעסען. עס שרעקט מיך ווי א געשפענסט ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם. דאָס איז געווען די לעצטע שטופע פון אָרעמקייט. פאר גרויס וועה, קוקענדיג אויף דעם, האָט זיך מיר אויסגעשניטען א גסיסה־שמייכעל אויף די ליפען, יאָ, איך בין כמעט זיכער, אז איך האָב א שמייכעל געטאָן... איך האָב מיך אָבגעשטעלט און פערשריעבען: אויף א שטח פון עטליכע ברוק־שטיינער נעבען טראָטואר פון א שמאָלע, ברודנע, פארפאלענע געסעלע, זיינען געלעגען פינף פעררָאסטע, דיק מיט זשאווער בעדעקטע גאָפלען, אן אלטער פערשימעלטער קלינג פון א מעסער, דריי פּאָאר צופיצעלטע שלאָרעס, א צובראָכענער, פעררעגענטער קאפעלוש, אלטע הענטלאך פון רעגענשירעמס און א פערזשאַ־ווערטער, בלעבענער לייכטעריל, אן אלטע פלאש, א פּאָטקאָווע. דערביי זיינען געזעסען די סוחרים: א קליינער, חסידישער אינגעל מיט א שוועסטעריל. זיי האָבען גערעדט פון „צוויי גרייצער“, אפשר אלץ וואָס זיי האָבען דעם ערב שבת געלייזט. א קליין, דאַר אידעל מיט א געשוואָלענע, ארומגעבונדענע באַק, אקונה איז געקומען האנדלען סחורה: ער האָט אויפגע־הויבען די איינגעשמוצטע, פערשטונקענע פלאש, האָט גע־

שמעקט וואָס פאר א ריח זי פערמאָגט, האָט געמאכט א האלב צופריערענע מינע און האָט אָנגעהויבען דינגען...

„יושר" האָט מיר אָנגעוויזען די קראָקער אלטע שול און מיר זיינען צוגעגאנגען אהין. ער האָט מיר עפעס געוואָלט זאָגען, נאָר איך האָב איהם געבעטען ער זאָל שווייגען. די פינסטערע, בויפעליגע ווענט פון דעם אומעטיגען בנין האָבען שוין גענוג גערעדט, איך האָב נאָר געוואָלט הערען די שפּראכע פון דער שול אליין. איך האָב איהר אָנגעקוקט און פערשטאַ־נען, וואָס זי זאָגט. איהרע צובראָכענע ציגעל, איהר פער־שטויבטער, אלטער דאך, איהר גאנצע פינסטערע אומגעבונג־דערצעהלט טרויעריגע מעשיות און לעגענדעס. זיי זיינען מיר ניט פרעמד געווען, איך האָב זיי שוין דאכט מיר אמאָל געהערט אויף אן אנדער אָרט, נאָר דאך זיינען זיי מיר געווען ניי. איך בין מיט עהרפורכט און אונטערטעניגקייט אריין אין די הייליגע פעסטונג פון „קאזשמירזש", די פעסטונג פון קראָקער אידען און האָב זיך ארומגעקוקט. דער אלטער שמש פון דער חברה „שומרים לבוקר", א גרויער איד מיט א ליעבליכע מינע, האָט מיר דערצעהלט, אז די שול איז שוין אלט איבער 800 יאָהר און אז די חברה „שומרים לבוקר" איז שוין אויך אזוי אלט. ער האָט מיר געוויזען פערשטויבטע אידישע ספרים מיט טויטע, פערגעלבטע פּארמעט־בלעטלאך, וואָס זיינען שוין הונ־דערטע יאָהרען אלט. ער האָט מיר ארומגעפיהרט אין דער שטילער, פעראומערטער חורבה און א ים מיט מורא'דיגע גע־דאנקען און געפיהלען האָבען מיך איבערגעגאָסען. וויפיעל זיפצען, וויפיעל טרערען, וויפיעל וועה־געשרייען, תפלות און

בקשות האָבען אַנגעפילט דיעזען געטליכען היכל! וויפיעל תעניתים האָט מען דאָ געפאַסט, וויפיעל קריעות געריסען, וויפיעל „שמע ישראל׳ס" געשריען אין דער צייט פון דער אָבגעשלאָסענער, אָבגעזונדערטער גהעטאָ? וויפיעל מאָל האָבען פוילישע גלחים און פוילישע הערשער געזוכט די שול צו פערניכטען און אויסראָטען איהרע דאוונער? אָט שטעהען זיי נאָך, דאכט זיך, אָט זעה איך זיי אין די לאנגע, ווייסע קיטלען מיט די טליתים איבער די קעפּ און וויינען. דער שאטען פון טויזענד גזירות האָט אומגעשוועבט איבער די שווארצע, צופוילטע סטענדערס. מיר איז געוואָרען פינסטער פאר די אויגען. די אומעטיגע ענגלייכטערס, דער אלטער אָרון קודש, דער שולחן, די מנורה, — אלץ איז געווען אזוי אלט, אזוי הייליג, אז איך בין גאָר ניט ווערטה געווען אויף זיי צו קוקען...

אין דער מינוט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט א מלחמה צווישען די פּאָליאקען און די אידען. די ערשטע זיינען געווען די אָנגרייפער. די צווייטע — די פערטיידיגער. דער „וואַוועל" און די אלטע קראָקער שול, צוויי פעסטונגען. דער „קאזשמירזש", די גאנצע גהעטאָ איז בעלאגערט פון אלע זייטען, דער הונגער, די פערצווייפלונג צווישען די בעלאגערטע איז שרעקליך. זיי ווילען ארויס, זיי זוכען אן אָרט זיך צו בעפרייען און קענען ניט... דאָך זיכער זיינען זיי. דער „וואַוועל" פון „קאזשמירזש" איז מעכטיגער ווי דער „וואוועל" פון פוילען. דער שונא באָמבארדירט, אָבער זיינע פיילען שפּרינגען אָב צוריק און טרעפען איהם אליין. די קראָקער שול איז שטארק, זי איז געפּאנצירט, מען קען איהר ניט צוברעכען, נאָר ביסלעכווייז ווערט די שלאכט פערשוואונדען. פוילען איז

בעזיענט, זי איז טויט, איהר „וואוועל“, איהר קעניגס־שלאָס און איהר קעניגס־קירכע איז צושטערט, א רויב צו פרעמדע, אָבער די אלטע קראָקער שול בעלאנגט נאָך צו די אידען...

די שקלאוועגוועגט פון דער גהעטאָ זיינען אָבגעשאפט. די איינוואוינער פון „קאזשמירזש“ דאכט זיך נאָך אלץ, אז זיי זיינען בעלאגערט, זיי מיינען, אז מען באָמבאַרדירט נאָך, זיי ציטערען נאָך אלץ ארויסצוגעהן אין דער פרייער, ליכטיגער וועלט, אָבער אין אמת'ען זיינען זיי פריי.

דער „נר תמיד“ איבער דעם אלטען אָרון קודש האָט גע־ברענט ווי פריהער, ווי מיט אכט הונדערט יאָהר צוריק. מיין שמערץ איז מיט אמאָל פערשוואונדען, מיינע האָפנונגען האָ־בען זיך געשטארקט, איך האָב א קוק געטאָן מיט שטאָלץ אויפ'ן „קאזשמירזש“...

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מיין אבשיעד פון דעם „האָטעל ראָיעל. — די צרות פון „פּראָשע פּאַנאַ“. — פּאַבריצירטע העפליכקייט. — צאָהלען חובות פאַר גאָר ניט. — די אַקאַדעמי־קער שאַפען מיר אַ נייע דירה. — צוויי אידיש־פּוילישע פּאַטריאָטקעס.

XX

נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן דעם ביטערען עלענד פון קראָקער אידישען קוואַרטאַל, די אונבעשרייבליכע לייד און פּיין פון די אביונים אין דער געהעטאָ, איז מיר דער פּאַליאַקודישער „האָטעל ראָיאַל“ נאָך מעהר איבערדריסיג געוואָרען און איך האָב געבעטען מיינע אקאדעמיקער, זיי זאָלען מיר בעסער זעהן א פּריוואַט צימער, וואו איך זאָל קענען בלייבען ביז מיין קראָקער פאַרלעזונג, וואָס דאַרף פאָרקומען דעם 31טען אויגוסט אין דעם גרויסען פאָלקס־טעאַטער און די אקאַדעמיקער, וועלכע האָבען מיך אייגענטליך אהער אראָב־געבראַכט, האָבען מיין וואונש ערפילט. אָבער ניט אזוי גיך ציהט מען דאָ ארויס פון אַ האָטעל; מען מוז פריהער דורכ־מאַכען חיבוט הקבר און איך האָב עס דורכגעמאַכט. ווען

מיינע זאכען זיינען שוין געווען איינגעפאקט בין איך מיט זיי אראָב אונטען אין קאנטאָר פון פאָרטיער, צו בעצאָהלען דירה־געלד.

— איך האבע די עהרע — האָט ער געזאָגט מיט א פּאב־ריצרטע העפליכקייט און האָט א דריק געטאָן א קנעפּעל איבער זיין „שולחן“.

עס האָבען זיך פּלוצלונג א לאָז געטאָן צו מיר געסט: מענער, מיידלאך, אינגלאך, גוים, יונגען און יונגאטשעס, וואָס איך האָב די גאנצע צייט פאר די אויגען ניט געזעהן. זיי האָבען זיך אלע צושטעלט אין א גלייכע שורה אנטקעגען מיר און האָבען זיך חן'עוודיג פערנייגט. ווער מיט א „פּראָשע פּאנא“, ווער מיט אן אנדער פּזמון, יעדער האָט עפּעס א זאָג געטאָן. די מיידלאך און איינע אן עלטערע גוי'ע האָבען אזוי ליעבליך געשמייכעלט און געקוקט אויף מיר מיט אזא רחמנות, אז איך האָב שוין כמעט גאָר קיין חשק ניט געהאט צו ציהען... נאָר דאָס האָרץ האָט מיר געזאָגט, אז דאָ וועט באלד עטוואָס פּאָרקומען, און אזוי איז דאָס טאקע געווען. ווען איך האָב בעצאָהלט מיין חוב און האָב געוואָלט נעהמען מיינע צוויי רייזע־טאשען און געהן צו דער דראָשקע, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט, האָט מיך דער פּארטיער פּלוצלונג פערהאלטען מיט א „פּשעפּראשעם פּאנא“, איך האָב אויף איהם א קוק געטאָן פערוואונדערט און געפרעגט:

— וואָס איז געשעהן?

— גאָר ניט, האָט ער געזאָגט און האָט מיר דערלאנגט א פרעג: זיינען זיי געזעסען אין דער פּינסטער?

איך האָב איהם אָנגעקוקט מיט איבערראשונג, קלערענ־

דיג וואָס ער מיינט, נאָר גלויבענדיג, אז ער וויל וויסען אויב איך בעקלאָג זיך ניט אויף די בעלייכטונג פון דעם האָטעל, האָב איך זיך בעשלאָסען צו זאָגען איהם דעם אמת.

— אין דער פינסטער, האָב איך איהם געזאָגט, בין איך, וואָס אן אמת, ניט געזעסען, נאָר אין דער ליכטיגען אויך ניט. איך האָב זיך, מוז איך אייך זאָגען, הערר פּאָרטיער, גאָר ניט פאָרגעשטעלט, דאָס אזא האָטעל, פיעלייכט דער גרעסטער אין קראקאו, זאָל ניט האָבען קיין גאז־בעלייכטונג אין די קאָרידאָרען און ניט אין די צימערען און מען זאָל דאָרט דארפען בלענדען די אויגען גאנצע אבענדען פאר א חלב ליכטעל. איך האָב זיך שוין פאראיינס געוואָלט בעקלאָגען וואָס דער האָטעל האָט ניט קיין „ליפט" (עלעוויטאָר) און איך האָב געמוזט קריכען יעדען טאָג אויפ'ן הימעל איבער שווערע, שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבען מיר אונטערגעהאקט די פיס, אָבער ער האָט מיר מעהר ניט געלאָזט ריידען און האָט אונטערגעכאפּט:

זייט איהר, הייסט דאָס, ניט געזעסען אין דער פינסטער? מען האָט אייך אָנגעצונדען א ליכט.

— נו, יא, א שטיקעל חלב־ליכטעל, האָב איך געענטפערט מיט א מאָדנעם פאָרגעפיהל.

— פשעפּראשאם, האָט ער א זאָג געטאָן אויף גיך און האָט מיר דערלאנגט א וועקסעל פאר ליכט און שוועבעלאך.

איך האָב קיין שום טענות ניט געמאכט, האָב בעצאָהלט, און זיך געוואָלט נעמען צו די רייזע־טאַשען, אָבער דער פאָר־טיער האָט מיך ווידער פערהאַלטען.

— פשעפּראשאם פּאנא...

— וואָס איז שוין ווידער? — האָב איך א פרעג גע־

טאָן. אפשר בעצאָהלען פאר'ן כבוד, וואָס איך בין געשטאַנען ביי אייך אין איין צייט מיט דעם זשאנדארמסקען קאָמענדאנט פון גאליציען?

— זייען זי רוהיג, הערר, האָט מיר דאָס אידעל געענטפערט, מאכט ניט חוזק פון אונזער קאָמענדאנט, דען איך דארף נאָר זאָגען איין וואָרט, וועט איהר דערפאר געהן אין חדר אריין... איהר פערשטעהט? יעצט וויל איך זאָלט איהר מיר אליין בעצאָהלען, דען איהר דארפט וויסען, אז איך ארבייט פאר מיין ווירטה, דעם אייגענטהימער פון האָטעל, אומזיסט און איך לעב נאָר דערפון וואָס איך קריג...

ער האָט געפאָדערט געצאָהלט דערפאר וואָס ער איז געווען אזוי גוט און מיר פערדונגען א צימער און וואָס ער פלעגט זאָגען יעדעם מאָל, וואָס ער האָט מיך דערזעהן, „גוטען מאָרגען, הערר", אָדער „איך האבע די עהרע", אָדער „פשעפראשאם פאנא", לויט ווי ער איז געווען אויפגעלייגט צו זאָגען, און פלעגט דערצו נאָך מאנכעם מאָל א הויב טאָן די היטעל, אָדער א שמייכעל טאָן, צו זיך סתם א קראַץ געבען אין קאָפּ... ער האָט מיר איינפאך ערקלערט, אז אין גאליציע זאָגט מען ניט אומזיסט „גוט מאָרגען", אז „פריינדשאפט" קאָסט געלד, אז זיין יעדער „גוטען טאג, הערר" און זיין יעדער „זייט מיר מוחל" מוז גערעכענט ווערען. איך האָב איהם ערקלערט, אז פון זיינע אלע „גוטע טעג", וואָס ער האָט מיר געוואונשען, האָב איך נאָך אין קראָקע קיין גוטע מינוט ניט געהאט און אז ער איז אן עזעל צו ארבייטען אומזיסט. עס איז אָבער קיין תירוץ, א מענש דארף לעבען, איך האָב דערלאַנגט לויט מיין מעגליכקייט און ער איז געווען צופריעדען...

גלייך האָט זיך צו מיר א לאָז געטאָן א מחנה קרעדיטאָ־
רען. די שורה איז שוין ניט מעהר געשטאנען גאנץ און גלייך.
זי האָט זיך אויסגעבויגען, צובראָכען און מיך ארומגערינגעלט.

ערשטענס איז ערשיענען דאָס שטוב־מיידעל, די „פּאָ־
קאָיאָווקא". זי האָט געפאָדערט שכירות פאר'ן צונעמען פון
מיר דאָס דירה־געלד און פאר'ן „מאכען" מיר יעדען טאָג דאָס
בעט. דאָ מוז איך בעמערקען דאָס יעדער עטאזש האָט א
בעזונדערעס „שטוב־מיידעל", פון וועלכען עס ווערט רעגיערט,
און יעדעס מאָל, וואָס א גאסט קומט זיך אָברעכענען, רופט
דער פּאָרטיער ארונטער דאָס „מיידעל" זי זאָל דערלאנגען די
קוויטאנציע און צונעמען די מזומן, כדי זי זאָל קענען האָבען
א צוטריט צו דעם האָטעל'ס קרבן און מאָנען ירושה.

— איהר מוזט איהר געבען, פּאני, — האָט געזאָגט דער
פּאָרטיער זיך קראַצענדיג אונטער'ן היטעלע, — זי קריגט אויך
ניט קיין לוין און לעבט נאָר דערפון וואָס זי נעמט פון די
קווארטיראנטען, א רחמנות נעבאך א שיקסע!...

דאָ בין איך שוין ארויס פון די „כלים" און האָב אָנגע־
הויבען האסטיגער צו ריידען: „סטייטש, איך בעט איבער
אייער כבוד, פּשעפּראשאם פּאנא, וואָס הייסט, זייט מיר
מוחל, איך וועל בעצאָלען א שיקסע וואָס איך קען גאָר ניט!

— פּשעפּראשאם פּאנא — האָט זיך דער פּאָרטיער אָב־
גערופען צו מיר מיט די מיושב'קייט פון א סוחר — איהר
דארפט איהר בעצאָהלען. און וואָס איהר קענט איהר גאָר ניט
איז במחילה אייער אייגענע שולד. ווען איהר וואָלט ניט גע־
ווען קיין יאָלד וואָלט איהר זי יאָ געקענט...

— אָבער, פּשעפּראשאם פּאנא, האָב איך א פרעג געטאָן,

וואָס פערדינגט איהר דען אין אייער האָטעל? בלויז די פיער וועגט פון א צימער ווען מען מוז אייך פאר יעדעם ברעקעלע עקסטרא בעצאָלען? פאר'ן צימער צאָלען, פאר די שוועבעלאך צאָלען, פאר א ליכט בעצאָלען, פאר א שיקסע בעצאָלען און „פשעפראשאם" פאר אשר יצר פאפיער אויך בעצאָהלען, דען פאר יעדער שטיקעל פאפיער מוז מען אריינוואַרפען א גריי־צער אין א פושקע פון וואנען עס נעהט ארויס א פאפירעל מיט א שטעמפעל, פון די רעגיערונג דאכט זיך, אז איהר מעגט עס געברויכען... אָבער די קאלטקייט און געלאסענקייט פון פּאָרטיער האָט אויף מיר געהאט אן אָבקיהלונגס עפעקט.

איך מוז געשטעהן דעם אמת, אז בעצאָלענדיג דער שיקסע דאָס אומזיסטע שכירות, האָב איך שוין חרטה געהאט וואָס איך האָב ניט געפאָלגט דעם געלען שדכן אויפ'ן „קאזשמירזש" און האָב טאקע דערווייל אין קראָקע ניט חתונה געהאט ביז מיין פאָרלעזונג און מיט א טאָג פאר'ן אוועקפאָהרען זיך ניט גע'גט. אין גאליציען געהען צו אזעלכע זאכען פיעל גיכער ווי אין אמעריקא. דער זעלביגער רב'ל וואָלט אי פערקניפּט אי אָבגעבונדען און איך וואָלט די גאנצע צייט ניט געדארפט זיין אין דער פרעמד...

אָבגע'פטר'ט דאָס שטוב־מיידעל איז צו מיר צוגעגאנגען די גויה, וואָס וואשט דעם קאָרידאָר, א גוי, וואָס האָט מיר א מאָל געזאָגט ווי שפעט דאָס איז, ווען איך האָב געוואָלט וויסען ווי לאנג איך בין שוין אין קראָקע. דער שייגעץ, וואָס פוצט שיך, א מיידעל, וואָס דרייט זיך ארום אויף די טרעפ און דער פויער וואָס היט דעם בית הכבוד... אויף דעם שטיוועל־פוצער און אויף דעם שומר פון בית הכבוד בין איך געווען פלאַם־

פייער, דען וואָס איז מיר ארויסגעקומען פון זייער פוצען און היטען די ריינליכקייט, אז איך בין דאָ אריינגעפאלען אין מיסט ביז איבער די אויערען...

מיין נייע דירה, א מעבלירטער צימער מיט בעדיענונג, האָבען מיר די אקאדעמיקער געזאָגט, איז גאָר א צאצקע, און אויסנאם אין קראָקע און ביליג אויך, פשוט בחצי חנם, אין גאנצען לומפיגע צעהן אמעריקאנישע דאָלאר פאר צוויי וואָכען, בלויז פאר שלאָפען אליין. קען נאָך זיין א גרעסערע מציאה אין דער וועלט? ס'הייסט קאָסטען קאָסט עס נאָר דרייסיג קראָנען פאר צוויי וואָכען, סך הכל 6 אמעריקאנער דאָלאר, נאָר אויסגעמאכט האָט דאָס צעהן, ווייל איך האָב זיך דאָ ערשט געמוזט איינשאפען א גאנצע בעל הבית'שאפט, שווע־בעלאך, ליכט, זייף, א שפיעגעל, אפילו האנדטיכער און קי־שענס. די האנדטיכער האָב איך געקויפט, פאר די קישענס האָב איך בעצאָלט ניצ־געלד. מיין נייע דירה איז אין דער „יאסנע" גאס אויפ'ן צווייטען שטאָק, ביי אן אלטע, פוילישע גויה, וואָס קען אויסגעצייכענט דייטש, נאָר זי וויל דאָס ניט ריידען כאָטש האק איהר די נעגעל. באלד פון אָנפאנג האָט זי מיר געזאָגט „גוטען טאג, הערר" און „איך האבע די עהרע". שפּעטער אָבער ניט פון פלעק. נאָר איך האָב זיך אָבגערע־בענט מיט איהר: זי קען ניט קיין דייטש און איך ניט קיין פויליש. זי האָט דאָס ממש ניט געקענט אריבערטראָגען. יעד־עס מאָל וואָס זי האָט מיר בעגריסט אין קאָרידאָר מיט א „דזשיען דאָברי", (גוט מאָרגען), פלעג איך איהר ענטפערען „גוטען מאָרגען", כאָטש אזא יאָהר אויף שטעקער'ן ווי איך

האָב ליעב דייטשלאַנד, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז דער גלות האָט מיר דאָך אריינגעדריקט א שטיק דייטש אין הארצען, וואָס האָט זיך צומישט מיט מיין בלוט און געוואָרען א טייל פון מיין איך... אָבער ניט וועגען דעם מיין איך איצט צו דערצעהלען. איך האָב זיך מיט מזל און מיט ברכה אריינ־געצויגען אין מיין פרישע וואוינונג, האָב ארויסגענומען פון טשעמאָדאן די עטליכע ספרים מיט א כעס, דען נאָר צוליעב זיי ווער איך דאָס שטענדיג ארויסגעצויגען און איך וואָגעל ארום אין דער גרויסער, שלעכטער וועלט. האָב איך, ווי גע־זאָגט, ארויסגענומען די עטליכע ספרים: פערשיעדענע אייראָ־פעאישע איבערזעצונגען פון מיינע ווערק, א פוילישע איבער־זעצונג אויך צו מיינע צרות... די ביבעל, היינע, „ווערטער׳ס ליידען" אין דייטש און מיינע אייגענע ליידען אין אידיש, האָב זיי אלע אוועקגעלייגט אויף א הינקענדיגען ביכער־שראַנקעל און האָב גענומען בעטראַכטען מיין איינגסטע מציאה.

א הויכער צימער לאַנג און שמאָל ווי מיין ערשטער יאַ־דושליוועד „אלף בית"־מלמד, אָדער ווי מיין יעצטיגע בעל הבית׳טע, אָבגעמאָהלעוועט מיט א מין פארב, וואָס ווארפט א מעלאַנכאָליע און דער׳הרג׳עט די נשמה, א קראַנקע יאדושלי־ווע פארב, וואָס האָט געהוסט און געאָטעמט מיט אזא מורא, אז עס האָט מיר צוריסען מיינע צוריסענע נערוועך; די ווענט — פוסט, הויל, נאַקעט, קיין שטיקעל שפיעגעל, קיין זייגער, קיין איינציג בילדעל, קיין שום זאַך אויף וואָס דאָס אויג זאָל קענען א רגע אָברוהען אָדער דער אויער עפעס פערנעהמען. עס, סתם א לוימענער קאַסטען ווי פאר א מומיע, פונקט ווי מען וואָלט מיך דאָ געגאַנגען איינבאַלזאמירען און מיך האָט

געוואונדערט פארוואָס מען טהוט דאָס שוין ניט, דען איך בין דאכט זיך שוין געווען טויט לאנג, אזוי לאנג, איך בין נאָך דאכט זיך געשטאָרבען אין רוסלאנד און מיך האָט גע־מאטערט די קשיא צוואָס מען האָט מיך געבראכט איינ־באלזאמירען אין קראָקע... צו דען געפינען זיך דאָ ווייניג קברים, צו דען האָט דאָ פוילען קנאפּ אייגענע מומיעס, וואָס די צייט האָט זיי איינבאלזאמירט? זי האָט צעהנדליגע הים־מאָרישע מעמפּלען, נאציאָנאלע בית חיים׳ס וואו עס ליעגען איהרע טויטע גרויסקייטען, זי האָט א „סוקעניצא“ אין מיטען שטאָדט, שטעהט שוין צוועלף הונדערט יאָהר און טראָגט אין זיך די אויפשריפטען פון אלע שטעדט, וואָס פוילען איז בעזעסען, מצבות, מצבות... זי האָט א קליינע תיפלה׳צקע אין מיטען מארק, וואָס שטעהט שוין זעכצעהן הונדערט יאָהר; זי האָט נענוג... צוואָס דארף מען דאָ נאָך א טויטען אידי־שען דיכטער און צו וועמען געהער איך; צו וועמען בעלאנג איך אין קראָקע סיי ווי סיי? צום „קאזשמירש“, וואָס פער־שטעהט מיך ניט? צו די אסימילאנטען, וואָס ווילען מיך ניט פערשטעהן? צו די יונגע פויליש־אידישע אקאדעמיקער, וואָס ווייסען אליין ניט וואָס זיי ווילען און וועלען אביסעל שפּע־טער זיין נאָר ניט דאָס וואָס זיי זיינען?

וואָס טהו איך אין קראָקע? וואָס וואַרט איך עפּעס גראָד דאָ, אויף א גייסטיגען בית עולם, ביז מיינע פּארלעזונגען אין איירּאָפּא וועלען אָנפאנגען? ווער פערשטעהט מיך און ווער וויל מיך פערשטעהן? האָט מיך שוין כאָטש איין רעכטער מענש בעזוכט? האָט מיך שוין אימיצער פּראָבירט איינלאדען צו זיך אלס זיין גאסט; מיך פערבעטען אויף טהעע? בין איך

דאָ איבערהויפּט שוין געווען אין אַ אידיש הויז און געזעהען וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט? איך וויים, איך וויים, אז קראָ־קע איז די ערגסטע אידישע שטאָדט אין גאַליציען; איך וויים, אז דאָ זיינען גאָר קיין אידען ניטאָ, נאָר אסימילאַנטען און הסידים, איך וויים, אז אנדערע אידישע ליטעראַטען האָבען דאָ געהאַט דעם זעלביגען גורל, אז אברהם רייזין שלעפּט זיך דאָ אויך יעצט ארום ווי אַ פערשאָלטענע נשמה, פער׳חושך׳ט און פערלאָרען, אָהן פריינד און אָהן חברים; איך וויים, אז אין גאַנץ קראָקע הערט מען קיין אידיש וואָרט אויפ׳ן גאַס, אז אלע אידישע באַבעסריידען שוין פּויליש צו זייערע אייניק־לעך אין די וויעגען, איך וויים אלץ און דאָך האָב איך זיך אויף אזוי וויט נים פאָרגעשטעלט, סטייטש, גאַלי־ציע! ניו יאָרקער ריווינגטאָן סטריט אָן אסימילאַנטקע אין קראָקע!

אָט אין אזעלכע פינסטערע, דומפּפע מחשבות בין איך געזעסען און געפיהלט אזוי ווי נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען, איך בין געווען אָבגענאַרט, מיאוס אָבגענארט און בעטראָגען, די פערלוסט פון אידישען גייסט אין רעכטען מיטען פון זיין שטאַרקסטע פעסטונג; די עלענדקייט פון אַ אידישען משורר אין צענטער פון אידען אין דער אלטער וועלט; די אונפער־שטענדליכקייט פון דער מוטער־שפּראַך צווישען אידישע קינ־דער אין גאַליציע, דאָס אלץ האָט מיר מיין צימער נאָך ענ־גער געמאַכט און זיין פאַרב — נאָך אומעטיגער, נאָך שרעק־ליכער. אוים! איך האָב מעהר נים געזעהן קיין צוקונפט פאַר מיין פאָלק...

אָבער פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

איך בין אויפגעשפרונגען ווי פון א בעזעז, שרעקליכען חלום און בין האסטיג צוגעלאָפען.

— ווער איז דאָס? האָב איך געפרעגט אויפגערעגט.

— פראַשע פאנא, האָב איך פערנומען א זאנפטע פרויענ־שטימע.

איך האָב געעפענט. צוויי יונגע שענע מיידלעך זיינען אריין.

איין מיידעל, וואָס האָט קוים געקענט די צונג איבער־דרייען אין דייטש, האָט מיר פאָרגעשטעלט זיך אליין און איהר חבר'טע, וועלכע האָט גערעדט נאָר פויליש. די ערשטע האָט מיר דערצעהלט אז זיי האָבען געהערט אז איך בין א דיכטער, זיינען זיי מיך געקומען זעהן. די אנדערע האָט מיר אויך גע־זאָגט זיך אָנשטריינגענדיג אין דייטש אז זי האָט געלעזען א פאָר פון מיינע זאכען אין פוילישער איבערזעצונג.

— גאנץ גוט — האָב איך געזאָגט אין איינפאכסטען אי־דיש און אָבגעבענדיג זיי מיין ביינקעל האָב איך זיי געבעטען זיצען.

— איהר זייט דאָך אידישע מיידלאך, — האָב איך גע־זאָגט מיט בעשטימטקייט — קענט איהר ריידען אידיש?

— ניין!

— האָט איהר געלערנט געשיכטע?

— יא.

— ווייסט איהר עפּעס פון א וואסער, א ים, וואָס האָט די גרעסטע היסטאָרישע בעדייטונג פאר אידען?

— יא, דער ווייקסעל...

— און די גרעסטע דיכטער?

— וויספיאנסקי, מיצקעוויטש...
— און דאָס הייליגסטע לאַנד?
— פּוילען...
— גענוג! — האָב איך אויסגעשריען — גענוג! געהט, געהט געזונדערהייט, געהט אייך צו מיצקעוויטשען, געהט צו וויספיאנסקין! געהט אין קאַלוואַריע! טהוט אויס די שיך און זאָקען, בינדט זיי איין אין א פּעקעל אויפ׳ן פּלייצע און זיט עולי רגל באָרוועסע צוזאַמען מיט די טויזענדער פּוילישע גוים און גויעס וואָס שלעפּען זיך יעצט צו דעם הייליגען בילד פון דעם געקרייציגטען, וועלכער הענגט אין דער לופטען, אונ־טערן פרייען הימעל, אין דער קריסטליכער, בלוטיגער שטאָדט נעבען קראָקע! געהט, וואָס שטעהט איהר? געהט אין קירך, אין שיינק, אין מאָנאַסטיר, שמד׳ט זיך! וואָס הענגט איהר נאָך ווי א געלעהמטער גליעד אויף א קראַנקען קערפּער? געהט! דאָ אין דעם צימער איז ניט קראָקע... דאָ איז ירושלים... דאָ וואוינט ניט וויספיאנסקי, דאָ וואוינט אן עלענדער אידי־שער משורר, א טרוימער, א ווילדער, משוגענער פאַנטאַסט, וואָס האָט געבויט לופט־שלעסער, געוועבט רעגענבויגענס פאַר א געשטאָרבען פאָלק; וואָס האָט געגלויבט אין א תחיה, וואָס קען ניט זיין, דאָ וואוינט די ליעבע און דער רעספּעקט פאַר די הייליגקייט פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע האָט אייך געבראַכט אומזיסט נאָך פּוילען דערטרונקען צו ווערען אין ווייקסעל...
איך האָב מעהר ניט גערעדט, דאָס לשון האָט מיר אָב־גענומען. די צוויי מיידלעך זיינען אוועק און איך בין ארומ־געגאַנגען איינער אליין איבער מיין צימער הין און צוריק ניט

ווייסענדיג וואָס מיט מיר איז געשעהן. דער גאנצער צוויי טוי־זענד יעהריגער גלות האָט זיך אראָבגעלאָזט איבער מיין קאָפּ, די ווענט האָבען מיך פּלוצלונג צונויפגעדריקט, דער דאך איז צוזאמענגעבראָכען איבער מיין מח. די לופט האָט מיך געשטיקט, געוואָרגען, איך האָב פּראָבירט אויפמאכען דעם פענסטער, עס האָט ניט געהאָלפען און איך בין האסטיג ארויסגעלאָפען אין גאס. גלייך צו דער ריכטונג פון „וואוועל" בין איך געלאָפען, צו די געמויערטע אלטע טהורמס. דאָרט האָב איך זיך אוועקגעשטעלט און האָב ארונטערגעקוקט אויף די רוישענדע וואסער פון ווייקסעל...

איין־און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דער קאָנפערענץ פון די אידישע שפּראַך אין טשערנאָ־ווימץ, בוקאָווינא, די בעדייטונג פון אידיש אין גאַליציען, אַ אינטערוויו מיט צרות, איך האָב זיך אריינגעפּלאָנטערט אין גאַליציאַנער פּאָליטיק, אידיש אָדער לשון הקודש.

XXI

איך האָב נאָר וואָס אויסגעשיקט פינף קראָנען נאָך טשער־נאָוויץ, בוקאָווינא, וועלכע וועלען מיך דאָרט בערעכטיגען אלס דעלעגאט צו דער „קאָנפערענץ פאר דער אידישער שפּראַך" און וועלען מיר געבען אַ שנעלע געלעגענהייט זיך צו פערגעסען אָן דער אסימילאטאָרישער קראָקע. דער געדאנק פון דער קאָנפערענץ איז געבאָרען געוואָרען אין אמעריקא, ניו יאָרק, צו דער צייט וואָס דר. נאטהאן בירנבוים האָט דאָרט געהאלטען זיינע פּאָרלעזונגען. דעמאָלט האָבען עטליכע ניו־יאָרקער אידישע שרייבער זיך אונטערצייכענט אויף דעם ער־קלערונגס־בריעף וועגען די נויטיגקייט פון אזא קאָנפערענץ. פון יענע אלע אונטערצייכענטע פאָהרט אָבער צו דער טשער־נאָוויצער אסיפה בלויז איין איינציגער און איך בין דער

צווייטער אמעריקאנער, ווענ׳ען עס איז בעשערט צופעליג צו זיין פון די קאָנפערענצלער. לויט ווי איך האָב ערשט יעצט ער־פאהרען געפינען זיך שוין אין טשערנאָוויץ פרץ, אש נאָמ־בערג און נאָך אנדערע ליטעראטען פון רוסלאנד און גאליציען. איך וועל וואהרשיינליך אָבפאָהרען מיט אברהם רייזין, באלד נאָך מיין פאָרלעזונג, טאקע די זעלביגע נאכט. ריעזיגע פאָר־בערייטונגען זיינען געמאכט געוואָרען. עס וועלען געהאלטען ווערען רעפעראטען פון גרויסע שרייבער.

מילא א קאָנפערענץ וועט דאָס זיין, דאָך צו רופען די צו־נויפגעפאָהרענע שרייבער „דעלעגאטען" איז ניט אין גאנצען ריכטיג, ווייל די בעטרעפענדע שרייבער זיינען פון קיינעם ניט דעליגירט; זיי זיינען פון קיין פארטיי, חברה, פעראיין אָדער גרופע נאָך טשערנאָוויץ ניט געשיקט געוואָרען. די ליטערא־טען פערטרעטען דאָרט ממש נאָר זייער אייגענעם ווילען און אין א ווייטען זינן — די אידישע שפראך, אָבער דאָס אליין, ווי עס שיינט, איז גענוג, דען כאָטש די זאָגענאנטע דעלעגא־טען פערטרעטען דאָרט ק י י נ ע ם נ י ט, פערטרעטען זיי א ל ע מ ע ן. זייענדיג די דעליגירטע פון דער פאָלקס־שפראך פערטרעטען זיי דאָס גאנצע פאָלק... עס זעהט אפילו אויס זעהר פרעמד דאָס אזא קאָנפערענץ זאָל זיין איינבערופען און ארראנזשירט פון א מאן, וועלכער קען קיין וואָרט אידיש ניט ריידען און צומאָל זעהר שווער פערשטעהן, איך מיין דר. בירנבוים, דאָך ניט יעצט איז די צייט צו אונטערזוכען די פסיכאָלאָגיע דערפון, סיי ווי סיי איז דר. בירנבוים א א י ד י־ש ע ר שרייבער, כאָטש ער שרייבט אין דייטש און ער האָט, מען מוז דאָס איהם מיט רעכט געשטעהן, פאר דער אידישער

קולטור זעהר פיעל אויפגעטאָן, זיך פשוט פאַר איהר מקריב געוועזן. דערצו איז ער אַ מענש, וועלכער האָט אבסאָלוט קיין ממשות'דיגע בעשעפטיגונג. פון דיעזער קאָנפערענץ וועט ארויסקומען פאר דר. בירנבוים אַ אידישע צייטונג אין טשער־נאָוויץ, אַ זאַך, וואָס מען מעג איהם מיט פרייד פערגינען.

איך וויים, אַז מיט דער אויסנאהם פון איינינע מענשען האָט מען אין אמעריקא קיין צו־גרויסע אינטערעסע אין דיע־זען טשערנאָוויצער צוזאמענפאָהר מחמת פערשיעדענע טעמים. ערשטענס, גלויבט מען, אַז עס וועט דערפון קיין פראקטישער סך הכל ניט ארויסקומען. צווייטענס, איז דער אמעריקאנער אידישער שרייבער, ווי דער אידישער לעזער, ניט צו שטארק פערקאָכט אין גראמאטיקאלישע כללים. וואָס מאכט דאָס אויס, אויב מען שרייבט „גיין", „געהן" אָדער „גאין", „איד", „יוד" אָדער „יאהודי", אזוי לאנג ווי מען קען דאָס איבערלייענען און פערשטעהן. אַ גראמאטיקע קען דאָך ניט איינגעפלאנצט ווערען אין אַ פאָלק אָהן פאָלקס־שולען. איבערהויפט אָהן העכערע שולען, אָהן גימנאזיעס, וועלכע ער־קלערען און גיעבען איבער מיט דורכפראָבירטע, פעדאגאָגישע מעטאָדען און פראקטיקע דעם גייסט פון דער שפראַך. טויזענד גראמאטיקעס און ביכער איבער רעטאָריק און שפראַב־לעהרע וועלען קיין גראמאטיקאלישע שפראַך ניט שאפען, ווען עס וועט ניט זיין קיין באָדען, אויף וועלכען די שפראַך זאָל זיך ענטוויקלען; קיין שולען, וואו די יוגענד זאָל קומען לער־נען. ביי די מעהרצאָהל אפילו פון אונזערע גוטע שרייבער ווערט דאָס אידיש בעטראכט בלויז אלס אַ פראָם, וואָס פיהרט אריבער צו דער אנדער זייט, צו דער לאנדס־שפראַך, וועלכע

יעדער איינער פון אונז מ ו ז לערנען אין דעם לאנד, וואו ער געפינט זיך.

אבער אַט די אַלע טענות, געזעדט מיט א „קאַלטען לונג און לעבער“, קענען נאָר גילטען אין אמעריקא, דאָ, אין גאַ־ליציע, זיינען זיי מעהר ווי א בלויזע פראַגע וועגען דקדוק, דאָ איז דאָס א פּאָליטישע פראַגע, א לעבענס־פראַגע, און טשערנאָוויץ זאָל איהר פערענטפּערען, דען נאָר אין עסטרייך מוז די אַלטע שאלה, אויב אידיש איז א „זשאַרגאָן“, אויב אי־דיש איז א „לשון“ — געלייזט ווערען. דאָ מוז זיך איינער שטארק אין אכט נעהמען אויב ער וויל אין דיעזער אנגעלע־גענהייט עפּעס אריינריידען און זיך אָבטראָגען מיט גאַנצע ביינער. דאָ איז דאָס נים קיין קאפּע־הויז־שאלה, קיין יאַלע־ווער געגענשטאנד, דאָ איז שוין וועגען דעם פּאָרגעקומען א סכסוך אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט און עס שלייפען זיך געוועהר פאר דיעזער שפּראַך־שלאכט, וואָס מוז און ו ו ע ט פריהער אָדער שפּעטער אויפרודערען די וועלט...

דיעזע גרויסע קשיא, וואָס וואָרצעלט טיעף אין די אי־נערליכע פּאָליטיק פון די גאַליצישע אידען, איז ערשט ארויס־געקומען אין איהר גאַנצער, פולער שאַרפקייט זייט עסטרייך האָט געגעבען א ל ע איהרע בירגער גלייכע און געהיימע שטימרעכט און די פערשיעדענע נאציאָנאַליטעטען, וואָס שטע־לען צונויף איהר מלוכה, כמעט פּאָלשטענדיגע אויטאָנאָמיע, מיט א געזיכערטעם רעכט זיך צו בילדען אין זייערע אייגע־נע שפּראַכען אויף די הוצאות פון שטאאט. די טשעכען, די פּאָליאקען, רומענער, קראָאטען און אנדערע נאציאָנאַליטעטען אין דעם האבסבורגישען רייך (עסטרייך) ארבייטען יעצט וועג־

נען די אָפיציעלע אנערקענונג פון זייערע מוטער־שפּראכען און די אידען ארבייטען אויך דערפאר. ווען די שפּראך פון די אידען זאָל אנערקענט ווערען, וועלען זיי מעגען פאָדערען פון זייער פּראָווינץ־לאנדסטאג א אידישע קאפעדרע אין דער גימנאזיום, אָדער אין דער־אוניווערזיטעט, וואו וויסענשאפטען וועלען געלערנט ווערען פון א אידישען פּראָפעסער אין אי־דישער שפּראך...

נו, האָבען אָבער אידען ליידער צוויי שפּראכען. איינע, וואָס זיי האָבען אין גלות פערגעסען, נעמליך: דאָס טויטע לשון קודש, די רעליגיאָנס שפּראך פון די תפילות און יוצרות, וואָס דאָס פאָלק פערשטעהט ניט, און דאָס לעבעדיגע אידיש, וועלכע איז די מוטער־שפּראך פון שטארקע זיעבען מיליאָן אידען אין דער גאנצער וועלט. ווען א אידישער אָבגעאָרדנע־טער, פון לעמבערג דאכט זיך, א ציוניסט, האָט געדארפט נעה־מען די שבועה אין פּארלאמענט, האָט מען איהם געהייסען שווערען אין זיין פאָלקס־שפּראך, און ער האָט געוואָלט שווערען אין לשון קודש, אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבען די שאלה, אויב דאָס פאָלק רעדט לשון קודש, און קומענדיג צום בעשלוס אז העברעאיש ווערט נאָר געברויכט בלויז פון זאָגענאנטע אי־דישע שפּראך־אריסטאָקראטען, האָט ער געמוזט שווערען אין אידיש. דאָס איז געוועזן די ערשטע ענטשיידענע שלאכט צו גונסטען פון אונזער מאמע־לשון. די העברעער האָבען זיך פונ־דעסטוועגען ניט אָבגעשראָקען און זעצען פאָרט זייער קאמפף. זיי ווייסען גאנץ גוט, אז זיי וועלען ניט אָנטשעפּען דעם אי־דישען פאָלק א הייליגען בר מנן אויפ׳ן פלייצע, ווייל ער וועט דאָס פּאָזיטיוו ניט קענען טראָגען. די א י ד ע ן ריידען א י־

ד י ש און עס איז פערפאלען, אָבער די העברעער פאסט דאָס ניט, סטייטש, די „שפחה בזויה", די מיאוס'ע, ניעדעריגע דיענסט־מויד זאָל ירש'ענען דער בעל־הבית'טע! און די מלחמה געהט אויף טויט און אויף לעבען. ווען עס זאָל אָפּי־ציעל בעשטימט ווערען, אז לשון קודש איז די אידישע שפּראך, דאן וועלען די אידישע מאסען פערליערען זייער ווערט און זייער שפּראך וועט איגנאָרירט ווערען. עס וועלען דערפון פּראָ־פיטירען בלויז די „סנאָבס", די נאציאָנאלע אידישע ארים־טאָקראטישע צוקער־לעקאך אידעאליסטען. דארום זיינען די אויגען פון די אמת'ע פּאָלקס־פריינד און ארבייטער־פריינד אין גאליציע און אפילו אין רוסלאנד געריכטעט צו טשערנאָוויץ; דארום האָט יענע קאָנפערענץ א וויכטיגע בעדייטונג. איך וויים ניט פון וועלכען שטאנד די קאָנפערענץ וועט בעהאנדלען די שפּראך־פראגע, וועלכע ארגומענטען דאָרט וועלען געפיהרט ווערען און וועלכען ענד־ציעל מען וועט זוכען צו דערגרייכען.

וואָס מיך און די העברעאיש־אידיש אין גאליציען אָנ־בעטרעפט האָב איך זיך דאָ אריינגעטשעפּעט אין דיעזער, פאר מיר ביז לעצטענס אונבעקאנטער פראגע, ווי א פליעג אין סמאָלע און קען זיך פון איהר ניט אויסדרייען ביז איך וועל פערלאָזען קראָקע. צו אלע מיינע גרויסע, שווערע צרות אין דיעזער אומעטיגער פּוילישער פּאָליאקודישער שטאָדט איז גע־קומען צו מיר עפּעס א סטודענט פון א פּויליש־אידישע וואָ־כען בלאט מיך צו אינטערוויוען. זיין ערשטע קשיא איז געווען וואָס דענק איך וועגען אידיש און העברעאיש. איך האָב איהם נעענטפערט קורץ און שארף, אז איך בין ניט קיין פילאָלאָג: און שפּראכענלעהרע קימערט מיך ווייניג. אלס א בירגער פון

אמעריקא, וואו א מענש מיט א ציגיינער־לשון קען אויך האָ־
בען שטימרעכט, האָב איך איהם ערקלערט, אז אידיש איז די
פאָלקס־שפּראַך, אז דער זאַגענאַנטער „זשארגאָן“ איז גוט גע־
נוג פאר מיר, עס דיענט מיר זעהר טריי, ענטשפּרעכט מיין
ליעבסטעס פערלאַנגען און הלואי האָב איך דאָס געלד וואָס איך
קען איבערצעהלען אין אידיש... מיר וואָלט אָבער אויך ניט
אַרען איך זאָל צעהלען אויף העברעאיש. פריהער, האָב איך,
דעם סטודענט ערקלערט, דאַרפען אידען א היים, קיין לשון
פעהלט זיי בה"ש ניט, זיי רוקען זיך נאָך זעהר אָפּט אונטער
מיט לשון וואו מען דאַרף זיי גאָר ניט... כל זמן אידען זיינען
ניט שטום, עס האָט זיי חלילה דאָס לשון ניט אָבגענומען בין
איך צופריעדען... אויף זיין פראַגע, וואָס וועל איך טאָן מיט
מיינע ווערק אויב אידען זאָלען קומען אין פּאַלעסטינא און
גרינדען א העברעאישען שטאַאט, האָב איך איהם געענטפערט,
אז פון מיינע ווערקס וועגען מעגען זיך אידען ש ו י ן בעזוג־
צען אין ארץ ישראל און מיינע זאַכען איבערזעצען אין העב־
רעאיש. אז עס האָט געפּאַסט ישעיה'ן צו שרייבען אין העב־
רעאיש פּאַסט מיר אין דער שפּראַך צו זיין איבערזעצט. איך
האָב איהם גלייכצייטיג ערקלערט, דאָס כאָטש איך בעלאַנג
ניט צו קיין ספּעציעלען ציוניסטישען פעראיין, בין איך אָבער
דאָך א ציוניסט, נאָר ניט קיין פּראַקטישער ציוניסט מיט א
פּאָליטישען אונטערשלאַק, וועלכער זוכט א טערקישען „טשאר־
טער“ אָדער א אידישען קיסר, אָדער א העברעאישע צייטונג...
איך בין א פּאָעטישער ציוניסט, וועלכער האָט געטרוימט פון
א „אידישען מאַי“ מיט צעהן יאָהר פריהער ווי הערצלען האָט
אָנגעהויבען צו חלום'ען, אז ער איז א איד.

דער סטודענט איז האסטיג אוועקגעלאָפען און אָנגעשרי־
בען אין זיין בלאט אן ארטיקעל, אז איך חלש אוועק נאָך לשון
קודש, אז די כחות געהען מיר פשוט אוים נאָך העברעאישע
„מאמרים" און אז דער „אשר יצר" שמעקט מיר אזוי, דאָס
איך בין נאָך איהם געקומען צו פאָהרען אזש קיין קראָקע... אָהן
ציון, האָט ער געשריעבען, קען איך קיין נאכט ניט שלאָפען,
אז אלץ וואָס איך טהו אין גאליציע איז אויסשליסליך זיך צו
בעקענען מיט די העברעער נאָך וועלכע איך האָב געביינקט
זייט איך בין אוועק פון פוילען...

מען קען זיך לייכט דענקען וואָס פאר א רושם אזעלכע
ווערטער האָבען אָנגעמאכט אין קראָקע. א אידישער ליטעראַט
איז געקומען צו מיר צולויפען ניט קיין פערקנעפעלטער, און
אפשר ניט קיין נעגעסענער אויך.. .דעם קאפעליוש ארויפגע־
שארצט און די אויגען אויסגעשטעלט ווי קארטאָפלעם:
„סטייטש, גזלן איינער, וואָס האָט איהר דאָס אזוינס געזאָגט?
גוואלד, גוואלד געשריען, קראָקע קעהרט זיך דאָך מיט די אסי־
מילירטע פאָדעשוועס ארויף. סטייטש, דאָס קען דאָך נאָך
חלילה שאדען דעם פערקויף פון אידישע ביכער... דאָס קען
דאָך גאָט אין הימעל וויים צו וואָס פיהרען"! איך האָב איהם
בערוהיגט, אז ערגער ווי אידישע ביכער, איבערהויפט פאָ־
עטישע, פערקויפען זיך קענען זיי זיך שוין ניט פערקויפען...
און אז איה"ש אויפ'ן קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ וועט
שוין אלץ רעכט ווערען...

צוויי־און צוואנציגסטער קאפיטעל

קראקער פערשלאפענע ארכיטעקטור, און די בעגייסטע־רונג פון אידישע אקאדעמיקער און ציוניסטען פאר פוילישע דיינקמעלער. א מבין פון קונסט פיהרט מיך ווייזען קראקע, דער ווינקעל וואס האט מיר פעראינטערעסירט.

XXII

נאך איינינע טעג און איך וועל זאגען „אדיע קראקע! אזוי ווי איך האב דיך פריהער ניט געקענט אזוי וויל איך דיך ווייטער ניט קענען". א פאר „פערברענטע" ציוניכטען, וועלכע האבען די לעצטע צייט פערבלאנדזשעט צו מיר, און וועלכע זיינען זעהר שטאלץ אויף די פוילישע קולטור און איהרע היסטארישע דענקמעלער... האבען מיך דוקא געוואלט געווינען פאר פוילען, איך זאל איבערהויפט בייטען מיין מיינונג וועגען קראקע, און זיי האבען אנגעווענדעט אלע מיטעל זייער ציעל צו דערגרייכען. זיי האבען מיך געפיהרט א י ן קראקע, ה י נ ט ע ר קראקע, א ר ו ם קראקע און פ א ר ב י י קראַ־קע. זיי האבען מיר געוויעזען, געוויעזען און געוויעזען, אלע

אלטע פוילישע קירכען, מאָנומענטען, געצען, קאזארמעס, שטי־קער ציגעל פון קעניג קאזשמירש׳ צייטען, א בינטעל האָר פון מיצקעוויטש׳ס באָרד, און נאָך און נאָך הייליגע און גרויסע טראדיציאָנעלע און געשיכטליכע מערקווירדיגקייטען. ווייזענ־דיג מיר יעדע זאַך בעזונדער, האָבען זיי מיר געשטורכעט אין די זייטען: „נו, נו וואָס זאָגט איהר צו פוילען? א גרויס לאנד, א קולטור־פאָלק, א וואונדער־פאָלק, ניט אמת?"... איך האָב זיי אָבער געבעטען זיי זאָלען מיך אוועקפיהרען אזוי וויט פון קראָקע, אז איך זאָל איהר וואָס ווייניגער זעהן. איך האָב זיי ערקלערט, אז קראָקע איז איינע פון יענע זעלטענע זאכען, וואָס זיינען צום שענסטען ווען מען זעהט זיי פון וויטען, אָדער, אז מען קוקט אויף זיי מיט׳ן רוקען.

איך מיין דערמיט חלילה וחס ניט צו זאָגען דאָס קראָ־קע איז א מיאוס׳ע שטאָדט, שטראָף מיך גאָט! אין געגענ־טייל, זי איז שען, זעהר שען, א שענער בית עולם, מען דארף דערצו האָבען א בעזונדערען געשמאַק, מען דארף זיין א גייס־טיגע היענע זיך צו קוויקען מיט מתים; איך האָב ליעב דאָס לעבען, דאָס פרישע, הייסע, קאָכעדיגע לעבען. זייענדיג אָנ־געזויגען מיט דעם פייער פון דער יונגער אמעריקא, זייענדיג אריבערגעקומען אין דעם גרויסען, פרייען לאנד אין מיין פריה־סטער יוגענד; שטעהענדיג שטענדיג אין מיטען די מעשי בראשית פון א נייע, אויפבליהענדע וועלט, זיך טומלענדיג אונטער דעם שאָטען פון א ברוקלין בריק, א וויליאמסבורג בריק און די העכסטע געביידען אין דער וועלט; זיך בעווע־גענדיג אין דעם גרעסטען אידישען צענטער אונטער דער זון — יאָ, קומענדיג פון ניו יאָרק קען מיר קראָקע ניט קלעפּען

צום הארצען און קראָקער אידען געוויס ניט... דאָ קענט איהר איינשלאָפען אין מיטען גאס און ערשט ווארטען א האלבע שעה אויף א קאר זי זאָל אייך אויפוועקען. איך קוק אויף די אַל־טע, פערשטויבטע, פערשימעלטע געביידען, מיט וועלכע די קראָקער ציוניסטען און אסימילאנטען זיינען אזוי בעגייס־טערט, און איך געגעץ: „היסטאָרישע דענקמעלער"! דאָ האָט א מאָל געוואוינט „פאן" לאכמאנדריצקי און דאָרטען „פאן" פערדאטשעווסקי. ד י תיפלה איז אלט אכט הונדערט יאָהר און י ע נ ע חורבה הינקט שוין ניין הונדערט יאָהר מיט פינף שעה, זיעבען רגע'ס מיט א פערטעל. פאר פוילען און קראָקער ציוניסטען קען דאָס אפשר האָבען א בעדייטונג, אָבער ניט פאר מיר. וואָס ארט מיך אויב מיט טויזענד יאָהר צוריק האָבען דאָ ארומגעוואנדערט וועלף, אָדער „פאן" כלאמ־פיאָוויצקי דער ערשטער?

וואָס איז פוילען איבערהויפט? וואָס? וועלכע בעזאָנ־דערע בעדייטונג האָט זי אין דעם פנקס פון גרויסע וועלט־אויפטואונגען? איז פוילען פאלעסטינא, עגיפטען, גריכענ־לאנד, רוים, אינדיען? וועלכע גרויסע ליכט איז אויפגעגאנ־גען פון קראָקע און האָט פערשפרייט איהר שיין איבער דער מענשהייט? פוילען האָט א היסטאָרישע בעדייטונג פאר אונז אידען, אָבער וועלכעס לאנד אין דער וועלט שטעהט ניט אין דירעקטע אָדער אינדירעקטע שייכות מיט דער אידישער גע־שיכטע? זיך בעגייסטערען מיט א קראָקער אלטען חזיר־שטאָל האָט נאָר א זינען פאר א פוילישען פויער, וועלכער זינגט נאָך זיין פוילישע „התקוה" יעשטשע פאָלסקא ניע זגינעלא", וועל־כער טרוימט אין דער שטיל, אז אין גאליציען זאָל ווידער הער־

שען א פוילישער קיסר און די פריצים זאָלען שמייסען ווי א מאָל. אן אמעריקאנער איד קען דאָ ניט טיילען די קעלבער־נע התפעלות פון אידישע אקאדעמיקער אָדער איינפאכע אויס־געשפּראָכענע אידיש־פוילישע פּאטריאָטען. איך בין מיט א כיון ארומגעגאנגען איין מאָל א גאנצען טאָג אין קראָקע פון פריה ביז שפּעט, איך האָב זיך געוואָלט אָנטהאָן א כח און זיך איינלעבען אין דעם גייסט פון די אלטע, פוילישע מויערן, געצקעס, צלמים און פערשיעדענע אלטע צייכענס און אויפ־שריפטען, און בין קוים מיט צרות געקומען א היים טויט הונ־געריג...

אין קראָקע געפינען זיך אויך מאנכע קינסטליך געבוי־טע מויערען פון דער לעצטער צייט, אויף וועלכע מען מעג מיט זיכערהייט זאָגען „שען“. דאָך דיעזע מויערען זיינען מיט א כיון געמאכט אין אזא אומעטיגען, פערוויעגענדען גוסט, כדי צו זיין אין הארמאָניע מיט די אלטע, אָבגעלעבטע גע־ביידען וואָס „בעשיינען“ די שטאָדט. די ארכיטעקטען האָבען זיך די גרעסטע מיה געגעבען, אז זייערע נייע שעפּפונגען זאָ־לען מיט זייער סטיל און פארב ניט קאָקעטירען געגען די לוימענע זקנים פון פערטען יאָהרהונדערט. עס ליעגט אויף די מאָדערנע הייזער א מין שטילער, בערוהיגענדער, נאאיווער חן, א מין קינדישע, כמעט נארישע מתיקות, וואָס מיינט צו גלע־טען די נערווען און איז אָבער אזוי פּריקרע, אזוי זיס ווי די קראָקער פיש מיט צוקער, אז עס פערכאפּט שוין אין ניט־גוטקייט. אלעס איז דאָ געמאכט מיט די גרעסטע פאָרזיכט מען זאָל קענען רוהיג און אונגעשטערט שלאָפען און זיך ניט אויפכאפּען. דען וואָס קען מען טאָן אין גאליציען אנדערש

ווי שלאָפען? קיין אינדוסטריע, וואָס זאָל זיך ווארפען אין די אויגען, איז דאָ ניטאָ. אין אזא שטאָדט ווי קראָקע, וועל־כע צעהלט ביז הונדערט טויזענד איינוואוינער, זעהט מען ניט קיין צוויי גרויסע פאבריק־קוימענס. די איינציגע הויכע גע־ביידען, וואָס איבערהויבען זיך איבער די אלגעמיינע הייזער פון שטאָדט, זיינען די קירכען. האלב קראָקע בעלאנגט צו די גלחים, וועלכע עס געהט דאָ נאָר אָב א אינקוויזיציע, זאָנסט האָבען זיי, נאָכ׳ן קיסר, די העכסטע דעה אין לאנד. אלעס שלאָפט דאָ, אלעס, אויסער דער גאליציאנער פויער, וועל־כער ארבייט אין אמעריקא. קוים זאָל „אָנקעל סעם" פערמאכען זיינע פאבריקען און מינעס, קוים זאָל אויסברעכען א קרי־זיס אין די פעראייניגטע שטאאטען וועט מען דאָס פיהלען צום שטארקסטען צווישען די גאליציאנער פּויערים, וועלכע וועלען קומען צוריק נאָך זייער פאטערלאנד זיך לייגען שלאָ־פען. ווען מען זעהט דאָ א מענשען געהענדיג עטוואָס גיכער ווי געוועהנליך קוקט מען זיך שוין ארום. מען לעבט און מען בעוועגט זיך דאָ ווי „סאָמנאמבוליסטען", ווי שלאָף־געהער. א קראָקער מבין אויף ארכיטעקטור האָט מיך א מאָל געפיהרט ווייזען א שענע געביידע, אין קונסטפאָלען לירישען סטיל גע־בויט. ער האָט מיר פערזיכערט, אז איך האָב נאָך אזא זאך ביי מיין באָבען אין קימפּעט ניט געזעהן. „איהר וועט צו־פריעדען זיין — האָט ער געזאָגט — די קינסטלערישע אט־מאָספערע, וואָס וועהט ארום אזא שטיקעל ארבייט וואָס איך וועל אייך ווייזען, מאכט זיך אייך פערטיעפען און פאנטאזי־רען". מיר זיינען געקומען צו דיעזער געביידע און האָבען זיך

אוועקגעזעצט פונקט אנטקעגען איך זאָל איהר קענען געננוי בעטראכטען און זיך פערטיעפען, און איך וועל דעם מאן ווירק־ ליך ניט פערגעסען די טובה, דען זייט דעמאָלט איז דאָס דער איינציגער אָרט אין קראָקע, וואו עס שלאָפט זיך מיר צום בעסטען. איך קוק אזוי לאנג אויפ'ן מויער ביז איך שלאָף איין גלייך מיט זיין ארכיטעקטור...

איין איינציגער פונקט איז אָבער יאָ פאראן אין קראָקע, דוקא אנטקעגען מיטען מארק, אין דעם רעכטען צענטער פון אלע קראָקער באנקען און פאראדנעסטע געשעפטען, יאָ, דוקא דאָרט, אין דעם קאָבעדיגסטען טייל פון שטאָדט איז דאָ אן אָרט, וואו איך מוז מיך פערטראכטען, פערטיעפען און אָנהויבען פאנ־ טאזירען. דיעזער פונקט, איז דער ראָג פון „ווישנא“ גאס, פופ־ צעהן טריט פון דעם פאלאסט פון גראף פאָטאָצקי, וועלכער איז ערשט ניט לאנג געפאלען א קרבן דורך די פלינקע האנד פון א יונגען, בעגייסטערטען רוטהענער. דאָס זיינען ניט די אידישע באנקען און ניט גראף פאָטאָצקי'ס אלטער פאלאסט, וועלכער גע־ דענקט נאָך די פוילישע קעניגע און וועלכער איז די גאסט־הויז פון קיסר פראנץ יאָזעף, ווען ער קומט נאָך קראָקע, ניין! ניט באנקען און פאלאסטען זיינען די הויפט־פונקטען פון אינטערעס פאר א אידישען דיכטער, ניין, א פיעל וויכטיגערער ווינקעל איז דאָס, וואָס לאָזט זיך מיר ניט מיטרייסען מיט די אונ־ רוהיגע פארביי־געהער פון יענעם ראָג און שטעלט מיך יע־ דעס מאָל אָב מיט א מעכטיגען „האלט!“ און איך בלייב שטעהן, איך מוז זיך דאָרט אָבשטעלען. יעדער אידישער פוס דארף דאָרט אינסטינקטיוו פלוצלונג שטעהען בלייבען, יעדעס אידיש אויג מוז אויף יענעם שרעקליכען אָרט א ווארף טאָן

זיין בליק, אַבזיפּצען, א טרויעריגען שמייכעל טאָן און האסטיג פארביי געהן.

אָבער ווער וועט זיך דאָרט אָבשטעלען? ווער וועט דאָס איינפאלען גראָד דאָרט זיך ארומצוקוקען? צו־וואָס? ער וועט דאָרט אבסאָלוט קיין זאך ניט זעהן, וואָס איהם זאָל אינטערעסירען. אויף יענעם ראָג איז ניט פאראן אזא הויז אָדער געשעפט, אָדער געגענשטאנד, וואָס זאָל אויפרייסען די אויגען אָדער איינלאדען די אויפמערקזאמקייט פון איד אָדער קריסט. און אויפ'ן ראָג פון דער ווישנא גאס איז טאקע קיין זאך מעהר ניטאָ ווי א פערראָסטע, דיקע, אייזערנע קייט, וועל־כע איז איינגעמויערט אין דער אלטער וואנד און הענגט זיך דאָרט שטיל, בנעימות, אז מען הערט פון איהר קיין וואָרט ניט...

דאָס איז די קייט פון דער אמאָליגער קראָקער גהעטאָ, וואָס די שטאָדט פערוואלטונג האָט בעשלאָסען צו לאָזען הייג־גען אויף אייביג, אלס איינע פון די קראָקער מערקווירדיגקייטען פון שווארצען פערצייטען. נאָך איין קייט אזא הענגט אויף אן אנדער ראָג מיט עטליכע גאסען ווייטער אויך ניט ווייט פון „רינאָק“, פון מארק. דיעזע קייט איז געבליעבען הענגען דערפאר, ווייל דער אָרט איז קיינמאָל, זייט קראָקע שטעהט, ניט געעפענט געוואָרען פאר אידען. דורך אלע גרענעצען פון דער גהעטאָ האָבען אידען געמעגט ביי טאָג אריין אין שטאָדט ווען זיי האָבען בעצאָהלט שליסעל־געלד, די „ווישנא“ גאס אָבער האָבען מיליאָנען אויך פאר א אידען ניט אויפגעעפענט. דיעזע שווערע היסטאָרישע קייט, וואָס האָט איינגעשמידט א נאציאָן אין געפענגניס, איז נאָך געהאנגען אין דער צייט פון

די פוילישע קעניגע, דיזע קייט האָט געזעהן דעם גלאַנץ אין דעם פאַל פון דער פוילישער מלוכה און זי קוקט יעצט דורך איהרע גרויסע, אלטע אויגען קאַלט און ערנסט אויף די קראַ־קער אידישע אסימילאַנטען... כמעט יעדען טאָג קוק איך אויף דיזען אינטערעסאַנטען ראָג, נעהם די שווערע, אַלטע קייט אין האַנד, שאָקעל איהר, בעקוק איהר פון אַלע זייטען און טרוים פערשיעדענע חלומות...

דריי־און צוואנציגסטער קאפיטעל

מיינע צרות פון א בוקעט בלומען, די ווילדע צומישענעם אין באגאזש־צימער פון דעם קראקער וואגזאל, מיין גליקליכע בעקאנטשאפט מיט רוסיש־אידישע מיידלאך, א סצענע מיט א חסידישען רבי'ן ביי דער אייזענבאהן.

XIII

דעם 31טען אויגוסט ביי נאכט בין איך אראב פון דער קראקער פאלק־טעאטער־ביהנע מיט א פולען קאפ „בראוואס" און מיט א גרויסען בוקעט בלומען. דעם בוקעט האט מיר געשאנקען דער אקאדעמיש־ציוניסטישער פעראיין מיט דעם פויליש־העברעאישען נאמען „פשעדעשוויט — השחר", וועלכער האט דעם אבענד אראנזשירט. מעגליך אז דער „פשעדעשוויט־השחר" האט דאס זעהר גוט געמיינט מיט זיין שמעקעדיגע מתנה, אבער זיינע בלומען האבען געהאט צופיעל דערנער... נאכדעם ווי איך האב געשוויצט א גאנצען אבענד פאר א מאסע פון איבער טויזענד צוהערער, האב איך זיך נאך געמוזט שלעפען מיט א בארג קראקער פערעהרונג. ווען מען וואלט מיר שוין אמוויינִיגסטענס געלאזט געהן א „היים" אין מיין צימער,

וועלכער איז מיר געווען צום ליעבסטען ביי נאכט, וואלט נאך געווען א האלבע צרה; אבער די „פשעדשוויטניקעס", די השחר'ער, האבען מיך דוקא געוואלט פונדעווען מיט „קאווע" און האבען מיך געשלעפט אין א „קאוויארניע", עפעס אן עק וועלט.

די קראקער ארימע ארבייטער מאסען האבען מיך בעגלייט זינגענדיג מיינע ארבייטער־ליעדער. איך בין געווארען אזוי בעגייסטערט פון די געזאנגען, פון די אנערקענונג פון די ארימע לייט, אז איך האב זיי געוואלט אוועקגעבען די בלומען. אבער דאס וואלט ארויסגערופען צופיעל קריטיק און איך האב מיך צוריקגעהאלטען.

ביז א שטיק נאך האלבע נאכט האב איך געמוזט א פער־שלאפענער, פאלענדיג פון די פיס פאר שוואכקייט, טראגען דעם בוקעט ווי א לולב און געהן הקפות פארביי די פערשימעלטע קראקער תיפלות אזש נאך דער „יאסנא" גאס.

איך האב זיך געלייגט, אבער איך האב ניט געשלאפען, דער שלאף האט ניט געקענט מנצח זיין מיין נערוועזיטעט. איבער־הויפט דער שרעקליכער געדאנק: וואס טהו איך מיט די בלומען?

ניט שלאפענדיג די גאנצע נאכט, בין איך פריה אויפגע־שטאנען, האב ווידער צונויפגענומען מיין ביסעל ארעמקייט און האב זיך גענומען קלייבען גאנץ בעגינען ארויסצוגעהן אין גאס, נעהמען א דראשקע און אבפיהרען מיינע צוויי טשעמא־דאנעס נאך דעם וואגזאל. איך בין געגאנגען פערבייטען קראקע אויף סוטשאווא, בוקאווינא — א אידיש שטעדטעל הארט ביי דער רומענישער גרעניץ. איך האב געמוזט פערלאזען מיין דירה

מלוכה באלד אין דער פריה, ווייל דאן האט זיך געענדיגט מיין וואוינ־צייט און מען האט מיר שוין אפילו ניט ארייננעטראגען קיין ביסעל וואסער זיך צו וואשען. פאר'ן וואשען זיך האט מיין בעל הבית'טע ביי מיר געבעטען א בעזונדערן האלבען דאל־לאר. דאס האב איך שוין ניט געוואלט געבען. איך האב גע־וואוסט, אז איך וועל שוין פון קראקע סיי ווי סיי ריין ניט ארויס, סיידען איך וועל זי אין גאנצען פערלאזען און איך בין אוועק א ניט־געוואשענער זוכען א דראשקע. אין עטליכע מינוט ארום איז געשטאנען פאר מיין טהיר א פוילישע דראשקע מיט א פוי־לישען פערד, א גאנצער „פאן" און איך בין אריין אין צימער ארויסצוטראגען מיינע פעקלאך. אבער דא בין איך ערשט גע־בליעבען שטעהן נעבען די בלומען א צומישטער. וואס טהוט מען? וואו בעגראב איך מיין אקאדעמישען כבוד? מיטנעמען? איבערלאזען? דרויסען האט אבער געווארט די דראשקע, איך האב גענומעןביידע טשאמאדאנעס אין די הענד און דעם בוקעט, דעם שטעקען מיט'ן שירעם אונטער'ן ארעם, בין אריין אין „פיאַ־קער" און געהייסען פאהרען צום וואגזאל. עס איז נאך געווע־זען גאנץ פריה, ארום וואגזאל און אינעווייניג האט מען געזעהן זעהר ווייניג מענשען, אבער ווי גיך מיך בעפאלען די אייזענ־באהן משרתים פון אלע זייטען. איינער האט געוואלט טראגען מיין שטעקען, דער צווייטער — מיין שירעם, דער פיערטער — מיך אליין. עפעס א קאטאוועס אזא פריע, אזא שליאכטע, וואס קומט צום וואגזאל מיט א צוויי עטאזשיגען בוקעט בלומען! דאס איז דאך עפעס ניט אבי ווער, כון אזעלכען דארף מען אבלעקען א ביינדעל... דער דראשקארש האט אויך געהאט צעהן הרטה'ס וואס ער האט ניט געבעטען

ביי מיר מעהר פוהר־געלד, און האָט זיך גענומען קרימען און קראַצען דעם קאָפּ, אז ער האָט ניט געוואוסט, דאָס איך האָב „אזוי פיעל זאכען“, א גליק וואָס ער האָט ניט געזעהן מיין ש ו ו ע ר הארץ, וואָס איך האָב געהאט אויף קראָקע... ער האָט געקוקט אויפ'ן בוקעט מיט א מין רציחה, ס'הייסט „ווען איך וואָלט דיך פריהער געזעהן, דו ימח שמו'ניק, וואָלט איך געריסען א פּאַס“... מילא האָבענדיג מיט זיך א פּאַק פאַרפּור־מירטע צרות האָב איך ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי זיך לאָזען פיין בעדיענען און בעצאָהלען יעדען איינעם פיעל ער האָט נאָר געבעטען.

דאָך מיינע בלומען־צרות האָבען זיך ערשט יעצט אָנגעפאנגען. די זאכען אָבגעגעבען דעם „פּאָרטיער“ פון וואגזאל בין איך וויעדער געבליעבען שטעהן מיט דעם בוקעט ניט וויסענדיג וואָס דערמיט צו טאָן. אין איין האנד א שטעקען מיט א שירם, אין דער אנדער האנד א משונה'דיגען „עומר“ פון בלומען, האָב איך לאנגזאם, פערשלאָפען און פערזאָרגט גענומען געהן אין שטאָדט אריין. אָבער וואו איך געה קוקט מען מיך אָן מיט פערוואונדערונג, וואָס איז דאָס פאר א מין מאנסביל מיט א בונד בלומען אין האנד? וואו געהט ער? פאר וועמען טראָגט ער דאָס? איך האָב געוואָלט די בלומען אוועקוואַרפען — האָב איך זיך געשעמט, טאָמער זעהט דאָס אימעצער וועט ער מיינען, אז איך בין משוגע, דען וועלכער קלאָרער מענש וואַרפט דאָס אוועק א לעבעדיגען בוקעט מיט רויזען? וועלכער מענש מיט א נשמה האָט דאָס פיינד בלומען?... איך האָב געוואָלט אריינגעהן אין א „קאַוויאַרנע“ עפּעס נעמען אין מויל, אָבער ווי קומט מען דאָס אריין אין א גאָר־קיך מיט א בוקעט אין האנד? איך

בין געוואָרען פערצווייפעלט און האָב געקריצט די ציין פאַר יסורים, איך האָב זיך ארומגעקוקט אפשר וועל איך טרעפען אימעצען אין גאַס, וואָס זאָל מיר פון דער ערדעלער לאַסט בע־פרייען, אָבער איך האָב קיין פאַסענדען מענשען ניט בעגעגענט. גייענדיג בין איך צוגעקומען צו דער פּאָסט און בין האַסטיג געבליעבען שטעהן. א גליקליכער געדאנק האָט אין מיר אויפ־געלעבט: איך וועל אוועקשיינקען די בלומען דעם מיידעל, וואָס גיט מיר ארויס שטענדיג מיינע בריעף, האָב אָבער באַלד א קלער געטאָן טאָמער נעמט זי דאָס ניט צו, וואו וועט זי זיך אין פּאָסט אהינטאָן מיט אזא איבריגע זאַך? און פערטיעפט אין אזעלכע געדאנקען האָב איך פלוצלונג דערזעהן, טאקע נע־בען דער פּאָסט, צוויי אָרעמע, באָרוועסע מיידלאַך, אויך צוויי איבעריגע בלומען, שענע, פרישע, שמעקעדיגע בלומען, מיט וועלכע דער שיקזאל טראָגט זיך ארום און האָט זיי ניט וואו אהינצוטאָן... איינע פון די מיידלאַך, די איננגערע, האָט אויס־געשטעלט איהר שענע קלאָרע האנד צו מיר און האָט מיט א זיסען „פּראָשע פאנא“ געבעטען א בלום. דאָס איז געווען דער געשמאַקסטער, אנגענעמסטער „פּראָשע פאנא“, וואָס איך האָב אין קראָקע געהערט. מיט א פרייד, וואָס לאָזט זיך ניט בע־שרייבען, מיט א טיעפע, איניגסטע נשמה־פרייד האָב איך איהר אָבגעגעבען מיינע בלומען מיט דער בעמערקונג: „נאַ, קינד, נאַ דיר אלע בלומען, נעם זיי צו, דו מיט דיין חבר'טע זיינען אויך אזוי עלענד ווי די דאָזיגע רויזען“. און שטעהענדיג נע־בען די צוויי אָרעמע מיידלאַך האָב איך געפיהלט ווי מיר אלע דריי שטעלען אויך צונויף אן איבעריגען בוקעט אויף דער וועלט...

אכט אוהר אין אבענד בין איך געווען אויפ׳ן וואגזאל. דאך אליין בין איך צו דעם וואגזאל ניט געקומען, איך בין מעהר אין קראקע ניט עלענד געווען. דעם לעצטען טאג האט מיר דאס גליק בעקאנט געמאכט מיט פיער רוסיש־אידישע מיידלאך, איינע א בונדיסטקע, צוויי — פועלי ציונ׳יצעס און איינע סתם א כשרה, ריינע נשמה, א שטיק היילינקייט, א פער־בלאנדזשעטער שטראהל פון דער שכינה אויף אונזער זינדיגער ערד. דריי פון די דאזיגע מיידלאך זיינען אבגעזעסען זייער צייט אין רוסישע טורמעס און זיינען פערשיקט געווארען נאך אויסלאנד און די פערטע, אפשר די נאבעלסטע פון זיי, האט דא געוואוינט אין האטעל לאנדערס מיט א ברודער, א בחור פון א יאהר 23, א פערברענטער חסיד, א למדן און אן איירא־פעאיש געבילדעטער מענש, וואס קען כמעט טאלסטאי אויף אויסווענינ. אין דעם טאג וואס איך האב זיך מיט איהם דער־קענט האט ער זיך געקליבען פאהרען נאך מאריענבאד צום רבי׳ן... פון די מיידלאך זיינען דריי אידעאליסטקעס ארעמע, אבער די פערטע, דער אידעאל אליין איז א מיליאנער׳ס א טאכטער און דאס געלד, וואס איהרע עלטערען שיקען איהר, טיילט זי מיט איהר עלענדע פערשיקטע און אנטלאפענע אידי־שע לאנדס־מיידלאך. זי איז די „מוטער“ פון די אידישע רע־וואלוציאנערקעס אין קראקע און איהר ברודער דער חסיד איז פונקט אזוי גוטהערציג, אזוי ליעבענסווירדיג ווי זיין שוועס־טער. זיי ביידע מעגען צוריקקומען נאך ווארשוי, וואו עס וואהנען זייערע גבירישע עלטערן, וועלכע האבען זיי אוועקגע־שיקט נאך קראקע אין דער צייט פון די פאגראמען־שרעקען אין פוילען און זיי זיינען דא געבליבען. יעצט אבער פאהרט די

שוועסטער צוריק אהיים און דער ברודער הייראט א גביר׳ס א טאָכטער פון טארנאָוו, א צוויי שעה רייזע פון קראָקע.

די מיידלאך האָב איך קענען געלערנט נאָך מיין פאַר־לעזונג אין קראָקע, ביי נאכט, געהענדיג פון טעאַטער. דאָס רייכע מיידעל מיט דער בונדיסטקע, וועלכע זי האלט ביי זיך אויף דער לאָזשי און גיט איהר עסען און טרינקען, און וואָה־נונג, — האָבען מיך איינגעלאדען איך זאָל מאָרגען נאָך דער פאָרלעזונג זיי בעזוכען. איך האָב זיי פערשפּראָכען, האָב אָבער ניט געוואוסט גענוי ווער זיי זיינען ביז איך בין געוועזן זייער גאַסט.

אָט די פיער מיידלאך האָבען פערזיסט מיינע לעצטע מי־נוטען אין דער פּאָליאַקודישער קראָקע. די קליינע, שמייכלענ־דע, ליעבפולע מוטער פון די עלענדע איז גלייך געוואָרען אויך מיין מוטער. זי האָט מיך צוגעזעהן ווי א ציטריגען קינד, טהעע מיר געמאכט, טשאָקאָלאדע, מילך, פּוטער, אייער, אלער־האנד געבעקס מיר גענעבען און האָט זיך געפרייט א אמת׳ע נשמה־פרייד ווען איך האָב דאָס גענאָסען. דריי שוועסטער און א מוטער האָבען מיך בעגלייט צו דער אייזענבאהן. אלע פיער האָבען זיי געטראָגען פאר מיר פלייש, ברויט, לעקערבי־סען, וויינטרויבען און פערשיעדענע גוטע זאכען, וואָס די „מאַ־מע״ האָט געהענדיג אלץ איינגעקויפט. אויפ׳ן באהנהויף האָ־בען שוין געוואָרט אויף מיר עטליכע מיטגליעדער פון „פשעד־שוויט־השחר״, צוויי קראָקער אידישע מיידלאך, די בעסטע, וואָס דאַרט געפינען זיך און הערר „יושר״ מיט זיין פרוי.

דאָך אָהן צרות בין איך פון קראָקע ניט אוועקגעפאָהרען. קומענדיג אויפ׳ן באנהויף האָב איך געלאָזען מיינע פריינד

ווארטען אויף מיר און בין צוגעגאנגען צום „פּאַרטיער“ מיט מיין צעטיל, וואָס ער האָט מיר אין דער פריה ארויסגעגעבען אויף מיינע זאכען און האָב זיי פון איהם געפאָדערט. „פּראַ־שע פּאַנא“ האָט ער מיר געענטפערט און אריינגעבעטען אינ־וויניג, וואו עס זיינען געלעגען אין א גרויסען צימער א בארג מיט פערשיעדענע פּעק און קאסטענס ארום וועלכע עס האָט זיך געראַיעט א מוראזשניק פון מענשען.

— פּראָשע פּאַנא, האָט ער צו מיר געזאָגט אין פּויליש נאטירליך, זוך דיר אוים דיינע זאכען.

— וואָס! — האָב איך אויסגעשריען פערצווייפעלט אוים־שטעלענדיג א פּאָר צושראָקענע אויגען, וואָס הייסט איך וועל צווישען אַט דעם בארג באגאזש זוכען מיינע פּעק? ווי איז דאָס מעגליך? דאָס וועט דאָך געדויערען ביז מאָרגען און דאָ געהט באלד אָב דער צוג!

ארויסגעוואָרפענע טענות! דער פּאָליאק האָט מיר ניט געהערט און האָט זיך פון מיר אוועקגעקעהרט מיט פעראכטונג, בעמערקענדיג: „דו מיינסט אודאי, אז איך וועל דיר געהן זו־כען דיינע טשאמדאנעס“?

— סטייטש! האָב איך געליארמט מיט אלע כחות, דו האָסט דאָך זיי פון מיר צוגענומען און איך בעצאָהל דיר דער־פאר.

— איז מיר גוט — האָט ער געענטפערט קאלט און קורץ, זיך ניט קימערענדיג וואָס דאָ געהט פאָר.

איך האָב ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי אָנהויבען קעהרען וועלטען, ווארפען קופערטס, קאסטענס, זעק, קערב, טשאמאדאנעס; אלץ וואָס אין דעם צימער איז אריינגעבראכט

געוואָרען דעם גאנצען, לאנגען, פערפלוכטען קראָקער זומער־טאָג. מיינע טשאַמאדאנעס זיינען געלעגען גאָר אונטען ווייל איך בין געווען יענעם טאָג דער ערשטער, וואָס האָט דאָרט גע־בראכט באגאזש. איך בין אָבער ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט געזוכט. הונדערטע מענשען, — מענער, פרויען און קינדער, יונג און אלט, פויערען, זעלנער, גלחים, מיניש־קעס, חסידים און פּאַליאַקודים, סטודענטען און פאסטוכער, בּאָרוועסע גוים און גוית, גוים מיט הויזען איבער די העמדער און העמדער איבער די הויזען. אלע האָבען געשליידערט, גע־וואָרפען, געקייקעלט, געהויבען, געשריען און געשאָלטען. דאָ בלייבט שטעקען א פויער'ס א גארטעל צווישען צוויי שווערע קאסטענס און ער קען עס ניט ארויסשלעפּען, דאָ פערטשעפּעט זיך ביי א בּאָרוועסע גויה די גראָבע העמד און זי בלייבט שטעהן אין א קאָמישע לאגע... דאָ דערלאנגט א פערקאָכטער זעלנער א פערשוויצטען חסיד מיט די שפּאָרען אין באלק מחילות און דער חסיד גיט א געשריי „אָ, וואו מיר נעבעך“ !...

ווער קען גאָר בעשרייבען וואָס דאָרט האָט זיך אָב־געפיהרט !

נאָך אָט די טייפעלשע גיהנם־מישענים פון א פערטעל שעה האָב איך ענדליך מיט די אינדירעקטע הילף פון די אנ־דערע אונגליקליכע קוים געפונען מיינע טלומקעס. איך בין געווען אויף זיי זעהר בייז, אז איך האָב זיי שיער, שיער גע־וואָלט איבערלאָזען דאָרט, וואו זיי זיינען געוועזען. איך האָב פון זיך ארויסגעמאטערט א יאָהר לעבען און זיי זיינען געשטא־נען ביידע אזוי קאלט, אזוי רוהיג, אזוי תמ'עוואטע, ווי ניט זיי מיינט מען... ווען איך בין ענדליך מיט די צוויי פערדאמטע

טשאמאדאנעס ארוים פון דעם יסורים־צימער פאלענדיג צו דער ערד פאר אויפרעגונג און צאפלענים, האבען מיך מיינע פריינד געפרעגט, וואס איך האב זיך „אזוי לאנג געזאמט“. איך האב אויף זיי אלעמען א קוק געטאן מיט א בליק וואס האט זיי אבגערוקט פון מיר אויף א געוויסען שטח...

אין צעהן מינוט ארום האט געדארפט אנקומען „מיין“ צוג. איך בין מיט מיינע בעגלייטער ארוים אויף דער פלאט־פארמע, וואו מיר האבען געזאלט דורכגעהן א מין אונטער־שטען גאנג צו דעם אנקומענדען צוג. אבער ארויפגעהענדיג אויף דער פלאטפארמע זיינען מיר געבליעבען אלע שטעהן און זיך ניט געקענט א ריהר טאן. דער גאנצער „קאזשמירזש“, די גאנצע קראקער גהעטא איז געווען אויף דער פלאטפארמע. דער גאנצער פלאץ ביז די רעלסען און אפילו אויף די רעלסען איז געווען שווארץ פון בעקעשעס, שטריימלען און בערד. דאס האבען די קראקער חסידים געווארט אויף א „רבי'ן“, א „בעל מופת“, וואס האט געדארפט אנקומען מיט דעם צוג, וועלכער זאל מיך פיהרען נאך סוטשאווא. איך ווייס ניט ווי לאנג מיר זיינען דארט געשטאנען אין מיטען פון דעם חסידישען לא־בירינט, נאר פלוצלונג האט דאס א פייף געטאן און די שווארצע, געדיכטע מאסע האט גענומען לויפען, פליהען און שווע־בען, עס האט זיך געדאכט דאס דער גאנצער וואגזאל איז אין דער לופטען. איך האב געפיהלט ווי איך פליה מיט מיינע טשאמאדאנעס איבער קראקע און ווי גאנץ קראקע מיט איהרע פערפינסטערטע קברים, מיט איהר גאנצע פינסטערע, אידישע און גוי'אישע צופראכנעטקייט יאגט מיך נאך מיט א מתים־געשטאנק אין דער הויך... פון ארדנונג איז צומאל קיין גע־

דאנק ניט געווען, די באהן־משרתים האבען אויפגעגעבען יעדע האפנונג וועגען פערהיטען מענשען פון סכנה און זיינען אליין אויך מיטגעשלעפט געווארען מיט דעם חסידישען ים פון ווילדע, געצענדיענערשע מענשען־כוואליעס, וואס האט גערוישט און געשטורמט פון אייזענבאהן ביז אין דער ווייטער, אפענער גאס ארויס. אלטע חסידים מיט גרויע בערד זיינען געשפרונגען ווי יונגע בעק, און געלאפען מיט אפענע מיילער, ברענענדיגע אויגען און בעגייסטערטע קוטשמעס גלייך אונטער די רעדער פון לאקאמאטיוו. דער רבי, א פעטער, שטארקער, הויך־געבויטער מאן, פון מיטעלען עלטער, האט א פליה געטאן פאר מיין בליק, באלד האט איהם די שווארצע כוואליע א כאפ געטאן אין דער הויך אויף די שפיץ פינגער און איז מיט איהם פערשוואונדען אין דער קעסעל־גרוב פון דער מאסע. איך בין געווען אזוי איבערראשט, צומישט און צוטומעלט, אז איך האב ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, און ווען דאס בילד פון מענשען־ווילדקייט האט פערוועהט ווי א וויכער, האב איך דערזעהן דעם צוג און האב א קלער געטאן ווי אזוי די אייזענבאהן, אפילו די גאליציאנער אייזענבאהן, און די עלעקטרישע בעלייכטונג פאסען זיך מיט אט די נאר־וואס אבגעשפיעלטע סצענע?...

יעצט איז דאס צוגעגאנגען שנעל. א פאר יונגע לייט פון מיינע בעגלייטער האבען אריינגעטראגען מיינע טשאמאדאנעס און די אנדערע זאכען אין איינעם פון די וואגאנעס, וואו איך בין אויך אריין, דאן בין איך ווידער ארויס אויף עטליכע מינוטען, האב זיך געזעגענט מיט אלעמען, זיך צוקושט מיט „יושר” און גערדיקט היים און ברידערליך די צארטע,

רײנע, אונשולדיגע הענד פון מײנע פיער רוסישע לאנדס־שװעס־טער און געזינונגס־חבר'טעם; האָב גוט אָנגעקוקט דאָס נאָבע־לע געזיכט פון מײן געבענשטע, גוטע פרײַנדין, װאָס האָט פער־זאָרגט מײן רײזע מיט כל טוב, איך האָב איהר אָנגעקוקט און ארויסגעזוײגען פון איהר עדעלע מינע דעם רוח הקודש אלס גײסטיגע בערוהיגונג און העכערע צופריעדענהײט און האָב פערנומען מײן אָרט אין װאגאָן. באלד האָט געקלונגען די װאגזאל־גלאָק, דער קאָנדוקטאָר האָט א בלאָז געטאָן אין זײן פײפעל און איך האָב פערלאָזען קראָקע אויף קײן מאָל אין מײן לעבען זיך דאָרט ניט מעהר צוריקצוקעהרען.

פיער־און צוואנציגסטער קאפיטעל

מיין רייזע פון קראקע נאך סוטשאווא, די ביטערע ארעמ־
קייט פון די גאליציאנער פויערן, מיינע טרויעריגע
חלומות נעבען דעם טייך „דניעסטער", דאס רומעני־
שע חורבן־שטעדטיל בורדוזשעניע, וואס האט
ארויסגעטריעבען איהרע אידען, היינריך היינע
און דר. שאפער.

XXIV

די רייזע פון קראקע נאך סוטשאווא איז ניט קיין קליינע. איך בין ארויסגעפאהרען מיט'ן שנעל־צוג אכט א זייגער דיענסטאג אבענד, בין איך געקומען נאך סוטשאווא מיטוואך זעקס א זייגער פאר נאכט. אזא נסיעה קאסט פיעל געזונד, דאך איך האב איינמאל צוגעזאגט, האב איך גע־האלטען ווארט און צוגעזאגט האב איך דאס אזא מענשען, וועלכען איך האב געוואלט וואס מעהר זעהן. דאס איז א געבילדעטער יונגער מענש, א אידעאליסט, וועלכער איז אזוי ריין אין דער זעהר אפט אונריינער פראפעסיאן פון אדוואקא־טור, דאס ער האט נאך קיינמאל ניט אנגענומען א פראצעס צו פערטהיידיגען א פראצענטניק, א וואוכערער, און אזוי ווי

אין יענע מקומות זיינען ב"ה די אידישע וואוכערער אין מעהר־צאהל, בענוגענט זיך דער בעטרעפענדער מיט א בכבוד'ען לע־בען און זוכט ניט קיין עשירות. מיט דעם עדעלען מוסטער־מענשען האב איך מיך בעקענט אין קארלסבאד און האב איהם צוגעזאגט צו קומען געבען א פארלעזונג אין זיין שטאדט און איך האב טאקע איבערגעהיפט א סך אנדערע נעהנטערע שטעדט און בין געפאהרען פריהער נאך סוטשאווא.

איך בין דורכגעפאהרען ביי נאכט די שענע גאליציאנער שטעדט סטאניסלאוו און לעמבערג, דער זיץ פו דעם פוילישען „סיים" (לאנדטאג), אבער איך האב זיי ניט געזעהן. שפעטער האב איך אויך אין יענע שטעדט פארגעלעזען. ערשט אויף מארגען אין דער פריה האב איך בעטראכט וואו איך בין אין דער וועלט. דאס איך פאהר דורך דער ארעמער, אונגליקליכער, פער'חושכ'טער גאליציע, וואו אלע שטעדטלאך און דערפער געהען אהן שיך און לעבען טאקע מעהרסטענס פון דער גוטער לופט, וועלכע וועהט זיי אראב פון די קארפאטענבערג, אדער ווי מען רופט זיי: די „פוילישע אלפען". פון וואנען זאלען דארט אייגענטליך די מענשען, איבערהויפט די פויערען נעמען חיונה? די פעלדער און וועלדער געהערען צו גרויס־גוט־בעזי־צער, צו דער קרוין און צו דער קירכע. פון דער אינדוסטריע איז קיין רייד ניט. איך בין דורכגעפאהרען גאנץ גאליציען פון דעם פאליאקודישען וועסטען ביז דעם עקסטרעמען ברעג פון אסטען, ביז די גרענעץ פון רומעניען און האב קיין איין פאבריק ניט געזעהן, קיין איינציגען הויכען קוימען, וואס זאל פערקינדיגען דעם פייער פון א בעוועגליך שאפענדיג פאלק. אלץ וואס מען זעהט זיינען קליינע, קוים פון דר'עדר אבגע־

וואקסענע הייזלאך פון איין צימער, אויפגעפאטשט פון בלאָטע אָדער צונויפגעפּארטאָליעט פון אלטע קלעצער און צוגעדעקט מיט שטרוי. פון דער ווייטען, זעהענדיג בלויז די צופוילטע, שטרויענע דעכער דאכט זיך, אז דאָס זיינען קופּעס מיסט, נאָר קומענדיג נעהענטער דערזעהט מען א שטיקעל געבוי, אויך זעהר אָפט מיט איין פענסטעריל, אזוי ווי א'ן אמעריקאנער היהנער־שטייג, א „טשיקען קוב". אויף די פעלדער זעהט מען גרויסע באָרוועסע רוטענער פויערען, מיט לאנגע, משונה'דיג־לאנגע האָר ביז איבער די שולטערן, מיט גראָבע לייווענטענע העמדער אזוי ווי זעק איבער גראָבע, לייוועַנטענע אומגעלומ־פּערטע פּלודערען. יעדער גוי בעארבייט זיין פּיצעל לאנד, מיט א דארע, פערהונגערטע שקאפּע, ווייל ער האָט עס פּשוט ניט וואו צו פיטערען... דאָ און דאָרט זעהט מען א פּאָר קיה, א חזיר אָדער איינציגע שעפּסען. בעטראכטענדיג די קליינינקע הייזעלעך, וואָס זעהען אויס אזוי ווי געמאכט פאר ליאלקעס, פרעגט זיך נאָר די פראגע, ווי קענען אין אזוינע קליינע הייז־לעך אויסגעוואקסען אזעלכע גרויסע גוים?... אָבער די גוים זיינען דוקא זעהר פלאָדנע, זיי פּרוכפּערן זיך, און ניט זעלטען שלאָפען אין אזא הייזעלע צעהן געזונדע, ריעזיגע פויערען. אין א שטאָדט וואָלט פון אזעלכע וואָהנונגען אויסברעכען א כאָ־לעריע, אָבער א דאנק די פרייע, פרישע נאטור, וואָס פערהיט פון סכנות נפשות.

ארום האלבען טאָג איז דער צוג ארויפגעפאָהרען אויף בוקאָווינער ערד, וועלכע איז א סך ראָמאנטישער, לאנדשאפט־ליכער ווי אין גאליציע. הערליכע וואלדונגען און בערג זעהען זיך פון דער ווייטען און פון אומעטום וועהט עפּעס א מין פאנ־

טאַסטישע לופט. ס'איז אַ הערליך בילד דורכצוקוקן דורכ'ן פענסטער פון דער אייזענבאַהן און זעהן אויף אַ בערגעלע נע־בען אַ סטאַדע שעפסען דעם רוטענער פּאַסטוך מיט די צולאָז־טע, לאַנגע, גלייכע האָר, פון דער נאַטור אליין אויסגעקאַמט, ווי ער שטעהט דאָרט אַ באָרוויסער אין אַ פאַנטאַסטישע היטעל מיט אַ ברוינע, ברייטע דעליע איבער די לאַנגע, ווייסע העמד, וואָס הענגט איבער די לייווענטענע מייטקעס און איז אונטער־געבונדען אַרום די לענדען מיט אַ ברייטען, לעדערנעם גאַרטעל בעזעצט מיט קאָלירטע, מעטאַלענע קנעפּלאַך און מיט אַ פּאָר רויטע, אָדער גרינע קוטאַסען. אַזעלכע בילדער האָב איך גע־זעהן עטליכע און האָב זיי בעטראַכט ווען דער צוג האָט זיך אַ פּאָר מאָל אָבגעשטעלט אויפ'ן מיטען וועג.

די שענע אידילישע סצענעס האָבען מיך דערפרייט און בעגייסטערט, אָבער לאַנג האָב איך פון זיי ניט אָנגעקוואָלען. פאָהרענדיג צווישען האַליטש און סטאַניסלאַוו איז געוואָרען אַ סוף צו אַלע מיינע חלומות. אין מיטען פון די הערליכע לאַנד־שאַפטען און ראָמאַנטישע בילדער האָב איך דערזעהן פון דער ווייטען אַ לאַנגען, ברייטען שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגען פּערדעכטיג דורך די פעלדער. באַלד ביי דעם ערשטען בליק אויף אָט דעם שטילען וואַסער האָב איך אַ טיעפען ציטער גע־טאָן ניט ווייסענדיג פאַר וואָס. וואָס נעהנטער איך בין נעקור־מען צום שטראָם, אַלץ מעהר האָט ער מיך פּעראינטערעסירט און געשראָקען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַסער? האָב איך געפרעגט ביי אַ געזונדען, הויכען מאַן, וועלכער האָט גערעדט דייטש

און וועלכער, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז געווען א רומעניער.

— דאָס איז דער דניעסטער, האָט ער מיר קורץ און קאַלט געענטפערט.

איך האָב אויפגעציטערט מיט אַלע גליעדער און האָב איהם צושראָקען און נערוועז א פרעג געטאָן:

— איך בעט אייך, איז דאָס דער רוסישער פלוס, וואָס ציהט זיך דורך מאָהילעוו?

— יאָ, וואָס איז דען?...

— איז דאָס דער דניעסטער און די מאָהילעוו, וואָס האָבען געזעהן מיט א פּאָאָר יאָהר צוריק די בלוטיגע פּאָגראָמען אויף אידען?

— מיר דאכט זיך — האָט ער מיט די זעלביגע גלייכ־גילטיגקייט געענטפערט — איך אינטערעסיר זיך ניט, איך בין א רומעניער...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה — האָב איך געזאָגט און האָב זיך אָבגעקעהרט מיט שמערץ. איך האָב ארויסגע־שטעקט דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער און האָב אריינגעלאָזען מיינע בליקען אין שטראָם, איך האָב געוואָלט זעהען אויב ער איז נאָך רויט... אויב דאָרט פליסט נאָך דאָס בלוט פון די אידי־שע קרבנות, וואָס האָבען אויפגעשווידערט די וועלט. אָבער דער דניעסטער האָט געקייקעלט זיינע שטילע פער'חלומ'טע וועלען דורך די פערטראכטע, גרינע וויזען פון דער בוקאָווינא. אפשר האָט ער עפּעס גערעדט, עפּעס דערצעהלט, נאָר ווער האָט איהם געקענט הערען?...

די באהן איז מיט א ווילד געוויש אריבער געשטורמט

דעם בריק און איך האָב נאָך לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט דעם דניעסטער ווי ער ציהט זיך אוועק ווייט, ווייט אין דער בלו־טיגער רוסלאַנד אריין... פארבייפאָהרענדיג טשערנאָוויץ האָב איך זיך דערוואוסט, אז איך בין נאָהענט פון דעם צאַר'ס מדינה, אז עס איז א קאַרגער תחום שבת צו „נאָווא סעליצא", וועלכע ליעגט אויפ'ן רוסישען גרענעץ. אין מחשבות'ן, איך בין צו דעם קאָנפערענץ פון די אידישע שפּראַך דורך געוויסע סיבות ניט געפאָהרען.

אום זעקס אוהר פאַרנאַכט האָט דער צוג דערגרייכט די לעצטע סטאַציאָן, „איצקאַני", ביי דעם גרענעץ פון רומעניען, עטליכע מינוט פון סוטשאַווא, וואו איך האָב געדאַרפט פאַר־לעזען. איך האָב געקענט צופאָהרען מיט אן אנדער צוג צו סוטשאַווא, עס וואָלט אין גאַנצען געדויערט צעהן מינוט, אָבער א גרויסע דעלעגאַציאָן פון אַלע סוטשאַוואער חברות און פער־איינען האָט מיך מקבל פנים געווען אין איצקאַני, דאָרט האָב איך איינגעשטיגען מיט מיין פריינד דעם אדוואָקאַט אין א פיאַקער און בעגלייט פון א לאַנגען צוג מיט דראָשקעס בין איך אריינגעפאָהרען אין סוטשאַווא, דער אַלטער היסטאָרישער זיץ פון די אַמאָליגע רומענישע פירסטען און אדעלליים.

דער וועג צום שטאָדט האָט זיך געצויגען באַרג אַרויף דורך צוויי שורות קליינע, אָרעמע הייזלאַך מיט שטרויענע דעכער, דאָס פאָרשטעדטעל פון סוטשאַווא, וועלכע ליעגט אויף דעם שפּיץ קאָפּ פון א הערליכען באַרג. אַרויפפאָהרענדיג האָט מיר מיין פריינד געזאָגט דאָס דער שטראָם, וואָס ציהט זיך פאַרביי דאָס שטעדטעל דורך א גרינעם, שמייכלענדען טאָל, איז די „סוטשאַווא", דער גרענעץ פון עסטרייך און רומעניען, און אז

דאָס שטעדטעל, וואָס זעהט זיך פון דער אנדער זייט שטראָם, איז דער בלוטיגער רומענישער חורבן־נעסט באָרדוזשעניע, וואו עס איז אום פסח 1907 פאָרגעקומען דער בעקאנטער פאָגראָם אויף אידען. די גאנצע צייט, וואָס מיר זיינען געפאָהרען, האָט מיר מיין פריינד דערצעהלט פון דעם מורא'דיגען היסטאָרישען פאל אין באָרדוזשעניע, וועלכער האָט אויפגערודערט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט. ער האָט מיר געשילדערט די שרעקענס־סצענע, ווי די ווילדע, בארבארישע רומענישער פויערען, געהעצט פון אנטיסעמיטישע, קריסטליכע גרויס־גוטבעזיצער און גלחים זיינען בעפאלען די אידען מיט העק, מיט קאָסעס און ביקסען, און האָבען פערניכטעט און צושטערט אלץ, וואָס די פעראָרעמטע אידישע קהלה האָט נאָר געהאט, ביז א פאָדים און ווי מען האָט זיי הויל, נאקעט און צושלאָגען נאָר מיט די נשמות צוגע־פיהרט צו דער גרענעץ פון עסטרייך און אָנגעשטעלט אויף זיי די ביקסען און געהייסען אריבערגעהן. און ווי זיי זיינען ארי־בערגעגאנגען דעם גרענעץ, האָט זיי דאָס עסטרייכישע מילי־טער געטריבען צוריק און זייער איינציגער אָרט איז נאָר גע־בליבען דער נאסער קבר אין דער סוטשאווא. ער האָט מיר דערצעהלט ווי ער און נאָך איינינע סוטשאווער אידען זיינען אויף מאָרגען נאָכ'ן פאָגראָם אריבער נאָך באָרדוזשעניע און געזעהן דעם הימעלשרייענדען חורבן פון די אידישע הייזער און זייער ביסעל אָרעמקייט. ווי עס זיינען געלעגען אויפ'ן גאַס אויסגעמישט צוריסענע ספרי תורות און סתם ספרים, בעט־געוואנט, קליידער, צובראָכענע שפיגלען, ניי־מאשינען, עס־געשיר און פערשיעדענע אנדערע זאכען. ווי דאָס האָט זיך אלץ געוואלגערט אויף די אָפענע געסלאך פון באָרדוזשעניע

בעגאָסען מיט בראנפען, וויין און פאַטראָליום, און פערוואָרפען מיט פלעשער, גלעזער און צוריסענע בילדער. „נעבען א אידיש הויז, וואָס איז געווען מורא'דיג פערניכטעט", האָט מיין פריינד געזאָגט, „האָב איך אויפגעהויבען א בוך פון היינע'ס ליעדער, ארונטערגעריסען די טאָוולען מיט א שטיק פון דר. קארפעלע'ס פּאָררעדע. די אונוויסענדע פויערען, וואָס פערשטעהען ניט א געדרוקטען אָדער א געשריבענם בוכשטאב, האָבען געמיינט, אז דאָס איז אויך א הייליגער אידישער ספר און האָבען דאָס צוריסען און אוועקגעוואָרפען..."

אָרימער היינע! די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען קיין טעות ניט געהאַט, בעשערט איהם אויך צו טהיילען דעם שיקזאַל פון זיין אָרעם פאָלק, כאָטש ער האָט עס פערלאָזען און האָט גרויס געמאכט א פרעמד פאָלק אין א פרעמדע שפראך!

אזוי בין איך געזעסען און געהערט די שוידערליכע גע־שיכטען פון די רומענישע אידען־מערדער, ביז די סטוטשאווא, דער טאָל און דער גיהנם באָרדוזשעניע האָט זיך פערלאָרען פון מיין בליק. מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין שטאָדט און אויס־געשטיגען נעבען מיין פריינד'ס הויז, וואו איך בין געבליבען א גאסט ביז איבער דער פאָרלעזונג. אין הויז האָט מיר מיין מכנים אורח דערלאנגט דעם צוריסענעם היינע, וועלכען ער היט ווי אן אויג אין קאָפּ. אויף דאָס ערשטע פערשמירטע און צוקנייטשטע בלעטעל האָט דער דאָקטאָר אויפגעשריבען דאָס פאָלגענדע אין דייטש: „27טען מערץ, 1907, אויף דער שטראססע פאָן באָרדוזשעניע אויפגעלעזען (אויפגעהויבען), — דר. שאפפער".

פינף־און צוואנציגסטער קאפיטעל

א באנקעט מיט כאַלעריע־פיש, איך ווער געפעהרליך קראנק און די אייזענבאהן שטעלט זיך צוליעב מיר אָב און לאָזט מיך אַרונטער, איך ליעג אין אַ פער־וואָרפענעם פויערשען הייזעל, די גאַסט־פריינד־ליכקייט פון טשעכישע חזירים, אַ הויקער שטעלט מיר באַנקעס, מיינע טויט־שרעק און מיין בעסערונג, איך קום אָן אין פּראג צו דער בעשטימטער צייט.

XXV

איך הויב אָן דיינקען וועגען דיעזע שורות אין אַ קליינעם, פערוואָרפענעם דאָרף ערגעץ־וואו צווישען די פּראָווינ־צען מעהרען און בעהמען. דאָ געפינט זיך קיין איינ־ציגער איד, אפילו קיין אסימילירטער, נאָר דורכאויס פּראָסטע, גוי'אישע פויערען. זיי ווייסען ניט ווער איך בין און איך ווייס ניט ווער זיי זיינען, מיר פערשטעהען זיך קוים איינע די אנ־דערע.

דאָס איז אַ טרויעריגער צופאל.

אויפ'ן וועג פון ראדאוטץ (בוקאָווינא) — פון סוטשאווא

האָט מען מיך איינגעלאָדען אין ראַדאָוטץ, — נאָך פּראַג (די הויפּטשטאָדט בעהמען׳ס) בין איך אין דער אייזענבאַהן פּלוצ־לונג געפעהרליך קראַנק געוואָרען און אויס מורא איך זאָל ניט שטאַרבען אין וואַגאָן, האָט מען מיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ קליינע, אונבעדייטענדע סטאַציע, וואו דער שנעל־צוג שטעלט זיך זאָנסט גאָר ניט אָב. די שוטים האָבען ניט געוואוסט דאָס איך בין אַ אידישער דיכטער, וועלכער מוז זיך לאַנג מאַטערען איידער ער שטאַרבט.

איך ליעג אויפ׳ן וויטען, פרייען פעלד אין אַ ניעדריגע הייזעל. איך ווייס ניט ווי מען האָט מיך אַהער געבראַכט, איך געדיינק דאָס ניט, איך ווייס נאָר, אַז איך געפין זיך דאָ און אַז איך בין קראַנק, שוואַך און קען זיך קוים בעוועגען. איך האָב מיין פולעס בעוואוסטזיין, מיין גוף איז קוים לעבעדיג, אָבער מיין גייסט איז געזונד, איך זעה און ווייס אַלץ, וואָס עס געהט פאָר מיט מיר און אַרום מיר. איך ווייס, אַז דאָ וואָהנט עפּעס אַ שטיקעל באַהן־בעאַמטער, אָדער באַהן־אַרבייטער, אַ טשעך, אַן אויסגעדיענטער עסטרייכישער סאָלדאַט, וועלכער רעדט עט־וואָס דייטש. ער איז יעצט ניטאָ אין דער היים, ער איז אוועק־געפאָהרען פאַר מיר נאָך אַ דאָקטאָר...

עס איז נאַכט, פרייטאָג צו נאַכט, אָבער דאָ זעהט דאָס אויס זעהר וואָכעדיג. אין דעם הייזעל געפינט זיך איין בעט און איין באַנק, אויף וועלכער איך ליעג אונטערגעבעט אויף מיין זומערדיגען אויבער־ראָק און האָב מיין האַנד־פּאַק צוקאָ־פּענס. וואו דער צווייטער פּעקיל איז ווייס איך ניט. דאָרט ליעגען צוויי גאָלדענע טינט און פעדערס. און אַנדערע ווערטה־פאָלע מתנות וואָס איך האָב בעקומען צו מאַנכע פון מיינע

פאַרלעזונגען. עס איז דונקעל, ערגעץ אין א ווינקעל רויכערט זיך א קליינער, אומעטיגער לעמפּיל, וועלכער שמינקעלט ווי א קריסטליכער „נר תמיד", וואָס איך האָב געזעהן ביי א יעזוס־בילד אין סוטשאַווא. ארום מיר דרעהען זיך עטליכע יונגע, קליינע, ווייסע חזירים׳לאַך, זיי ווילען פון מיר ניט אָבטרעטען... דאָס זיינען די ערשטע גאַסט־פריינדליכע חזירים, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן... אָבער זיי ליעגען מיר ניט אין זינען, איך בין זיי אויך מוחל זייער צו נאָהענטע חבר׳שאַפט... איך האָב פיינד א חזיר, אפילו ווען ער מיינט ערנסט מיט זיין פריינדשאַפט...

מיר איז שלעכט, ביטער שלעכט, איך לייד פון א מין כאָלעריע אָנפאַל, מיט אלע סמנים, שוין באלד א מעת־לעת. קראַנק געוואָרען בין איך אויף דעם „קאָמערס" באַנקעט, וואָס די ראַדאוצער אינטעליגענץ האָט געמאַכט פון מיינעט־וועגען. מען האָט מיך דאָרט מכבד געווען מיט פיש, וואָס זיינען הפנים שוין געווען טויט זייט עטליכע חדשים און זיי־נען ערשט אויף דעם „קאָמערס" געקומען צו קבר ישראל... בע־שערט געווען מיין אָרעמען מאָגען צו זיין איינער פון די קברים... מתים זאָלען אזוי קענען דאַקוטשען א לעבעדיגען מענ־שען, דאָס האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. דאָס האָבען מן הסתם די בוקאָווינער פיש געפּונען א וועג זיך אָן מיר נוקם צו זיין פאר זייערע לאַנדסלייט אין קראָקע, וועלכע איך האָב אזוי אונדערבאַרעמדיג בעליידיגט...

מיט וואָס אייגענטליך איך ברעך יעצט ווייס איך ניט. פון די פיש איז שוין ביי מיר לאַנג קיין זכר ניטאָ. דאָס גיב־

איך געווים אָב צוריק מאנכע דומפּפע, צוגעשטאָקטע קאָמפּלי־מענטען, וואָס איך בין געווען געצוואונגען ארונטערצושלינגען ביי פערשיעדענע קאָמערסען, דאָס ברעך איך אויך אוים די אַל־טע, קלאָגעדיגע דיספּוטאציאָנען און פּארטיי־צאנקערייען, וואָס זיינען ביי מאנכע פון די קאָמערסען פאָרגעקומען און האָבען מיך די גאנצע צייט גענודעט צום טוידט, ביז איך בין ענדליך יעצט פּטור זיי פון געוואָרען...

היינט איז דער 18טער סעפּטעמבער ביינאכט. דעם 20טען בייטאָג, מאטינעע, זאָל איך פּאָרלעזען אין דעם עלע־גאנטען פּראגער צענטראל האָטעל. דער פּילאָלאָג און דייטשער דיכטער הערר פריעדריך אדלער, זאָל מיך צו דער פּאָרלעזונג פאָרשטעלען פאר די אידען אין בעהמען, און צוויי בעריהמטע שוישפּיעלער פון פּראגער לאנדעס־טעאטער, פרייליין ליליע פאָן העללינג, און הערר פערדינאנד אָנאָ, זאָלען מיינע ליעדער אין דייטש דעקלאמירען. אלע בילעטען זיינען שוין פערקויפט. מען ווארט אויף מיר מיט אונגעדולד. דאָס האָט מען מיר שוין געשריעבען מיט עטליכע טעג פריהער. וועל איך אָבער דער־לעבען צו קומען נאָך פּראג? וועל איך איבערהויפּט איבערלע־בען די היינטיגע נאכט? אָדער איך וועל אויסגעהן אין דיעזער קליינער פערוואָרפענער שטיבעל צווישען אונבעקאנטע גוים אויף א טמא, מאָנארכיסטישע ערד און וועל צומאָל צו קבר ישראל ניט קומען? וועט מען זיך אין דיעזען פערבלאָנזשעטען הייזעל אמאָל דערוויסען ווער איך בין געווען? וועט דער דאָרף זיין שטאָלץ אויף מיין קבר, אָדער וועלען נאָך אמאָל די טשעכען ארויסרייסען מיינע פערוואָגעלטע ביינער פון זייער צלם'דיגען גרונד און אוועקוואַרפען פאר אנטיסעמיטישע הינד,

ווי זייערע עלטערען האָבען דאָס אמאָל געמאָן מיט די מתים פון אידישען בית עולם אין פראג?

ווער ווייס!

אָט ווי קראנק איך בין, האלט איך מיין אמעריקאנישען פאספאָרט פעסט צוגעדריקט, כדי איך זאָל שטארבען מיט דער פרייהייט אין האנד, אפשר וועט מען אויף אזא ארט דערגעהן ווער איך בין געווען... מיר ווערט ניט גוט, צום חלש'ן, איך ביים מיינע פינגער אום ניט צו בלייבען אין חלשות, דען ווי וועט מען מיך דאָ אָבמינטערען? עס שטעהען נעבען מיר די ווירטהין, א בעיאָהרענטע, פראָסטע פויערטע און איהרע אכט אָדער ניין באָרוועסע קינדער. מיר דאכט, אז זיי האָבען אויף מיר רחמנות, אז זיי ווילען מיר העלפען, נאָר זיי ווייסען ניט ווי. זיי גיבען מיר קאלטע וואסער אין מויל, זיי בעשפריצען מיר מיט וואסער, פון דערוויטענס שטעהט אן אלטינקע פרוי און בעקרייצט זיך... אפשר וויל מען דאָס מיך אָב'שמד'ן? אך! ווען זיי וואָלטען געוואוסט ווי איך האס א משומד! איין מיי־דעלע, מיט אויפגעבלאָזענע, רויטע בעקלאך ווי פאמפושקעס, שטעהט נעבען מיר און קוקט מיך אָן מיט א פאָר גרויסע, גרויע אויגען, זי האָט מיטלייד מיט מיר. זי ווייס אפשר ניט דאָס איך בין א איד. זי ווייס נאָך אפשר איבערהויפט ניט וואָס א איד איז. זי איז נאָך אפשר קיינמאָל אין קירכע ניט געווען, דעם גלח ניט געהערט, און ווייס ניט, אז קריסטען מוזען גלויבען, דאָס אידען האָבען דער'הרג'עט זייער גאָט. אפשר ווייס דאָ נאָך קיינער ניט דאָס איך בין א איד? איך האָב זיי דאָס מורא צו פערטרויען...

וואָס פאר א שרעקליכער מאָמענט דאָס איז!

כדאי געווען אזוי פיעל צו קעמפפען מיט'ן שיקזאל, אזוי פיעל ביטערע, שווערע יאָהרען צו ליידען, צו דולדען, צו וואר־טען און צו האָפען און ענדליך לייגען דעם קאָפּ אין וואָגלע־גיש און עלענד ערגעץ־וואו אין אַן אָרט, וואָס איך ווייס אפילו ניט זיין נאָמען. פארוואָס בין איך בעסער ניט געשטאָרבען אין איינע פון די גאליציאנער שטעדט, אָדער שטעדטלאך צווי־שען גוטע פריינד און פערעהרער, וואָס האָבען מיר שיער דעם טויט געמאכט מיט חסידישע בעגייסטערונג?... פארוואָס בין איך ניט אומגעקומען ערגעץ אויף א גאליציאנער אייזענבאהן, וועלכע איז א גיהנם אויף רעדער, וואָס אנשטאָט צו פּ י ה־ר ע ן די פאסאזשירען פיהרט זי זיי איבער? פארוואָס האָב איך ניט אויסגעהויכט מיין לעצטען אטעם אויפ'ן ים, וועלכער איז אויך אזוי שטורמדיג און ווילד ווי מיין ניט געלעבטעס לעבען? אָט אזוי האָב איך געטראכט און געוויינט און מיינע ביטערע, זודיגע טרערען זיינען געפלאָסען אָהן אויפהער. איך האָב גערופען די נעמען פון מיינע פריינד און געליעבטע און בין פאר שוואכקייט און פערצווייפלונג איינגעשלאָפען.

ווען איך האָב געעפענט די אויגען איז געזעסען נעבען מיר אַן אלטער גוי מיט א הויקער און האָט געהאלטען אין האנד א פעקיל בלעבענע באנקעס. איך האָב פערשטאנען, אז דאָס איז דער „דאָקטאָר“, האָב אויף איהם א קוק געטאָן און זיך דערשראָקען.

— ווי פיהלסטו? האָט ער מיך געפרעגט אין טשעכיש, דאָס איז א מין־רוסיש־פּויליש צונויפגעמישט. איך האָב איהם מורא געהאט צו זאָגען ווי איך פיהל, ער זאָל מיר ניט נעהמען היילען מיט זיינע „רפואות“.

—ווארט א ווײלע, האָט ער מיך געטרייסט ,איך וועל
דיר עפּעס געבען. אזוי רײדענדיג האָט ער ארויסגענומען פון
קעשענע א מין טרוקענעם גראָז און האָט דאָס מיר געהייסען
צוקייען און פערזופּען מיט וואסער. א ברירה האָב איך גע־
האט, איך האָב איהם געפאָלגט. דער גראָז איז געווען זויער
ווי עסיג, אָבער נאכדעם ווי איך האָב דאָס איינגענומען האָט
מיך אויפגעהערט נודען. עס איז מיר אביסעל בעסער געוואָ־
רען. איך ווייס ניט אויב דאָס איז געווען פון די „מעדיצין"
אָדער ווייל מיר איז נאָך דעם שלאָף סתם לייכטער געוואָ־
רען, איך ווייס נאָר, אז איך האָב נאָט געבעטען ער זאָל מיך
פון דעם הויקער בעפרייען.

קוים האָב איך איינגענומען די מעדיצין, האָט מיך דער
הויקער אָנגעהויבען אויסטאָן. ער האָט מיר אראָבגענומען דעם
ראָק, דאן דאָס וועסטיל, נאָר ווען ער האָט מיר גענומען אראָב־
ציהען די לעצטע קליידער אין געגענווארט פון דער בעל־
הבית'טע האָב איך אָנגעהויבען פּראָטעסטירען, קיין כח זיך
צו ווערען האָב איך ניט געהאט, דען דער „דאָקטאָר" האָט
נאָר געדארפט א ווונק טאָן צו מיין בעל הבית און ער וואָלט
מיר אראָבגענומען די מלבושים מיט די הויט מיט אלעמען.
ווען איך האָב געפרעגט צו וואס ער טוט מיך אויס, האָט ער
מיר געוויזען אויף די באנקעס.

— איך האָב פערדאָרבען דעם מאָגען, האָב איך פּראָטעס־
טירט, וואס טויגען מיר באנקעס? זיי וועלען מיר נאָך מעהר
אָבשוואכען.

דער „דאָקטאָר" האָט געשמייכעלט:

— עס ליעגט מעהר כח אין די באנקעס ווי אין אלע

אייערע אפטייקען, האָט דער הויקער געזאָגט מיט א שטאָלץ. איהר שטאָדט־לייט ווייסט נאָר פון געשטודירטע דאָקטוירים, וואָס קענען נעהמען א סך געלד און פון פערפוצטע פלעשלאַך מיט געפארבטע צוקער־וואסער. מיר זיינען פראָסטע מענשען, גלויביגע, אונזער דאָקטאָר איז יעזוס קריסטוס און זיינע רפואות זיינען פראָסטע. ווען ער האָט גענענדיגט ריידען האָט זיך די אלטע אין ווינקעל איבערקרייצט דריי מאָל.

איך האָב איינגעזעהען, אז דאָ וועלען ניט העלפען קיין טענות און האָב זיך געלאָזט אויסטאָן לויט פערלאַנג, זיך אי־בערגעבענדיג אין גאנצען אין די הענד פון דעם „דאָקטאָר", ער זאָל טאָן מיט מיר, וואָס ער וויל. ווען ער האָט מיר אראָב־געשלעפּט דעם לעצטען דעליקאטנעם בגד פון לייב האָט דער לעמפּיל אזוי ווי וויסענדיג אָנגעהויבען דונקעלער ווערען. דער הויקער האָט אָנגעצונדען א ליכטעל און האָט מיך ארומגע־שטעלט מיט באנקעס אזוי גרויס ווי איך בין. איך האָב נאָר געבעטען גאָט איין איינציגע זאַך: דער „דאָקטאָר" זאָל מיר חלילה וחס די באנקעס ניט האקען, ווייל דאן וועל איך שוין מעהר אין פּראג געוויס ניט פאַרלעזען און וועל מוזען וואר־טען א שענע פּאָר טעג ביז איך וועל קענען אויפשטעהן. נאָך דיעזער אפעראציאָן האָט ער געברויכט די איינציג פּראקטישע מעטאָדע, וואָס מוז אָנגעווענדעט ווערען אין אזא פאל ווי מיינעם, נעמליך די קליסטיר, דאן האָט ער מיך איינגעדעקט און ערקלערט מיט זיכערהייט, אז בעגינען וועט מען מיר מע־גען אויפוועקען און אָבשיקען מיט דעם ערשטען צוג נאָך פּראג.

ווען דער „דאָקטאָר" איז פערטיג געוואָרען מיט זיין אר־בייט איז דער לעמפעל שטיל און לאנגזאם ווי א גוסס אין גאנ־

צען אויסגעגאנגען. אין שטיבעל איז געוואָרען פינסטער. דער בעל הבית מיט דער בעל הבית'טע האָבען זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט... די אלטע מאמע האָט זיך געלייגט נעבען בעט אויף דר'ערד, עפּעס אויף א שעניק, אביסעל ווייטער אויף דער ערד האָבען זיך געלייגט די קינדער, די חזירים זיינען פערקראָכען ערגעץ אָן א זייט און דער הויקער האָט זיך צו־נויפגעדרעהט און געלעגען נעבען מיר. איך בין א פּאָר מאָל איינגעשלאָפען, אָבער דער האָהן, וואָס איז מיר אויסגעקומען צוקאָפּענס, האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב מעהר ניט צו־געמאכט מיט אן אויג און בין געלעגען וואך ביז עס האָט אָנ־געהויבען שפּראָצען אויף טאָג. דער ערשטער איז אויפגעשטא־נען דער בעל הבית, ער האָט מיך „אויפגעוועקט". איך האָב פּראָבירט אויפהויבען דעם קאָפּ און האָב געקענט, איך האָב זיך אוועקגעזעצט און געוואָלט נעהמען אָנטאָן, אָבער דאָס איז ניט געווען אזוי לייכט, די חזירים האָבען פערשלעפּט מיין וויי־סע אויבערהעמד, דעם פּרינץ־אלבערט מיט די תחתונים ביי זיך אויפ'ן געלעגער... ווען איך האָב א קוק געטאָן אויף מיינע אָרימע זאכען איז מיר ווידער ניט גוט געוואָרען צו ברעכען. באלד זיינען די גאנצע בני בית געשטאנען אויף די פיס און דער „דאָקטאָר" אויך. מען האָט ווי עס איז אָבגערייניגט מיי־נע זאכען און איך האָב זיך ביסלאכווייז אָנגעטאָן, האָב בע־צאָהלט דעם אָרימען קריפּעל, וועלכער האָט, ווי עס שיינט, מיר דאָך אביסעל געהאָלפען. האָב געגעבען די אָרימע, באָר־וועסע „פּופּקעס" צו מטבעות, האָב געגעבען א מטבע דער אלטער, וואָס האָט זיך געקרייצט פון מיינטוועגען... אלע האָ־בען זיי מיר געקושט די הענד, אויף דער שנאָרערשער איירא־

פעאישער מאָדע, מיך האָט דאָס געעקעלט, און ווארפענדיג א בליק פון עקעל און פעראכטונג אויף די חזירים, וואָס האָבען מיר פאר גרוים חבר'שאפט אזוי פיין אָבגעפוצט די בגדים, בין איך קוים מיט צרות ארייגגעקראָכען אין וואָגען און בין אוועק־געפאָהרען צו דער אייזענבאהן. פאָהרענדיג האָב איך געזעהן, אז מיר פעהלט קיין זאך נים, מיינע ביידע פעקלאך זיינען גע־ווען גאנץ, אונבעריהרט און דער פויער האָט זיך דעם גאנ־צען וועג מיט מיר זעהר פריינדליך אונטערהאלטען. איך האָב געזעהן, אז ער איז צופריעדען מיט מיין בעסערונג און נאך מעהר איז ער געווען שטאָלץ אויף זיין דאָקטאָר, וועלכער קען ממש מחיה מתים זיין...

מיר זיינען געפאָהרען נעגען מזרח. ווייט איבער די בעה־מישע בערג איז אויפגעגאנגען די זון און האָט פערגאָלדעט די דאָרפישע הייזלאך ארום. מיר זיינען דורכגעפאָהרען דורך א געדיכטען יונגען טאנענוואלד, דער ריח פון די פריש־אָב־גע'טובל'טע בוימער האָבען מיך געקרעפטיגט ווי א גוטע־„טאניק“. פון ביידע זייטען וועג האָבען די פויגעל געפיפ־צעט און געזונגען. דער פויער האָט געלאָזט געהן זיין פער־דיל, וועלכער האָט געקענט דעם וועג אויף אויסוויייניג, און אליין האָט ער זיך פאנאנדערגעפייפט א בעהמישען דאָרפס־ליעד פול מיט אומעטיגקייט, זיסקייט און מסירת נפש... אזוי זיינען מיר פאמעליכעל אָנגעקומען נאך לאָוזשאניץ, די סטאַ־ציע, וואו מען האָט מיך פריהער אראָבגעלאָזט. א האלבע שעה שפעטער איז אָנגעקומען א צוג פון וויען, וועלכער האָט מיך נעבראכט שבת אום צעהן אוהר אין דער פריה אין דער וועלט־בעריהמטער אלטער שטאָדט פראג.

זעקס־און צוואנציגסטער קאַפּיטעל

מיין פאַרלעזונג אין פּראַג, די גאַסטפריינדליכקייט פון די דאָרטיגע אידען, איך וואַנדעל צווישען די אַלטע קברים פון פּראַגער בית עולם, מיין אומזיסטער וואונש צו זעהן דעם „גולם", די „קאַרלס־בריק, לעגענדען פון אַמאָליגע צייטען...

XXVI

אין פּראַג האָב איך מיך א ביסעל אָבגעכאַפּט פון מיין שרעקליכע פּאַסירונג און דעם 20טען סעפּ־טעמבער מאַטינעע האָב איך דאָרט געהאַט א פאַר־לעזונג מיט א דאָפּעלטען ערפאָלג, וועלכער האָט זיך נאָך דערצו גענדיגט מיט א לאָרבער־קראַנץ פון גאָלד און זילבער. דיעזען קראַנץ האָט מיר פערשאָנקען דער פּראַגער אידישער פאָלקספעראיין דעם 25טען סעפּטעמבער אויף א ספּעציעלען באַנקעט. די איינגראַווירונג אויף דעם פּרעכטיגען קראַנץ איז פּראָסט, איינפאַך, אָהן מליצה: „דער אידישער פאָלקספעראיין דעם אידישען דיכטער, פּראַג, דעם 25טען סעפּטעמבער, 1908". דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון בעהמישע אידען אין דער אַלטער,

היסטאָרישער וועלט־שטאָדט, וואו עס איז געהאַלטען געוואָרען א פאַרלעזונג אין אונזער מאמע־לשון און איבערהויפּט מיט אזא גלענצענדען פּועל יוצא. נאָך מיין לאנגע, ערמידענדע נסיעה אין די אומעטיגע און פערארעמטע גאליציאנער און בו־קאָווינער שטעדט און שטעדטלאך האָב איך ענדליך אין דער קאַכעדיגער, אינדוסטריעלער הויפּטשטאָדט פון די ערוואַכענדע טשעכען פריי אויפגעאָטעמט. ניט האָבענדיג קיין אנדער פאַר־לעזונג ביז דעם דריטען אָקטאָבער בין איך געבליעבען אין פּראג גאנצע אכט טעג, ביז איבער ראש השנה, און פיעל, זעהר פיעל האָב איך דאָרט געזעהן און געלערנט.

פּראג צעהלט איבער פיער מאָל הונדערט טויזענד איינ־וואוינער, דארונטער זעהר א סך אידען אסימילירטע און ניט אסימילירטע, דאָך ערעלע, גאסטפריינדליכע מענשען זיינען זיי אלע. אזוי ווי די גאנצע בעפעלקערונג בעהמענס אזוי אויך די אידישע בעשטעהט פון צוויי מינים: ד י י ט ש ע ן און ט ש ע כ ע ן. דערפאר ווען מאָרד־פּאטריאָטישע טשעכען הו־ליען זיך אמאָל פונאנדער און מאכען א פּאָגראָם אויף די דייט־שען, פערגעסען זיי אָן די אידען אויך ניט און זיינען זיי אָרענט־ליך מכבד. פּראג איז אָהן א ספק איינע פון די לעבעדיגסטע און שענסטע שטעדט אין אייראָפּא און איהרע היסטאָרישע גרויסקייטען, מאָנומענטען און ספּעציעלע אויסגעבאַפּטע ער־טער מוזען בעוואונדערט ווערען. אלעקסאנדער פאָן הומבאָלד זאָגט אין זיינע מעמוארען דאָס פּראג איז עהנליך צו ווענעדיג, די פּרינצעסין פון דער זוניגער איטאליען. צו דיעזען קאָמפּלי־מענט האָב איך גאָר ניט וואָס צו צוזעצען, איך בין דערמיט פאָלשטענדיג איינפערשטאנען. קראָקע, איז אויך א שטאָדט

פון היסטאָרישע דיינקמעלער, וואָס שוויבעלט און גריבעלט מיט מאָנומענטען, טראַדיציאָנעלע יחסנות און לעגענדאַרישע פּלעצער, דאָך פאַלט מען אין איהר אַריין ווי אין א קבר, א מתים-געריך שלאָגט ענטקעגען, וואו נאָר מען קעהרט זיך, מען דערפיהלט באַלד, אז דאָס איז א בית עולם, וואו מען דאַרף נאָר קומען איין מאָל אין יאָהר אויף קבר אבות, אָבער וואוי־נען ווילט זיך דאָרט ניט, ווערהרענד אין פּראַג קושט זיך די גרויע פערגאַנגענהייט און די נייע געגענוואַרט אין שוים פון לאַכענדען לעבען. די טשעכען האָבען ערשט יעצט ערוואַכט, די פּאָליאַקען זיינען שוין אָבער לאַנג אויפגעשטאַנען און זיינען פערשלאָפען, זיי גענעצען, און זייער לאַנגער, מעלאַנכאָלישער געגעץ ליגט אויסגעשפּרייט אפילו אויף זייער גרעסטע ריהי־רעוודיגקייט. ווען מען זאָל איינעם צובינדען די אויגען אין ניו יאָרק און זיי אַבבינדען אין פּראַג וועט ער אין ערשטען אוי־גענבליק ניט דערקענען דעם אונטערשיעד, אזוי רעשט און קאָכט דאָ, אזוי גרויס איז דער געשעפטליכער פערקעהר, אזוי שיין זיינען די געוועלבען און אזוי אונרוהיג זיינען די מענשען אומעטום, וואו מען קעהרט זיך.

וואָס מיך האָט איבערהויפּט אינטערעסירט, ווען איך בין געקומען נאָך פּראַג, איז די אַלטע בעקאַנטע געהעטאָ, דער „יור־דענפערטעל", פון וועלכען איך האָב אזוי פיעל געהערט נאָך אַלס קינד. איך האָב זעהר געגאַרט צו זעהן די פּראַגער אַלטע שול, וואו עס ליעגט נאָך אויפ'ן בוידעם דעם מהר"ל'ס גולם... האָבענדיג אזא צד אין טיש ווי דעם ראש הקהל פון פּראַג, גע־ווינענדיג די גרעסטע אידען אַלס מיינע פּערזענליכע פריינד, האָב איך גערעכענט ווערט מען מיך אַרויפלאָזען אויפ'ן בוידעם

און איך וועל אָנקוקען די לוימענע בעשעפעניס, וואָס האָט גע־וויעזען אזוי פיעל וואונדער מיט דעם רבין'ס כח. א גולם איז אָפטמאָל זעהר אינטערעסאנט. עס ווילט זיך א קוק טאָן אויף אַן אונגוציגע בריאה, וועלכע בעוועגט זיך, רעדט, בעווייזט גבורות טוט אויף נסים און ווערט בעריהמט דורך פרעמדע שמות... איך האָב אָבער געהאט א טעות. די פראגער געטאָ איז בוכשטעבליך פערשוואונדען און אָבגעווישט פון דער ערד. אויף דעם אָרט פון איהרע ענגע, פינסטערע, פערשפּארטע געס־לאך שטעהען יעצט די פּרעכטיגע ניקאָלאס־גאסע, צעלטנער גאסע, וואָס שטאָלצירען מיט די שענסטע מאָדערנע ארכיטעק־טור און מיט די ערהאבענסטע קראָמען. די טשעכען האָבען ניט קיין גרויס דרך ארץ פאר היסטאָרישע „דזשאָנק"־ברוך; אין זייער ווילדע, אונגעצוימטע, צוויזשעטע לויפעניס נאָך ציווי־ליזאציע און נייאיגקייטען האָבען זיי אפילו די היסטאָרישע הייליגקייטען אויך ניט געשוינט און האָבען ארויפגלעייגט זייער האנד אויף דעם אלטען פראגער בית עולם, האָבען צונויפגע־רוקט זיינע דורות־אלטע מצבות און האָבען צוגענומען א רעכט שטיקעל פון די הייליגע ערד. זיי וואָלטען אפשר געמאכט א תל פון דעם גאנצען בית עולם און זיי וועלען דאָס נאָך אפשר א מאָל מאכען, דערווייל אָבער האָבען זיי זיך פערשעמט פאר דעם געשריי פון דער עפענטליכקייט און האָבען איהם צורוה געלאָזט. איין הייליגקייט אָבער האָבען זיי ניט געוואגט צו בע־ריהרען, אין געגענטייל, זיי האָבען דאָס נאָך מעהר פערהיט עס זאָל בלייבען פונקט ווי דאָס איז געוועזן מיט א פינף הונ־דערט יאָהר צוריק, דאָס איז דער אלטער פראגער מקום קדוש, די אלטע, וועלט־בעריהמטע אונשאצבארע מאָנומענטען פון

גרויען „א מאָל“ — די שול און דער בית עולם, זיינען אלץ, וואָס פּראג האָט אויפצואווייזען פון דער פערלאָרענער, גע־שיכטליכער גהעטאָ.

זונטאג נאָכמיטאָג, דעם טאָג פון מיין פּאַרלעזונג, האָט א געזעלשאפט פון אידישע פּראָפעסאָרען, דאָקטוירים און נאָ־טאבעלען מיט זייערע פרויען, מיך געפיהרט ווייזען דעם אל־טען בית עולם, וועמעס שטומע שטיינער עס דערצעהלען אונ־בעשרייבליכע שרעקענס־געשיכטען און פערטרויען טיעפע, שווי־דערליכע סודות פון אידישע ליידען. דער בית עולם און די „אלט־נייע שול“, אזוי הייסט די אלטע שול, ווייל זי איז פון דרויסען א ביסעל רענאָווירט געוואָרען, געפינען זיך איינע נע־בען די אנדערע און קומען יעצט אוים אין רעכטען מיטען פון די נייעסטע און שענסטע געביידען. איידער מען קומט ארויף אויף דעם בית עולם מוז מען זיך מעלדען אין דער בית־הקברות־ביורא און בעצאָהלען פאר א בילעט, אָהן א בילעט קען מען דעם בית עולם ניט בעזוכען. דר. פישער, גבאי פון דער אלט־נייער שול, האָט טראקטירט די גאנצע געזעלשאפט מיט בי־לעטען און מיר זיינען ארויף אויף דעם שטילען, הייליגען און פורכטבארען „גוטען־אָרט“. עס האָט ניט לאנג געדויערט און איך האָב זיך פערלאָרען פון מיינע פריינד. זייערע ערקלערונגען וועגען ד ע ם אָדער י ע נ ע ם קבר האָבען ניט בעפרידיגט מיין פאָרשענדען גייסט, וואָס האָט אומגעשוועבט צווישען די כשר'ע נשמות פון מיין פאָלק. אליין האָב איך געבלאָנדזשעט צווישען די אידישע מצבות פון פיערצעהנטען און פופצעהנטען יאָהרהונדערט. דאָ און דאָרט האָב איך נאָך איבערגעלייענט די האלב־צובראָקעלטע ווערטער „תנצבה“ אָדער „הקדוש“. דער

פראגער אלטער בית עולם האָט א סך קדושים, וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קדוש השם. איך האָב דאָרט געזעהן די גראַב־שטיינער פון „צמח־דוד“, די מצבה פון של“ה הקדוש’ס ווייב, דעם שטיין פון ר’ יהודה בן בצלאל, מה“רל, דער מאכער פון גולם... דעם שטיין פון ר’ מרדכי מייזעל פון 17טען יאָהרהונ־דערט, וועלכער איז געווען דער גרעסטער איד אין בעהמען אין זיין צייט. אויף איין מצבה איז געשטאנען אויסגעהאקט א שעהר, א ש נ י י ד ע ר ש ע שעהר, און אין די קוים, קוים־לעזבארע שורות האָט מען נאָך געקענט זעהען די ווערטער „החייט... הצדיק... הגדול“. איך האָב זיך ביי דעם דאָזיגען קבר אָבגעשטעלט און האָב לאנג געקוקט און געטראכט הלואי שטעלט מען מיר אויך אזא מצבה, נאָר נעבען דער שעהר זאָל נאָך ליגען א פעדער!... אויף נאָך א מצבה איז געשטאנען א „החייט הקדוש“, דער הייליגער שניידער. און אָט וואָס מיינע פריינד האָבען מיר דערצעהלט:

עס איז א מאָל געקומען אין פראג דער קעניג, אָדער איי־נער פון זיינע מיניסטאָרען און ווען ער איז געגאנגען אין גאס איז פלוצלונג פון ערגעץ אראָבגעפאלען אויף איהם א שטיין אָדער אן אנדער שווערע זאך און האָט איהם דער’הרג’עט. עס איז באלד געוואָרען א געשריי אז דאָס האָבען געטאָן די אי־דען און מען האָט פערלאנגט, אז די קהלה זאָל ארויסגעבען דעם „שולדיגען“, זאָנסט וועט מען זיי אלעמען אומברייננגען. עס איז געווען א געוויין און א יללה, מען האָט געפאסט און געשריען צו גאָט און גאָט האָט געהאָלפען... עס איז פלוצלונג געקומען צום בית דין א שניידער און האָט ערקלערט, אז ער

וועט געהן אויף קדוש השם און זיך מקריב זיין פאר'ן כלל ישראל, ער וויל זיך ערקלערען פאר דעם שולדיגען. דער רב און די דיינים האבען איהם געקושט און געוויינט און האבען איהם איבערגעגעבען צום געריכט, וועלכער האט איהם פער־משפט צו א שרעקליכען טויט. איידער מען האט איהם אומ־געבראכט האט מען איהם נאך געמאטערט מיט די גרויזאמסטע ליידען און פייניגונגען ער זאל זאגען אויב ער איז דער ריכ־טיגער שולדיגער, אויב ער אליין איז דער פערברעכער. ער האט אבער מיט א שטארקען גייסט אלע יסורים אריבערגעטראַ־גען און זיך ערקלערט פאר דעם איינציגען בעל־חייב. אזוי האט ער אבגעגעבען זיין ריינע נשמה פאר'ן כלל און געשטאר־בען א קדוש.

איך געה ווייטער אויף דעם בית עולם. מיינע בעגלייטער פיהרען מיך יעצט צו א שווארצע, שטיינערנע וואנד, וועלכע איז א גרויסע מצבה אויף אן אלגעמיינעם קבר פון א סך הרוגים אויף קדוש השם. א מורא האט מיר אנגענומען וואנד־לענדיג צווישען די פערוואקסענע, פערלארענע טרויער־שטעגען פון דעם אלטען גלות־בית חיים. מגילות פון בלוט און פון פייער האבען זיך אויפגעוויקעלט פאר מיין טריעבען בליק און איך האב זיי געלעזען, געלעזען און געלעזען... איידער מיר זיינען אראב מיט א טיעפען וועה פון בית עולם איז צוגעקו־מען צו מיר דער סעקרעטאר פון דער חברה קדישא און האט מיר נאך געוויעזען מאנכע קברים פון היסטארישע אידען. ער האט מיר ערקלערט ווי אלט מאנכע מצבות זיינען און האט מיר פערזיכערט, אז אויף אט די מאכיגע ווענעלאך פון אימה און אבלות האבען שוין געטראטען די פיס פון די גרעסטע

הערשער איירָאפּא׳ס. דאן האָט ער מיך אריינגעבעטען אין ביור רָא און האָט פאר מיר אויפגעמישט א גרויסען שווערע פּנקס, וועלכער הייסט Memorabilen, „מעמאָראבילען“, וואו כמעט אלע יעצטיגע קיסרים, קעניגע, קייזערינס, קעניגינס און פּרינצען האָבען איינגעשריעבען זייערע נעמען. וואָס דיעזער בוך איז ווערט איז אבזאָלוט ניט אָבצושאצען. יעדער גרויסער מוזעאום וואָלט פאר איהם געצאָהלט שווערעס געלד, אָבער ער בעלאנגט צו דער פּראגער אידישער קהלה און די וועלט איז צו ארעם דעם פּנקס צו קויפען. איך האָב דאָרט געלייענט דעם נאמען פון דעם יעצטיגען קיסר פראנץ יאָזעף ווען ער איז נאָך געווען ערץ הערצאָג. איך האָב געלייענט דעם נאָמען פון זיין אונגליקליכען ברודער פערדינאנד מאקסימיליאן, וועלכען מען האָט געשאָסען אין מעקסיקא, דערפאר, וואָס ער האָט געוואגט צו ווערען איהר געקרוינטער הערשער און פערפלעקען אמע־ריקא׳ס באָדען מיט א קרוין...

איך האָב ווייטער געלייענט די נעמען פון דעם יעצטיגען דייטשען קיסר ווילהעלם און פון עסטרייכשען קראָנפּרינץ רודאָלף; לודוויג קעניג פון באיערען; געאָרג דער בלינדער קע־ניג פון האנאָווער; יאָהאן קעניג פון זאקסען; סאָפיא קעניגין פון שוועדען און נאָרוועגען א. ז. וו. אלס בעזונדערע עהרע איז עס מיר צוגעטיילט געוואָרען אויך אריינצושרייבען מיין נאָמען אויף דער בלאט פון די קעניגע...

ראש השנה האָב איך בעזוכט די אלט־נייע שול און צו מיין פערוואונדערונג האָב איך דאָרט קיין בודים ניט געזעהן און ממילא קיין גולם אויך ניט. מען האָט געהאלטען אין דאוו־נען, איך האָב זיך ארומגעקוקט צווישען עולם... אונטער די

ביינק, אין מזרח־וואנד... האָב א קוק געטאָן ביי'ם עמוד און האָב זיך פערטראכט... זאָל דאָס זיין דער בעל מוסף? היתכן דער גולם זאָל ווערען א חזן?...

איינע פון די אינטערעסאנטעסטע און ערהאבענסטע ער־טער אין פראג איז די קארלסבריק, וועלכע איז א נאָמען נאָך דעם זעלביגען קיסר, וואָס קא ר ל ס ב א ד, וועלכער, לויט ווי די לעגענדע דערצעהלט, זאָל האָבען דער ערשטער דורך א צופאל ענטדעקט די הייסע וואסערן. אָט דער קיסר האָט דאָס צום ערשטען מאָל ארייגעבראכט די דייטשען נאָך בעהמען זיי זאָלען דאָרט ענטוויקלען קונסט, וויסענשאפט און פערפלאנ־צען צווישען דעם דאָרטיגען סלאווישען, פערווילדעטען שבט קולטור און ציוויליזאציע. יעצט אָבער, ווען די טשעכען האָבען זיך שוין אויסגעטשוכעט, ווילען זיי פעריאָגען זייערע לעה־רער, די דייטשען...

די איינציגע בריק, וואָס איז פיעלייכט עהנליך צו די קארלס בריק, איז די לאָנדאָנער וועסטמינסטער בריק, וועלכע ווייזט די טעמזע, דעם פארלאמענט און די וועסטמינסטער עבבי, די גרויסקייטען ענגלאנד'ס. אָבער שענער איז דאָך די קארלס בריק, וועלכע שפאנט איבער דער שענער, לאבענדער מ א ל ד אָ ו און פערבינדט די נייע, רייצענדע פראג מיט דער אלטער פראג. די בריק אליין איז ניט איבעריג שען, ניטאָ אין איהר די חכמה און דער כשוף פון דער מאָדערנער אינזשיני־רינג ווי אין אונזער ברוקלין בריק למשל. זי איז איינפאך און איז שוין אויך א פאָר מאָל איינגעפאלען. דאָך זייענדיג אויף דער דאָזיגער אלטער בריק, מוז מען זיך בעגייסטערען און פער־וואונדערען. אין די גאנצע לייננ פון דער בריק פוןביידע זיי־

טען שטעהען וואונדערפולע סקולפּטור גרופּען געמאכט פון די גרעסטע קינסטלער פון אלטערטהום. די גרופּען זיינען מעהר־סטענס קריסטליך־ביבלישע (פּראג איז פון אייביג אָן א נעסט פון קאטויליציזמוס). אָבער א סך גרופּען זיינען סימבאָלישע. דאָס וואונדערבארסטע אָבער איז דער ריעזיגער געל־מעטאלע־נער געקרייציגטער קרסיטוס, איבער וועלכען עס שטעהט אויס־געקריצט די לשון הקודש'דיגע שורה „קדוש קדוש קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו". איך וויים ניט פארוואָס איך האָב שטיל געציטערט ווען איך האָב אויף דעם געקוקט. א אונ־ערקלערליבער, איניגסטער ציטער איז מיר געגאנגען דורך דיביינער, איך האָב מורא געהאט.

די געשיכטע פון דער העברעאישער איבערשריפט דער־צעהלט זיך אזוי:

א פאנאטישער איד איז אמאָל געקומען נאָך פּראג און איז געגאנגען איבער דער קארלסבריק, ווען ער האָט דערזעהן דעם גרויסען געלען קריסטוס צוגענעגעלט צום קרייץ, האָט ער דריי מאָל אויסגעשפּיים, קריסטען האָבען דאָס גראָד געזעהן און איהם געלאָזט ארעסטירען. ער איז איינגעשפּארט געוואָרען אין א קלויסטער, וואו מען האָט איהם געצוואונגען צו וועהלען דעם טויט אָדער אויפשרייבען מיט זיין אייגענער האנד דעם הייליגען פסוק. ער האָט געוועהלט דאָס צווייטע.

שטעהענדיג אויף דער קארלסבריק זעהט מען כמעט גאנץ פּראג מיט איהרע שענסטע ערטער, מיט די הויכע גרינע בערג, וואָס רינגלען איהר ארום און דאָס פרייליכע וואסער, די מאָל־דאו, אין וועלכע זי שפּיעגעלט זיך אָב. ווען מען שטעהט אויף דער בריק מיט'ן פּנים צו דער אלטער פּראג זעהט מען דעם

„ראטשין“, דער ריעזען־גרויסער, וואונדערליכער שלאָס פון די אמאָליגע בעהמישע הערשער, ווי ער הויבט זיך אויף אויף די שפּיץ בערג מיט זיינע הויכע פערעלטערטע טורמעס. דער „ראטשין“ איז איינע פון די וואונדערגעביידען פון דער וועלט, אין וועלכער די ווענט זיינען אויסגעפלאסטערט מיט גאָלד און די זעלטענסטע עדעלשטיינער. נאָהענט פון דער מאלדאו, נים וויים פון דער נייער פּראג, געפינט זיך די דייטשע אוניווער־זיטעט און א פינף מינוט גאנג פון דאָרט וואוינט דער בעה־מישער שעקספּיער, יאראָסלאוו ווערכליצקי, דער בעגייסטער־טער, מענשענפריינדליכער און אידענפריינדליכער גרייז, דער בעשעפער פון דער נייער טשעכישער ליטעראטור און דער אי־בערזעצער פון מיינע לידער אין טשעכיש. צום בעדויערען פון גאנץ אייראָפּא איז ער יעצט געפעהרליך קראנק און מיין בע־זוך ביי איהם האט געמוזט זיין זעהר א קורצער. מאדאם ווער־כליצקי האָט געשיקט א ספּעציעלען מענשען צו מיין פאָרלע־זונג, וועלכער האט מיך געבעטען אום ענטשולדיגונג פארוואָס דער דיכטער קומט נים אין טהעאטער, ער איז פּאראליזירט און קען זיך קוים בעוועגען.

איינער פון די הויפּט וואונדער אין פּראג, וואָס יעדער דורכרייזענדער פערפעהלט נים צו זעהן, איז דער „אסטראָנאָ־מישער זייגער“, אויף דעם טהורם פון אן אלטע געביידע. א חוץ דעם, וואָס דער זייגער האָט א ציפערבלאט מיט פערשיע־דענע אסטראָנאָמישע צייכענס, אויף וועלכען מען דארף זיך פערשטעהן, האָט ער נאָך אנדערע מערקווירדיגקייטען. יעדעס מאָל, וואָס ער דארף שלאָגען, ערשיינען איינציגווייס איינע נאָך די אנדערע אלע צוועלף אפּאָסטאָלען. יעדער איינער

מאכט אן אנדער בעוועגונג, לויט זיין ראָלע אין דעם נייעם טעסטאמענט, דאן שלאָגט דער זייגער. א האָהן גיט א קריי און אלץ איז געענדיגט. יעדעם מאָל ווען דער זייגער דארף שלאָגען, פערזאמלען זיך מאסען מענשען, וואָס שטעהען און ערווארטען מיט אונגעדולד אויף דער קונסטפולער פאָרשטעלונג. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז אָבער, וואָס דער מייסטער, וועלכער האָט דעם זייגער געמאכט, איז געווען א בלינדער.

זיעבעךאון צוואנציגסטער קאפיטעל

אוניווערזיטעט־סטודענטען וואָס שטאָלצירען מיט „מאַ־מע־לשון“. — זיי זיינען צופיעל גוים ביי די חסידים און צופיעל אידען ביי די „דאַטשען“. די אייזענ־באַהן — אַ הקדש אויף רעדלאַך. — אַ מארק אויף כפרות.

XXVII

צו דער צייט, וואָס איך שרייב דיעזע ציילען, בין איך שוין דורכגערייזט גאנץ גאַליציען, בוקאָווינא און בעה־מען אין דער לייננ און דער ברייט. איך בין דורכגע־פאָהרען די קראָפּאַטען־געגענדען פון אַלט־פּוילען און די ערץ־בערג פון דער לעבעדיגער, בליהענדער בעהמען. מיין הויפּט פאַרלעזונג אין בוקאָווינא איז געווען אין איהר הויפּט־שטאָדט טשערנאָוויץ, דער זיץ פון דעם בישאָפ פון בוקאָווינא, וועמעס פּאַלאַץ עס איז איינער פון די רייכסטע און פּרעכטיגסטע געביידען אין עסטרייך.

זייענדיג אין טאַרנאָפּאָל, אַ שענע, אינטעליגענטע שטאָדט פון גאַליציען, האָט מיך דער „אקאדעמישער פעראיין יודישע קולטור וויען“, טעלעגראַפיש איינגעלאַדען נאָך טשערנאָוויץ.

דיעזער פעראיין בעשטעהט פון אידישע אקאדעמיקער אויס טשערנאָוויץ, וועלכע שטודירען אין וויען און קומען נאָר אויף וואקאציע אהיים. זייער קאמפף איז א דאָפּעלטער: פון איין זייט מיט דעם פערשימעלטען, קויטיגען חסידיזמוס און פון דער אנדער זייט מיט די וואָס שעהמען זיך וואָס זיי זיינען אידען. אמת, דיעזע יוגענד איז אליין אויך צוטיילט אין פערשיעדענע קלויזען און קלייזלאך, אבער אלעמענס שטרעבונג איז פאָרווערטס, צו דער ליכט פון זעלבסטבעוואוסטזיין און אלגעמיינע מענשליכע רעכטען. די גאליציאנער אידישע יוגענד האָט דאָס שוין אזוי וויט געבראכט, דאָס דער אלטער דור קריגט פאר איהר דרך ארץ און פאנגט זיך אָן מיט איהר צו בעריהמען. מען וויים, אז דער יונגער דור איז ניט רעליגיעז, אז ער בעשטעהט כמעט דורכאויס פון פריידענקער, אָבער זייגע נאציאָנאלע און סאָציאלע אנשויאונגען, זיין שרייען אין די גימנאזיעס און אוניווערזיטעטען „איך בין א איד און א מענש, איך בין א סאָציאליסט אָדער ציוניסט", דאָס צווינגט די אסימילירטע און פערפרומטע טאטעס זיך צו בויגען פאר זייערע קינדער און זיי אָבגעבען כבוד.

אזא בעגייסטערונג איז טאקע נאָר מעגליך אין די רעליגיעזע גאליציען און בוקאָווינא, די הויפט פעסטונגען פון דעם חסידיזמוס. דאָס זיינען לענדער, וועלכע האָבען קיין ריכטיגע בעשעפטיגונג פאר זייערע איינוואוינער און עס בלייבט נאָר איבעריג פאר די אונגליקליכע צו זוכען א גייסטיגע פערדורלענים. ווי וויים אידען פלאָגען זיך דאָרט קען מען זעהן ווען כ׳עין וואנדערט.

מען דארף פאָהרען אויף די גאליציאנער אייזענבאהנען

אזוי פיעל ווי איך אום צו זעהען די ביטערע אָרעמקייט פון דער אידישער בעפעלקערונג. אידען וואנדערען דאָ מעהר ווי גוים, וועלכע זיצען נאָך ווי עס איז אויף זייערע קבצן'סקע שטינקלאך ערד, וואס זיינען העכסטענס קוים גענוג דארט בעגראבען צו ווערען. די אָרעמע, ווינדזוכענדע אידען אבער שלעפען זיך פון שטעדטעל צו שטעדטעל, פרעגט וואס און ווען! די גאליציאנער אייזענבאהנען זייענען וואנד־לענדע הקדשים אנגעפאקט מיט קבצנים פון כל המינים. מיט דער איינציגער אויסנאהם פון אידישע רייזענדע אגענ־טען פון פערשיעדענע געשעפטס־הייזער, נעהמט דאָס אָן א מורא אָנצוקוקען דעם לעבעדיגען אידישען באגאזש פון דער פערפלוכטער דריטער קלאס. ביי יעדער סטאציע שלעפען זיך אריין גאנצע מחנות אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע אידען.

און מערקווירדיג, ווי די דאָזיגע אידען לעבען זאגבנ גאנץ פריינדליך מיט די פּראָסטע גוים, מיט די דאָרפישע פויערען, ווי זיי זיצען און שפאסען צוזאמען. פונקט ווי חברים... דער שטארקער, ריעזיגער, גלייכ־שטעהענדער פויער שטעקט אריין די באכמאטנע, אומגעלומפּערטע פינגער ביי דעם אויסגעוויקסטען קרומען חסיד אין טאבאקירקע און נעהמט א שמעק טאבאק. פאָהרענדיג אין צוג שטעה איך פיעל מאָל נע־בען אָפענעם פענסטער און קוק אויף די באָרוועסע פויערענ־געזינדען, מאזורען, אָדער רוטענער, ווי זיי שטעהען אויף זיי־ערע פעלדער און ארבייטען, און צווישען זיי שלעפּט זיך ווי א שאטען א לאנגער, דארער איד מיט א שטעקען אין האנד און א זעקיל אויף די פּלייצעס... ער שטעלט זיך אָפּטמאָל אָב נעבען א פויער, וועלכער שנייט היי אָדער אקערט, און טענה'ט

דאָרט איין מיט איהם, ער וויל איהם מן הסתם עפּעס פער־קויפען... דער גוי שטעהט א באָרוועסער גלייך און פעסט ווי א דוב, פול מיט פעלד־פרישקייט און גבורה, פונקט ווי ער וואלט געוועזן איינגעווארצעלט אין דער ערד, און דער איד אין דער לאנגער, שווארצער בעקעשע מיט א גארטעל ארום די לענדען, שטעהט אונזיכער און רעדט, און וויעגט זיך, און מאכט מיט די הענד סתם אין דער פרייער וועלט אריין...

די אנטיסעמיטען אגיטירען דאָ אז די גוים זאָלען מעהר ביי די אידען ניט קויפען. דעם אידישען סוחר און די אידי־שע סחורה האָבען זיי באָיקאָטירט. די פּוילישע אנטיסעמי־טישע פּארטיי האָט זייט עטליכע יאָהר געגרינדעט אן איי־גענע סוחר׳ישע געזעלשאפט, וואס פעריאָגט די אידען פון אומעטום און רויבט זיי דאָס לעצטע שטיקעל ברויט. די אי־דישע צוקונפט אין דיעזער פּוילישער העלע מיינט א ו י ס־ו ו א נ ד ע ר ע ן און די יוגענד מוסטירט זיך צו דעם, גע־וואוינליך וואָלט דער פויער בעסער געקויפט ביי א אידען, ער קען מיט איהם גרינגער אויסקומען ווי מיט זיין רעליגיאָנס־גענאָסענשאפטליכען הויט־שינדער דעם פּאָליאק, מיט וועלכען מען קען זיך ניט דינגען און מען מוז צאָהלען פיעל ער פער־לאנגט, אָבער דער אנטיסעמיט געהט האנד אין האנד מיט דעם פינסטערען גלח און צוזאמען פער׳מיאוס׳ען זיי דעם איד און פערדאמען זיין מסחר.

דער פויער און דער איד זיינען שוין זייט הונדערטער יאָהרען אזוי צונויפגעוואקסען אין איינעם, אז זיי פערשטעהען שוין איינע די אנדערע אויפ׳ן וואונק און קענען אפילו איינער דעם צווייטענס ימים טובים, אָהן א לוח. דיעזע כאראקטע־

ריסטיק קען מען צום בעסטען בעטראכטען אין די קלענערע שטעדט, וואו די אידען און די גוים האנדלען צוזאמען אויפ'ן מארק און זוכען איינער ביי דעם צווייטען צו קויפען מציאות. איך בעטראכט דיעזע כאראקטעריסטיק שוין זייט איינינע טעג אויף דעם מערקיל פון דער גאליציאנער שטעדטיל דראָהאָביטש, וועלכע האָט ביי אן ערך דרייסיג טויזענד איינוואוינער צווישען וועלכע עס געפינען זיך ביז פופצעהן טויזענד אידען, מעהרסטענס קרעמער, קרעמערלאך און סתם לופטמענשען, שטערענזעהער, וואס מאכען א לעבען פון זוכען דעם ווינד און פון שטעהן אין אבענד רעדלעך־וויז און קוקען אין גאָטס ווייטען הימעל אריין...

היינט איז א טאָג פאר ערב יום־כפור. די פוילישע און רומענישע פויערען פון ארום דראָהאָביטש ווייסען דערפון און קומען אויפ'ן מארק אָבנארען די אידען... מיט ערב יום־כפור'־דיגע־סחורה קומען זיי; מיט עופות אויף כפרות שלאָגען און האָניג פאר המוציא'ס... פון אלע זייטען מערקיל קומען זיי אָן, די „סוחרים". באָרוועסע מענער און פרויען. די מענער אין לייווענטענע פליודערען, איבער וועלכע עס העננט א גראָבער זאק, דאָס איז א מין העמד, און די פרויען געהען גאָר כמעט אין איין העמד. יעדער איינער פון זיי טראָגט אין א גרויסע טאָרבע, א קערביל, אָדער אונטערן אָרעם א הוהן, א האָהן, אָדער צו פאָר עופות. די עופות זיינען מעהרסטענס ווייסע, די פויערען ווייסען, אז כפרות שלאָגען איז א מצוה מיט ווייסע עופות... יעדער פויער אָדער פויערטע שטעהט שטייף און אזוי ווי „אָנגעבלאָזען", ברוגז'לאך, זיי מאכען זיך הארט, האלטען זיך יחסנ'דיג מיט זייער סחורה און קוקען גאָר די קונים ניט

אָן. אידען, אידענעם און ווייבלאך דרייען זיך ארום, כלומרש'ט ווי זיי ווילען ווייעדער אויף די גוים ניט א קוק טאָן, ווי זיי זוכען דעם נעכטיגען טאָג. אבער די פויערען זיינען ניט קראנק אויפ'ן שכל, זיי פערשטעהען דאָס און עס ארט זיי ניט. זיי ווייסען, אז סוף כל סוף וועט מען מוזען אָנקומען צו זיי. און די פויערען האָבען רעכט. דאָ און דאָרט טוט א איד, אָדער א אידענע ווי צופעליג א טאפּ א הוהן צי א האָהן, פערקרימט זיך אונצופריעדען און געהט אוועק. דער פויער, צי די פויער־טע טוט א מורמעל אונטער די נאָז, קרימט איבער די פער־קרימטע און בלייבט שטעהן נאָך שטייפער ווי פריהער. לאנג אָבער האלט די פאנטאָמינע ניט אָן, ביסלעכווייז הויבט מען זיך אָן דורכצודינגען און זיך ניט בעדינגענדיג געהט מען פאַ־נאנדער. אָבער אָט דער פאנאנדערגאנג איז אויך נאָר א פאנ־טאָמינע. דען מאנכע קליגערע גוים ווייסען, דאָס אויב זיי ווע־לען זיך האלטען צו־טייער וועלען די אידען גאָר ניט קויפען און וועלען שלאָגען כפרות מיט געלד... געלד איז די איינציגע פּראקטישע כפרה פאר א אידען, מיט געלד קען ער זיך גיכער אויסקויפען פון זיינע חטאים ווי מיט דעם בעסטען כפרה־האָהן... די אידען אָבער טרויען ניט איינער דעם צווייטען און האָבען מורא „אויב איך וועל ניט קויפען וועט קויפען אן אנ־דערער" און דער מארק פאנגט זיך אָן מיט אן אמת. אָט רופט צוריק א גויה א חסיד און א אידענע א רוטענער פויער, די ריכטיגע מעשה הויבט זיך אָן ביי'ם בעצאָהלען. דער גוי קוקט איבער יעדער גרייצער הונדערט מאָל. ער קעהרט איהם איבער ווייעדער און ווייעדער און צעהלט און צעהלט צו זעהען אויב דער איד האָט איהם ניט אָבגענארט...

א טייל פון די פויערען לאָזען איבער די פּאָר קרייצער אין שענק. דער איד געהט כפּרות שלאָגען און דער פויער וואַקעלט זיך אַ שכור'ער צוריק אין זיין דאָרף אריין, שילטענדיג דעם אידען וואָס האָט ביי איהם צוגענומען ביז'ן לעצטען קרייצער...

אכט־און צוואנציגסטער קאפיטעל

באריסלאוו, די קעראסין שטעדטעל, און איהרע אידישע שטיקלעך ראקאפעלערס, זיי שפעקולירען אויך אויף די „פעטקייט פון דער ערד", א טייל זיינען זיי געווארען גבירים, אבער א טייל זיינען געבליעבען ביי א בעטעלזאק, — אר־ בייטער ליעגען אימער אין דר'ערד.

XVIII

מיין לעצטע פארעלזונג אין גאליציען איז געווען אין דער קליינער אבער זעהר ריינער און שענער שטעדטעל סטריא.

מיט איין טאג פריהער האב איך געלעזען אין א מקום, וואס הייסט באריסלאוו, דאס בראנזוויל פון גאליציע: פול מיט מיקראסקאפישע ראקפעלערס און בלאטע...

מיט דער אויסנאהם פון באקו, אין קאווקאז, איז באריס־ לאוו דער גרעסטער אוצר פון פעטראליום אין דער וועלט. מי־ ליאנען אייזערנע פעסער (סיסטערנעם) מיט קערעסין־עהל ווע־ רען ארויסגעפיהרט מיט דער אייזענבאהן פון באריסלאוו נאך פערשיעדענע לענדער. איהרע הונדערטע נאפטא־גרובען, וועל־

בע שטעהען אויפגעטורעמט אין דער הויך און גיעבען דאָס גאנצע שטעדטעל א מערקווירדיגעס אויסזעהן, ארבייטען טאָג און נאכט אָהן אויפהער. פיעלע פון דיעזע עהל־מינעס, וואָס מאכען רייך זייערע אייגענטימער, שיסען ארויס זייער קאָסט־בארע פליסיגקייט פון דער טיעפסטער טיעפענים פון דער ערד. פון שווארצען בוזים פון די קארפאטענבערג שטרעמט ארויף דאָס ניט־רעפענירטע עהל אין דער הויך מיט ריעזען־מאכט און פילט אָן די הונדערטע ספעציעל געבויטע רעזערוואוארען און בעשפריצט אין זיין אונבעשרייבליכען לויף גאנצע שטרעקעס פעלד ארום. די לוזשעס, בלאָטעס און זומפען, וואָס זיינען פול אין באָריסלאוו און די ארומיגע געגענדען, זיינען עהל, טייערע קעראָסין עהל, די שמאלץ פון די בערג, וואָס בעלייכט די וויי־טעסטע און פערוואָרפענסטע געגענדען פון ציוויליזירטע און האלב־ציוויליזירטע מדינות.

אָבער אויסער נאפטא־גרובען האָט אויך באָריסלאוו וואקס־גרובען, דאָס איז אזא מין געלע, פעטע בלאָטע פון וועלכע עס ווערט געמאכט די ווייסע סטעארין ליכט. די באָריסלאווער גרובען זיינען יעצט בעקאנט אין דער גאנצער ברייטער וועלט. איין זאך, וואס איז אפשר ניט אזוי גענוי בעקאנט, איז די הי־מעל־שרייענדע נויט פון די דאָרטיגע אידישע ארבייטער, וועלכע פערגעהען אין א ים פון עלענד, הונגער און פערצווייפלונג. איך האָב צוזאמען מיט א אידישען בערג־אינזשיניר און א פּאָר פריוואט פריינד בעזוכט די גרובען, וואָס פּראָדוצירען פיעל עהל. איך האָב געזעהן ווי מענשען לעבערען דאָרט דאָס הארץ פון די בערג אויף וויאָרסטען טיעף אונטער דער ערד; ווי מען לאָזט אריין הונדערטער, קלאפטער־לאנגע, שארפע, שטאָלענע

שפיזלען, אויפגעטורעמס איינע אויף די אנדערע אין דער נאָך־לעבעדיגער ברוסט פון דעם אלטען פּוילישען באָדען און ווי דאָס „בלוט" זעצט ארוים ווי פון טויזענדער צאַפּענס...

אזוי ווי אין „אונזער" בראַנזוויל זיינען אויך אין באָ־רי־סלאוו א סך פראַסטאַקעס רייך געווארען קויפענדיג „לאטס", שטיקלאַך ערד, וואו זיי האָבען געפונען רייכע וואקס־גרובען, אדער נאפטאַ־גרובען. א סך פון אָט די אויפגעקומענע זיינען אויך דורך זייערע שפעקולאציעס אָבגעבראָכען געוואָרען און געהען יעצט אין באָריסלאוו אין די הייזער... די וואָס האָבען געהאט שכל ניט צו טרויען דער פאלשער ערד און האָבען פער־קויפט זייערע גרובען בעצייטענס, כל זמן זיי האָבען נאָך גע־שטרעמט מיט עהל, האָבען אָנגענומען שווערע סומען געלד און באַלעוועט זיך יעצט אין וויען, בודאפעסט אָדער פּאריז. די אָבער, וואָס האָבען געגלויבט אז זייערע ברונענס וועלען זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּען און די בערג וועלען שטעהן מיט פולע איימערס פאר באָריסלאווער שפעקולאנטען, האָבען געמוזט אי־בערלאָזען זייערע אויסגעטריקענטע מינעס און זיך אוועקשלע־פען מיט דאָפעל־ברייסטיגע טאָרבעס דורך די בלאָטעס אין דער וויטער וועלט אריין.

איך האָב פון די באָריסלאווער בלאָטעס אויך טרוקען ניט אָבגעשניטען, און איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען דעם אבענד פון מיין פאָרלעזונג, ווען דער הימעל האָט נאָך אריינגעגאָסען א נייעם ים בלאָטע אין באָריסלאוו. דאָרט רעגענט דאָס שוין מיט פארטיגע בלאָטע. צו מיינע צרות האָב איך זיך אויף א ווייל פערגעסען וואו איך בין און האָב געהייסען דעם שייגעץ ער זאָל מיר אָבפּוצען די שיך, איך זאָל ערשיינען אויף דער

ביהנע מעשה מענש. דער שיינעץ האָט מיך אויסגעהערט און האָט א שמייכעל געטאָן. דאן האָט ער אויף מיר א קוק גע־טאָן אָן א זייט ווי אויף א משוגענעם. די גאנצע צייט, וואָס ער האָט געפּוצט די שיך האָט ער ניט אויפגעהערט לאכען און זיך שטיקען אין זיך. איך האָב איהם ערשט פערשטאנען ווען איך האָב א קוק געטאָן אויף מיינע געפּוצטע קאמאשען אין א האלבע שעה שפּעטער, אין דעם „קאָנצערט־זאל"... איך בין אפילו ג ע פּ אָ ה ר ע ן צום „זאל", א דראָשקע האָט געוואַרט אויף מירביים טויער פון הויז, וואו איך האָב לאָזשירט; דאָך, די עטליכע טריט פון הויז צום דראָשקע האָבען אזוי פערענדערט דעם שיינענדיגען פּנים פון מיינע שיך, אז איך האָב זיי קוים דערקענט. איך האָב ערשט דאן צום ערשטען מאָל אויסגעפונען, אז די רייכסטע בלאָטע איז אויך שמוציג... צום ערגסטען איז אָבער געווען דאָס שטיקעל וועג פון דראָשקע צום זאל, נאָר וואָס טוט גאָט? נעמט מיך דער פורמאן אויפ'ן פּלייצע און טראָגט מיך דורך א הינטער וועג גלייך אין „זאל" אריין. אין באָריסלאוו פעהלען אָבער ניט קיין לצים, חברה האָבען דאָס דערזעהן און האָבען מיך אפּלאָדירט ביי'ם בעל עגלה אויפ'ן פּלייצע נאָך איידער איך האָב בעטרעטען דעם „זאל". איך וויים אייגענטליך ניט ווענען באָריסלאווער ווייסע חברה־ניקעס האָבען אפּלאָדירט, מיך, דעם פורמאן אָדער די בלאָטעס. איך ווייס נאָר, אז איידער די פאָרלעזונג האָט אנגעפאנגען, האָט מען מיר געמוזט ברייגנען א פּאָר ריינע שיך און אנדערע בגדים, אזוי קאָמיש האָב איך אויסגעזעהן.

ווען איך בין ערשיענען פאר'ן עולם האָט מען מעהר בע־וואונדערט מיינע שווארצע שיך און ריינע הויזען, ווי מיין פאָר־

לעזונג, און ווען מען האָט מיך אפּלאָדירט האָט זיך מיר אלץ געדוכט, דאס איך הענג ביים פורמאן אויפ'ן פּלייצע און האָב געציטערט ער זאָל מיך ניט ארונטערוואַרפען אין די באָריס־לאווער גליקען...

באָריסלאוו האלט אין איינזינקען, דאָס איז ניט קיין מליצה נאָר א'ן אמת. העכסטענס וואָס א הויז קען דאָרט שטעהן איז פיער אָדער פינף יאָהר, אויפ'ן זעקסטען יאָהר איז עס שוין מעהר קבר ווי הויז. צושרייבען קען מען דאָס צו דריי זאכען. ערשטענס איז דאָרט דער גרונט זעהר פעט און ווייך און קען אויף זיך קיין שווערע משא לאנג ניט האלטען, צוויי־טענס איז דאָס גאנצע שטעדטעל אונטערגעגראָבען פון די וואקס און נאפטא מינעס און איז אויך פול מיט אייזערנע רעהרען, וואָס ציהען זיך פון די גרובען מיילען ווייט נאָך פערשיעדענע ריכטונגען, איבערהויפּט נאָך די הונדערטע עהל־רעזערוואַרען, וועלכע זיינען געבויט אויף די פעלדער ארום, און דריטענס, — יאָ, דריטענס האָט באָריסלאוו א אידישען בירגערמייסטער (סיטי מעיאָר)...

בעשערט געווען מיר זיך צו בעקענען מיט די גאליציאַנער אינדוסטריען אין די לעצטע עטליכע טעג פאר מיין פערלאָזען דאָס לאנד. מיט אייניגע טעג פריהער פון מיין קומען נאָך באָריסלאוו, האָב איך בעזוכט די קליינע זאלץ אינדוסטריע פון דראָהאָביטש, א האלבע שעה רייזע פון באָריסלאוו. איך בין געווען אין דער קייזערליכער זאלץ־פאבריק פון דראָהאָביטש און האָב געזעהן ווי די נאטירליכע קוואלען פון געזאלצענע וואסער־ווערען דורך דאָס קאָכען פון די דאָזיגע וואסער פערוואנדעלט אין זאלץ. דער סופּעראינטענדענט, א יונגער פּוילישער קריסט,

וואָס שטודירט די ענגלישע שפּראַך, האָט מיך — אַ דאַנק די דראָהאָביטשער אידישע מיליאָנערען־פאַמיליע לינדענבוים — אַרומגעפיהרט אין יעדער ווינקעלע פון דער גרויסער פאַבריק און פערטרויט מיט יעדער אייניצעלהייט. איך האָב געזעהן ווי מענשען אַרבייטען דאָרט ווי שדים, ווי זיי צאַפּלען זיך, ווי זיי ליגען אַוועק זייערע קרעפטען לאַנגע שטונדען אין מעת לעת, ווי זיי ווערען בלייך און אָבגעלעבט פאַר דער צייט אין דער געזאַלצענער טרערען־אַטמאָספערע, פון וועלכע די רעגיערונג שעפּט אוצרות מיט געלד. ווי איך האָב פריהער בעמערקט, איז דאָס בלויז די קליינע זאַלץ־אינדוסטריע. די גרויסע זאַלץ מינעס, די גרעסטע אין דער וועלט, געפינען זיך אויך אין גאַליציען, אין ווילימשקא און באָחניא, וועלכע ליגען צווישען קראָקע און דער פּראָווינץ מעהרען. דאָרט ווערט דער רייסטער שפּיגעל־זאַלץ געהאַקט פון די בערג. דאָס איז דאָס בעקאַנטע שטיין־זאַלץ, וואָס ווערט פערניצט אין מיליאָנען פערדען. אָבער אויך דיעזע זאַלץ־גרובען געהערען דער קרוין. יאָ, גאַליציע האָט צו פיעל רעגיערונגס־זאַלץ, דערפאַר ברענט איהר אַזוי שטאַרק אויפ'ן האַרצען און איהר פאָלק לויפט מיט אַזאַ האַסט צום אָקעאַן... אין אַמעריקאַ האָט דאָס כאָטש געגוג וואַסער...

ווי בעקאַנט, זיינען באָריסלאַוו, דראָהאָביטש, ווילימשקא און באָחניא די איינציגע ערטער אין גאַליציען, וואָס פּראָדוצירען, וואָס שאַפען. עס איז זיכער דאָס דער גאַליצישער באָדען איז פול מיט אונשעצבאַרע מאַטעריאַלען, ווער ווייס וועלכע קאָסטבאַרע מינעראַלען און מעטאַלען; וועלכע אונענטדעקטע רייכקייטען עס שלומערען אין בוזים פון די

מעלאנכאָלישע מיט נעבעל־בעדעקטע קארפּאטען. דאָך, באָדט זיך נעבעך די גאַליציאַנישע בעפעלקערונג אין א אייביגען דלות און לויפט זוכען ברויט אין אנדערע לענדער, ווייל עס פעהלט אין פּוילען דער אונטערנעמונגס־גייסט. דער פּוילישער שליאַכ־טא, וואָס האָט גרויס פערמעגען אין גאַליציען, צעהנדליגע מייּ־לען מיט וואלד און פעלד, דערפער און שלעסער, לאָזט בעאר־בייטען זיין לאנד פון אָרעמע פּויערען און ער אליין הולטעוועט אין פּאריז, אין מאָנטע קארלאָ, און דער אידישער קאפּיטא־ליסט איז מעהרסטענס א פּראָצענטניק, וואָס נעמט צו פון די אָרעמע ארבייטער דאָס, וואָס די קריסטליכע אויסבייטער לאָזען זיי איבער. א סך גאַליציאַנער אידען, פרומע אידען, זיינען געבאָרענע וואוכערניקעס.

לאה ראָזען

ווער און וואָס זי איז.

מיין נאָמען איז ראָזען — האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט א שוואַך, נידעריג אידעל פון מיטעלען עלטער אין דעם נאַסט־זאל פון האָטעל נאַציאָנאַל אין וויען — איך האָב געזעהן אין די „נייע פרייע פרעסע", האָט ער ווייטער געזאָגט, דאָס איהר וועט צוזאמען מיט זאָנענטאַלען האָבען א פאַרלעזונג אין דעם מוזיק פעראיינס־זאל פון קאָנסערוואַטאָריום, האָט מיך מיין טאָכטער לאה געשיקט זאָגען דאָס זי וואָלט אייך א טובה געטאָן און מיטגעווירקט אומזיסט אין דיעזען אבענד. איהר קענט דאָס נאָך יעצט אנאָנסירען.

ווען דאָס אידעל האָט אָבגערעדט, האָב איך אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר פערוואונדערטע אויגען, בעקוקענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס.

הערט א'ן איינפאל!

זאָנענטאל, דער בעריהמטער ביהנען־מייסטער, נעהט אויפ־טרעטען מיט מיר צוזאמען אויף דער ביהנע, דארף איך נאָך האָבען עפּעס א לאה ראָזען זאָל מיר א טובה טאָן און קומען מיטווירקען אומזיסט. „דאָס איז ניט קיין מיאוס'ע טובה",

האָב איך געטראכט, „א קליינינקייט דאס איז אביסעל! איך דארף דאָס זעהר נויטיג". דאָך פון העפליכקייט וועגען האָב איך זיך געווענדעט צו דעם זעלטענעם שליח מיט דער שאלה:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ר' איד, ווער זייט איהר און ווער איז אייער טאָכטער לאה, וואָס איז ליעבענסווירדיג צו וועלען מיטווירקען אויף מיין פאַרלעזונגס־אבענד אומזיסט? אין וואָס אייגענטליך זאָל איהר מיטווירקען בעשטעהן?

קוים איז דאָס לעצטע וואָרט געהאנגען אויף מיינע ליפען, האָט דאָס אידעל געכאפט די פיס אין די הענד און איז ארויס־געלאָפען פון האָטעל.

— עפעס א משוגענער, א „קריינק", האָב איך געקלערט, וויען האָט געווים איהרע משוגעים און צודרייטע נפשות פונקט ווי נויארק, און דיעזער אידעל מוז זיין איינער פון זיי. איך בין דאן צוגעגאנגען צו א יונגען מאן, וואָס האָט אויף מיר גע־וואָרט אין שרייב צימער און האָב איהם האלב אין שפאס, האלב אין ערנסט געפרעגט.

„זאָגט מיר, מיין הערר, האָט איהר שוין געהערט אמאָל דאָ אין וויען פון א לאה ראָזען? עפעס א מין אידעל פון א גאנץ יאהר האָט זיך פארגעשטעלט אלס איהר פאָטער, דער־צעהלענדיג מיר, אז זיין טאָכטער וויל מיר א טובה טאָן און מיטווירקען אויף מיין אבענד. ער מוז געווים זיין עפעס א צודרייטער".

— חלילה! איז דער יונגער מאן אויפגעשפרונגען, חלילה! ער איז זיכער געווען הערר ראָזען, לאה ראָזען'ס פאָטער. וואויל, וואויל ווי די וועלט וואָלט דאָס זיין זי זאָל מיטווירקען צו אייער אבענד. דאָס איז א גרויסע עהרע, א גרויס געווינס אין

קונסט און געלד. לאה ראָזען איז בעריהמט, זי איז די בע־ליעבטעסטע פּערזאָן אין וויען.

וואו איז איהר פאָטער? רעדט מיט איהם!.. .

איך בין געבליעבען פערוואונדערט און איידער איך האָב נאָך געעפענט די ליפען צו ריידען, צו פרעגען ווער לאה ראָזען איז, האָט דער יונגער מאן ווידער געזאָגט:

— מיר איז א חידוש איהר זאָלט ניט האָבען געהערט פון לאה, אָדער ווי זי הייסט אין דייטש, ליא ראָזען, זי איז איינע פון די גרעסטע וואונדער פון אונזער צייט. ערשט ניט לאנג צוריק האָבען די גרעסטע קריטיקער פון וויען איהר אריינגע־הויבען אין זיעבעטען הימעל.

מיין ענטשולדיגונג איז נאטירליך געווען, דאָס איך בין אין גאנצען צוויי טעג אין וויען און האָב נאָך קיין געלעגענהייט געהאט צו הערען פון אלע וויענער בעריהמטהייטען. איך האָב איהם דארום געבעטען ער זאָל מיר דערצעהלען ווער לאה ראָזען איז און ער האָט מיר דערצעהלט:

— ליא ראָזען, — האָט דער יונגער מאן אָנגעפאנגען, — איז א קינד פון גאליציאנער אידישע עלטערען. איהר פאָטער און מוטער האָבען דאָ איינגעוואנדערט מיט איהר פון טשער־נאָוויטש. אָט דער אידעל, וואָס איהר האָט געזהען, איז הערר ראָזען, ער האנדעלט מיט טאשען־זייגערלעך און איז אן אינטע־ליגענטער, בכבוד'ער אָרימאן, זיין גאנץ עשירות איז זיין טעכ־טעריל, זיין לאה.

און וואָס איז דער וואונדער וואָס ער איז אויף איהר אזוי שטאָלץ און וויל, אז די גאנצע וועלט זאָל איהר קענען? זי איז א ציערונג אין עסטרייך'ס רעזידענץ שטאָדט; דער עדעלסטער

בריליאַנט אין דער קרוין פון וויענער דראַמאַטישער קונסט.

זי איז א שוישפּיעלערין, א מיטגליעד אין דעם פּערסאָ־נאַל פון היגען קייזערליכען טהעאַטער, וואו זאָנענטהאַל איז אוי־בער־רעזשיסער. זי טרעט אויף אין די שווערסטע ראָלען פון שילער'ס, שעקספּיער'ס, הויפּטמאַן'ס און איבסען'ס שטיקער. עס איז די אַלגעמיינע מיינונג, אז זי איז גרעסער ווי די איטאַ־ליענישע עלעאָנאָראַ דוזע און ווי סאַראַ בערנהאַרד.

די צייטונגען דאַרפען נאָר מעלדען ווען ליא ראָזען שפּיעלט און דער האַפּבורג טהעאַטער איז אויספּערקויפט ביז דעם לעצ־טען ביינקעל.

„זי איז דאָס וואונדער קינד פון אונזער יאָהרהונדערט", איז מודה אפילו דער האַפּשוישפּיעלער גרעגאָרי, פּראָפעסאָר אויף דראַמאַטישע קונסט אין היגען קאָנסערוואַטאָריום, א פער־דעקטער, געפּולירטער אנטיסעמיט.

וויען איז א נעסט פון אידענפיינדשאַפט, די וויענער אנ־טיסעמיטישע בלעטער שטעלען זיך ניט אָב פאַר קיין לומפּעריי. זיי אַטאַקירען צו יעדער געלעגענהייט אידישע קונסט און קינסט־לער צוויי אידישע זשעניען וואגען זיי אבער ניט צו בע־ליידיגען, אדאָלף זאָנענטהאַל און ליא ראָזען. די לעצטע ווערט שטענדיג געלויבט, איהר יעדער אויפטריט אויף דער ביהנע איז א טריאומפף, א דעמאנסטראַציע פיר אידישע גאונות.

— איך בין איבערראַשט און ערשטוינט, האָב איך אויס־גערופען מיט די גרעסטע פערוואונדערונג. איך האָב גאָר ניט געוואוסט וואָס מיר פערמאָגען, וואָס פאַר א זעלטען קינד אונ־זער פאָלק בעזיצט.

— און פערגעסט ניט נאָך א זאַך, — האָט דער יונגער

מאן צוגעזעצט, — פערגעסט נים, אז דיזע גרויסע קינסט־לערין איז נאָך זעהר יונג, ערשט אין גאנצען 19 יאָהר.

— וואונדער איבער וואונדער!

— און פערגעסט נים נאָך א זאך, טאקע די הויפט־זאך: דאָס מיידעל איז צום בעדויערען זעהר קליין געוואקסען, זי זעהט אויס ווי א קינד פון צעהן יאָהר. יאָ, זי איז זעהר, זעהר קליין. דער טהעאטער האָט זיך שטארק גע־עצה'ט אויף א בע־זונדערען מיטינג, אויב מען זאָל אזא קליינע פרויענצימער אריינגעהמען אין דעם אנסאמבעל פון אזא וועלט־טעאטער. אָבער איהר גייסטיגע גרויס האָט בעזיעגט איהר קערפערליכע מאָאָס. די פרעסע, די קריטיק האָט דעם טהעאטער געהאָלפען שנעל קומען צום ריכטיגען בעשלוס, און ליא ראָזען פילט יעצט אויס די עהרענשטעלע צו וועלכע איהר זשעני האָט איהר בע־שטימט.

די גאנצע זאך האָט מיר געקלונגען פרעמד און איבער־ראשענד.

אָרעמער, רייכער פאטער! האָב איך אויסגערופען, ווי ווערה האָט איהם געמוזט טאָן מיין פראגע, ווער זיין טאָכטער איז! איך האָב זיך דערוואוסט, אז ער קומט זעהר אָפט אין קאפע־כאציאָנאל פון דעם האָטעל וואו איך וואוין. איך האָב איהם אויפגעזוכט און איהם געבעטען אום ענטשולדיגונג, געדריקט היים און ליעבליך זיין האנד און בעשטימט א צייט ווען ער זאָל מיך פאַרשטעלען פאר זיין טאָכטער.

ער האָט מיר ענטשולדיגט און זיך פערענטפערט.

איך לאָז מיר בעסער שניידען דאָס לייב, — האָט ער גע־

זאגט, — איידער צו הערען דאס אין וויען געפינט זיך א מענש, וואס האט ניט געהערט פון מיין קינד.

ער האט דאס גערעדט מיט אזא פייער אז זיין יעדעס ווארט האט מיר גענומען ביי דער נשמה. מיר האבען זיך ענדליך ביידע אויסגע'טענה'ט און אויף מארגען האט ער מיך געפיהרט צו זיך אהיים.

דאס איז געווען א קאלטער הערבסט מארגען. מיר זיינען געגאנגען פארביי דער דאנאו, וועלכע האט געטריבען איהר גרינעם וואסער מיט א נערוועזע געשווינדקייט. הערר ראזען האט מיך אריבערגעפיהרט איבער איינעם פון די בריקען און קומענדיג ניט ווייט פון זיין הויז האט ער זיך צו מיר געווענדעט מיט די דאזיגע ווערטער:

— מיר זיינען שוין באלד נעבען מיין הויז. איך בעט אייך, טייערער פריינד, זאגט ניט מיין טאכטער אז זי איז קליין. זי נעמט זיך דערפון דאס לעבען אוועק. עס קאסט מיר שוין אן אייגענס. אלע פראפעסארען פון וויען אויסגעפרעגט, ניטא קיין מיטעל, פארפאלען, זי קען מעהר ניט וואקסען. דאס האט געקענט זיין די גרעסטע אין דער וועלט... זי איז די גרעסטע... א, זי איז זעהר גרויס, איהר דארפט איהר זעהן שפיעלען, איהר דארפט איהר זעהן אין הויפטמאן'ס האנעלע!...

אזוי ריידענדיג זיינען מיר אריין אין הויף, ארויף אויף די טרעפען און זעה! ווער קומט אונז אנטקעגען? ליא ראזען!

— אט דאס איז מיין טאכטער! האט דער ארעמער פא־טער אויסגעשריען מיט א פרייד, אט דאס איז מיין ליא, מיין לאה'לע.

באלד האב איך געהאלטען אין מיין האנד די צארטע,

ליעבע האנד פון א יונגעס, אונשולדיגעס קינד. צארט, שוואך, ווייך און קינדיש איז די קליינע האנד געווען, קוים גלויבליך, אז זי קען זיין אזוי דראמאטיש אויף דער גרעסטער ביהנע פון איירא̈פא.

ליא הא̈ט מיך ארייגעפיהרט ביי זיך אין צימער, דער פא̈־טער הא̈ט אונז געלא̈זט אליין. נא̈כדעם ווי איך הא̈ב מיט איהר גערעדט צוויי, דריי מינוטען, הא̈ט זי זיך א̈בגערופען צו מיר מיט א הערץ־ברעכענדע שטימע און א מין נערוועזיטעט:

— איהר זייט געווים איבערראשט צו זעהן ווי קליין איך בין. איך ווייס, איך בין קליין־געוויקסיג, און ריידענדיג הא̈ט זי מיר געקוקט מיט איהרע גרויסע, פייערדיגע אויגען גלייך אין פנים.

— ליעבעס קינד, — הא̈ב איך געזא̈גט מיט א טיעפען רחמנות, — ליעבעס קינד, וואס רעדט איהר פון קליינקייט ווען איהר בעזיצט אזא גרויסע נשמה. אייער זשעניע הא̈ט אריבערגעפליעגעלט אייער קערפער. וואס געהט אייך א̈ן וואס איהר זייט קליין פא̈רצושטעלען גרויסגעוואקסענע מענשען ווען איהר זייט גרוים גענוג צו מאכען קליינ־געוואקסענע גרויס.

די קליינע לאה הא̈ט א קלוגען שמייכעל געטא̈ן.

א מעת לעת אין בודאפעסט

דער אונגארישער פאטריאָטיזמוס פאנגט זיך אָן מיט א הונגער, מיט א ווילדע זשערנעקייט באלד אין וויען אויף דעם שטאאט־באהנ־האָף. ווי גיך מען געהט דאָרט אריין אין ווארט־זאל איז מען שוין אין אונגארן. מען איז שוין גע׳שמד׳ט אויף אַן אונגאר מיט׳ן קויפען דעם בילעט. גלייך אין ווארט־זאל בעמערקט מען די קאלטע גלייכגילטיגקייט צו אלץ וואָס איז ניט אונגאריש, איבערהויפט צו דייטש. א סך אונגארען קענען דייטש, אבער זיי ווילען ניט גערען ענט־פערען ווען מען פרעגט זיי עפּעס אין דיעזער שפּראך. עס איז כמעט אונגלויבליך, דאס דיעזע שאָוועניסטען מיט איין אזיא־טישן לשון אין מיטען איירָאפּא זאָלען האָבען א דייטשען קעניג און זאָלען איהם נאָך ליעבען דערצו. דער אמת איז אָבער, אַז זיי ליעבען איהם דאָך... דען זאָנסט וואָלט ער זיי צובראכען די ביינער... מעשה שהיה!

ווי בעקאנט, האָבען די איבעריגע נאציאָנאליטעטען, וועל־כע געהערען טהיילוויז אָדער אין גאנצען צו עסטרייך, אויך ניט זעהר שטארק ליעב זייער קיסר׳ס מאמע־לשון, אָבער דאָך זיינען אויף די אייזענבאהנען און אויף די באהנ־האָפען פון די פערשיעדענע לענדער געשריעבען אין צוויי שפּראכען: די פראַ־

ווינצ־שפּראך און די אָפיציעלע שפראך פון עסטרייך—דייטש; אונגארן אָבער איז א קעניגרייך פאר זיך און אלץ איז דאָרט אונגאריש אפילו דער סידור... אונגארן וויל נים זיין איינע פון די קאָלירטע שטיקלאך שטאָף, פון וועלכע די קאָלדרע פון דער עסטרייכישער רעגיערונג איז צונויפגעשטעפּט; זי וויל זיין א קליינע קאָלדריצקע פאר זיך, ביז א געוויסען גראד איז זי דאָס דאָך, אָבער איהר פאָלק קען זיך אונטער איהר נים אין גאנצען דערוואָרעמען, דען ווי דאָס זאָל ציהען די קאָלדרע בלייבט אלץ איין חלק נאקעט און הויל, דאָס רוב איז דאָס דער הינטער־חלק... יאָ, מיט דעם גאנצען שטאָלץ פון דער מאדיא־רען־לאנד ליעגט דאָרט אָפּט דאָס פאָלק אין א זעהר קאָמיש־טרויעריגער פּאָזע און ווילענדיג, נים ווילענדיג מוז עס זיך דאָך צוטוליען צו עסטרייך אום צו פערדעקען, וואו עס איז נאקעט... למשל, אינדוסטריע, דאָס איז א זאך וואָס אונגארן האָט נים און מוז אָנקומען צו איהר קעניג׳ם קייזעררייך. אמת, אונגארן איז א מלוכה פאר זיך מיט אן אייגענעם פּארלאמענט, מיט אייגענע סקאנדאלען, אייגענע אדעלליים און אייגענע קבצנים, זי האָט נאָר מיט עסטרייך „שותפות׳ע“ מיליטער, נאָר דאָס מיליטער בעלאנגט געוואוינליך צום קעניג און דער אונגארישער קעניג איז דער עסטרייכישער קיסר... ווען איך בעטראכט דאָס אלץ, זעה איך די שטאָלצע אונגארן אונטער איין טלית מיט די רומענען, פּאָליאקען, סלאָוואקען, קראָאטען, טשעכען, מעהרא־ניטען, באָסניאקעס, הערצעגאָווינער, איטאליענער, סערבען, טערקען און דעלמאטינער, און פראנץ יאָזעף זאָגט מיט אלעמען איין „מלאך הגואל“...

דאָס אלץ זאָגט אָבער נים, דאָס אונאגרן האָט נים מיט

וואָס שטאָלץ צו זיין און זיך ריהמען פאר לייטען. איהר בור־דאפעסט פערשענט דעם איירָאָפּעאישען קאָנטינענט און איז אויסגעגאָסען ווי א כשוף אויף א געבענשטע שטק ערד, וואָס רופט ארוים הייליגע בעגייסטערונג און לוסט צום לעבען. אי־בערראשענד שען איז די אָנקונפט אין בודאפעסט ביינאכט, ווען די מאסען עלעקטרישע ליכט פון די פיעלע ערהאבענע בריקען שלאָגען זיך אָב אין דעם גרינ־גלאטען שפיגעל פון דער טרוימענדער דאָנאו, וועלכע פליסט מאיעסטעטיש צווישען בור־דא און פעסט און זעהט אוים ווי אן אויסגעשטערענטער הימעל אויף דר'ערד! צו דער צייט פון מיין קומען אין דער אונגארי־שער רעזידענץ־שטאָדט איז דאָרט גראָד געווען דער קעניג און זיין שלאָס האָט אראָבגעקוקט מיט הונדערטע ליכט פון דעם הויכען פעלזענבארג איבער דעם מיטעלסטען הענג־בריק פון בור־דאפעסט. זאָנסט קומט דער קעניג ניט גאנץ אָפט און פער־בלייבט ניט זעהר לאנג אין אונגארן, יעצט אָבער לעבט עסט־רייך דורך א קריטיש־צאצקעדיגען מאָמענט: — סערביען'ס סטראשונקעס פאר'ן איינשלינגען באָסניען און הערצעגאָווינא, און צוויי יובילעאומס: — קיסר פראנץ יאָזעף'ס הויכע אלט־קייט און זיין זעכציג־יאָהריגע הערשאפט. אין אזא מאָמענט מוז מען אביסעל א קיצעל טאָן די אונגארען, וועלכע, האָבענדיג אין זיך אזיאטישען טעמפעראמענט, זיינען זעהר עמפפינדליך און קענען זיך לייכט בעגייסטערען... אונגארן האָט סתם זעהר פיינד די סערבען, וועלכע חבר'ן זיך און האָבען א געמיינזאמען לשון מיט די קראָאטען און באָסניאקעס, ווייל קראָאציען בע־לאנגט איינענטליך צו אונגארן און סערביען זוכט אין די קראָא־טען צו ערוועקען דעם סלאווישען פאטריאָטיזמוס און נאָך

מעהר — זאָגאר ליעבע צו רוסלאנד. די באָבע מאָסקווא האָט זעהר פיעל פאטריאָטען צווישען די סלאווישע פעלקער פון דעם באלקאנישען האלב־אינזעל און די טשעכען, און רוטענען, זי וואָלט זיי אויך אלע ארומגעכאפט און איינגעביסען פאר ליעבשאפט... ליידער האָט זי זיך צובראָכען די ציינער אָן יאפאן און די רוסישע רעוואָלוציע. זי קען זיי אויך ניט ארומנעמען, ווייל זי האָט פערנומען ביידע הענד מיט פערשיעדענע פעקלאך, גרעסערע און קלענערע, איהרע הענד זיינען אויך ניט לאנג גענוג (אָט ווי לאנג זיי זיינען) אלע סלאווישע מדינות צו דערגרייכען און זי שטעהט נאָר יעצט מיט אַן אָפענעם פיסק און אַן ארויסגעשטעקטע צונג און ווערגט זיך נאָך אלץ מיט די ביינער וואָס זי האָט פריהער פערשלונגען און סקאוואוטשעט נאָך אלץ פאר בויכוועהטאָג פון די ביסענס, וואָס זי האָט שוין כלומר׳שט פערדייט...

יאָ, בודאפעסט איז שען, וואונדער שען! בעזאָנדערס פרעכטיג זיינען די אנדראשי־גאס און די קאָשוט־לאיאָש־גאס; דער מארגארעטען־אינזעל אויף דער דאָנאו; דער פארלאמענט און די בערזע. בודאפעסט האָט אויך שענע מאָנומענטען און שענע „סקווערס“. אין דער אנדראשי־גאס פיהלט דער מענש א מין גייסטיגע ברייטקייט, א מין הרחבה און רעספעקט פאר די אונגארען, פאר זייער געשמאקפאָלען בעגריעף פון שענקייט. איך האָב געמאכט א שפאציער אין אן עקיפאזש מיט דעם ראביינער, דר. ארנאָלד קיש, און א יונגען קויפמאן דורך די בודאפעסטער הויפט־גאסען און בין געווארען זאט מיט הנאה און בעוואונדערונג. וואס עס ווארפט זיך צום מעהרסטען אין די אויגען, קורקענדיג אויף די שילדען פון די בודאפעסטער געשעפטען איז דאָס

וואָרט „קאַווע האַוז“, דאָס הייסט קאַפּע הויז, אַן אינסטיטוציאָן, וואָס איז פול אומעטום. און דאָס „קאַווע־האַוז“ פון בודאַפּעסט איז אַ לעבעדיגע „שטיקעל סחורה“, פול מיט דעם שענעם געשלעכט און ציגיינער מוזיק. דער אונגאַר, וועלכער איז זאַנסט הויך־אינטעליגענט, דער גרעסטער פראַנט און ביז אויף דער העכסטער שטופע מאָדערנע און ציוויליזירט, וועט אַבגעבען די שענסטע אָפּעראַ פאַר אַ שטיקעל ציגיינער מוזיק געשפּיעלט פון ציגיינערשע כלי זמרים אָהן נאָטען און צוגעפּייקעלט פון אַ שענע ציגיינערקע. די אונגאַרען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט מיט העכער טויזענד יאָהר צוריק פון אַזיע נאָך איירָאפּאַ און האָבען אַריבערגעפליעגעלט אַ סך איירָאפּעאישע פעלקער אין איירָאפּעאישקייט, האָבען נאָך בעהאַלטען אין זיך אַ טיעפע ליעבע צו נאַטור־מוזיק און אַ מין אַזיאַטישען חשק צו פרויען, וואָס שטייגט נאָך ווייט ווייט אַריבער די לעבענסלוסטיגע פּאַריזער. דער מנהג צו קושען אַ פרוי די הענד ביים בעגריסען זי און ביי׳ם געזעגנען זיך מיט איהר שטאַמט ווי עס שאַינט פון אונגאַרן, דען דער אונגאַרישער דזשענטעלמאַן טוט דאָס מיט מעהר פרומקייט און אַפּעטיט ווי דער עסטרייכער...

בודאַפּעסט איז די נויאָרק פון איירָאפּאַ, זי איז שנעל אויפגעוואַקסען און האָט פערנומען דעם אויבען־אָן פון די וועלט־שטעדט. מיט אַ בעפעלקערונג פון בלויז אַכט מאָל הונדערט טויזענד נפשות שפּיעלט זי דאָך אַזאַ בכבוד׳ע ראָלע אין וויען, פּאַריז און בערלין, וועלכע זיינען פיעל עלטער און גרעסער. וואָס אידען אַנבעטרעפט האָט בודאַפּעסט די דריטע גרעסטע קהלה אין דער אַלטער וועלט, זי האָט אויך לויט איהר פּראָפּאָרציע אַ רעשטיל אביונים, וועלכע וואַרפען זיך צימליך שטאַרק

אין די אויגען פונקט ווי אין אלע גרויסע און רייכע שטעדט, וואו זיי בילדען די טרויעריגע שאטענזייט פון אונזער אונגע־רעכטער געזעלשאפט.

בודאפעסט לעבט ניט נאָר ביי־טאָג נאָר ביי־נאכט אויך. זי האָט א ביינאכטיגעס לעבען פונקט ווי בערלין, אָדער פאריז, און איהרע שענע און צוגעשענטע נאכט־וואנדלערינס זיינען פול אין יעדער וואכענדער „קאווע־האז" און שפאצירען פאזע לבנה פונקט ווי שטערען, וועלכע שאינען אויך נאָר ביינאכט... עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז די ווערטער „קאווע האז" (קאפע הויז) און „זשידאָ" (איד) זיינען פון די ווענינע ווערטער אין דער אונגארישער שפראכע, וואס האָבען א שייכות מיט דער משפחה פון די אייראָפעאישע לשונות, מיט דער אויס־נאמע פון דעם פינלענדישען לשון, וואָס איז לויט די פילאָ־לאָגען, אויך א קינד פון אזיאטישע עלטערען. זאָנסט קלינגט די אונגארישע שפראך אין די אויערען פון אן אייראָפעער זעהר פרעמד, אין גאנצען אונפערשטענדליך און ער פיהלט ווי ער געפינט זיך עפעס אין א נייע וועלט. איך האָב זיך נאטירליך געפיהלט ווי אין דער היים. ערשטענס איז יעדער איד, אפילו דער ציוויליזירטעסטער, א שטיקעל אזיאט, בפרט א אידישער דיכטער, וואָס טראָגט נאָך אין הארצען די מאפע פון זיין שטאָלצע פערגאנגענהייט אין אזיען און ועמעס פאנטאזיע עס בלאָנדזשעט נאָך אזוי אָפט אויף דעם אזיאטישען הימעל, וואו עס האָבען געשאינט אזוי פיעל אידישע שטערען. א איד איז סתם אומעטום א היימישער, וואו ער געפינט נאָר א אידען. און בודאפעסט האָט, ווי איך האָב שוין פריהער בעמערקט, א

סך אידען, אידען מיט אידישע הערצער, הייסע הערצער, וואס אפילו דאס שאוועניסטישע מאדיארענטום האט נאך אויך ניט פערלאשען.

אונגארן איז מיר זעהר גוט געפעלען, נור איין זאך איז מיר דארט זעהר שווער געפאלען, דאס איז, קושען פרעמדע ווייבער גלאט אזוי אין דער וועלט אריין און ניט דארט וואו עס ווילט זיך קושען, נאר דארט וואו די מאדע הייסט: קושען אין האנד, מעשה שקלאוו. מתנגדים פון דיעזען דין זיינען אפילו יוצא מיט א פסוק, אנשטאט צו קושען ממש, ציהען זיי דעם קאפעלוש פאר א דאמע און זאגען: „איך קוס די האנד, גנע־דיגע פרוי", אדער „גנעדיגעם פרויליין". אבער איך האב זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו דעם דאזיגען ליגען. אט דער פסוק האט מיר עפעס אויסגעזעהן ווי זאגען „קרבנות" אנשטאט זיי מקריב צו זיין; ווי פטר'ן א חוב מיט א צוזאג, איך האלט ניט פון „יהי רצון'ס", אדער איך ב ר י י נ ג דעם קרבן, אדער נ י ט, ווערטער און טהאטען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. היינט בין איך כתם ניט מקריב צו פרעמדע געטער, אדער צו שדים... דער קוש איז טאקע וואס אן אמת די שפראכע פון דער נשמה, אבער וואס זאל עפעס מיין נשמה ריידען אהן אן ענטפער; ריידען צו דער וואנט?...

איין מאל, בין איך זיך מודה ומתודה, האב איך טאקע געפיהלט ווי צו קושען א ווייבעל. די נאטור האט איהר דערצו בעשאפען. איהרע קליינע, ווייסע, זיידענע הענד מיט די צאר־טע אלבאסטער־קלארע ליליענפינגער האבען ווי געצויגען צו זיך די גלייבגילטיגע ליפען פון דעם קאלטסטען מאנסביל. דאס איז געוועזן אין א „קאווע־האז"־רעסטאראנט. א בעקאנטער

האָט זי מיר פאַרגעשטעלט. איך האָב אויף איהר א קוק גע־טאָן און האָב צום ערשטען מאָל דערזעהן די אמת'ע שענהייט פון בודאפעסט. „יאָ, האָב איך ביי זיך געקלערט, בודאפעסט איז ווערט א קוש"... אָבער מיט איהר איז מיר פאַרגעשטעלט געוואָרען איהרע א חבר'טע. א שווארצע, א דארע, א פער־זעהענים. איך האָב געקושט ביידע. א ברירה האָב איך גע־האט! די ערשטע האָב איך געקושט ווי א פרומער איד די ספר תורה און די צווייטע — ווי אן אינקוויזיציאָנס געפייניג־טער דעם צלם. איך האָב ערשט ריכטיג פערשטאנען ווי מאנכע קושען נעבאך דאָרט, וואו מען דארף ניט, ווייל זיי זיינען דער־צו געצוואונגען... איך האָב אויף זיי אמת רחמנות געהאט...

איך האָב נאָך דעם צווייטען קוש גלייך גענומען קוקען אין דער שפייז־קארטע, אפשר וועל איך דאָרט געפינען א מאכל, וואָס זאָל מיר פערשלאָגען די נים־גוטקייט, איך וואָלט ווידער א קוש געטאָן בודאפעסט, אָבער צוויי מאָל איז נעגען דער מאָדע... און קוקענדיג אין דעם „אלף בית" פון די געריבטען האָב איך דערזעהן א פאַטראווע, אז איך האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט און האָב צוגערופען דעם קעלנער און געפרעגט אין דייטש.

— וואָס איז דאָס?

— עסטערהאזע־בראטען, האָט ער מיר געענטפערט.

די גאנצע עקעלהאפט־טרויעריגע דרייפוס־געשעהענים איז מיר שנעל אויפגעשטאנען אין זכרון. בכן בין איך פון איין מיאוס'ע מעשה אוועק און צו דער צווייטער געקומען, צו עסען אָט דאָס געריכט וואָלט געהייסען זיך לאָבען מיט חלשות. אין קאָפ האָבען זיך מיר גענומען מישען פערשיעדענע שווארצע

רעיונות, איך האָב שוין אָן דער מיאוס׳ער נקבה פערגעסען, פראנקרייך איז מיר פיעל מיאוס׳ער ערשיענען, איך וואָלט איהר נים געקושט, ווען זי מאכט מיך גליקליך און איך האָב עפּעס אזוי ווי מבולבל איבערגעפרעגט דעם קעלנער.

און עסטערהאזי־בראטען זאָגט איהר, זאָל עס זיין א שוויינס־בראטען ?

איידער דער קעלנער האָט מיר צייט געהאט צו ענטפע־רען האָט מען איהם אוועקגערופען צו אן אנדער טיש און איך בין געבליעבען פערטראכט איבער דער טרויעריגער שפייז־קארטע.

ווי אייראָפּאַ זעהט אונז

גענאַרט די רעגיערונג.

מעהר ווי איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו לאַכען אין אייראָפּא פון די פאַלשע און קאָמישע בעגריפען, וואָס מאנכע אייראָפּעער האָבען דאָרט וועגען אמעריקא. זיי לעזען אָפטמאָל אין די דאָרטיגע צייטונגען פערדרייטע שטיק־לאַך נייעס איבער „אונזער" מדינה, אָדער זיי הערען די מעשיות פון „גרינע" אידען און אידענעס, וואָס קומען פון אמעריקא צוריק „א היים" און זיי גלויבען אז אלץ איז „תורת לאָקשען".

מאנכע מענשען מיינען דאָרט, אז פיעלע היגע ענגלישע און אידישע בלעטער, מערסטענס די „געלע" נאטירליך, פער־נעמען זייערע גאנצע ערשטע זייטען בלויז מיט די גרויסע קעפּ פון די „געשעהעניסען" און די „געשעהעניסען" גופא זיינען געדרוקט אין רש"י־כתב אויף דער לעצטער זייט.

ווען איך האָב ערקלערט אז די מייסטע אמעריקאנער בלע־טער האָבען גאר קיין קעפּ ניט, האָט מען מיך אנגעקוקט פער־וואונדערט...

מיך האָט א מאָל א גאנץ אינטעליגענטע פרוי געפרעגט זעהר נאאיוו די שאלה ווי לאנג מיר געדויערט אריינצוקומען ביי מיר אין הויז, און ווען איך האָב איהר געפרעגט וואָס זי מיינט מיט איהר זאָנדערבארע קשיא, האָט זי מיר ערנסט גע־ענטפערט.

— איך מיין גאר פשוט אַט דאָס, וואָס איך פרעג. איך האָב געלעזען אין די גאזעטען וועגען „וואָלקען־קראַצער“ אין וועלכע איהר וואוינט דאָרט, איך האָב אויך געזעהן בילדער פון יענע משונה'דיגע מויערען, וואָס שפּארען אונטער די הימ־לען, האָב איך געוואָלט וויסען וויפיעל צייט עס נעמט דאָרט אריינצוגעהן אין שטוב.

איך האָב א שמייכעל געטאָן:

— ענטשולדיגט, מאדאם, — האָב איך דער פרוי געגעבען צו פערשטעהן, — אמת, מיר האָבען זיך טאקע אין אמעריקא צו קראַצען, זעהר אָפּט ביז בלוט, דאָס רוב אין דער לעצטער צייט, אָבער דאָס קומט פאָר אפילו וואוינענדיג אין א קעלער די, וואָס האָבען צו טאָן מיט „וואָלקען קראצערס“ און זייערע מחותנים מיט'ן הימעל פערשפּאָרען זיך צו קראַצען...

א תּם'עוואטער קרעמער פון א קליין שטעדטעל האָט מיר פּלוצלונג א זאָג געטאָן די אונערוואַרטעטע חכמה „זויערע זאַ־כען מוז זיין א גוט געשעפט אין אמעריקא, אידען מוזען דאָרט פערדיענען א שענע פּאָר טאָלער פון עסיק. איך האָב געהערט, אז זיי האָבען דאָרט א בעזונדערע עסיק גאַס“...

העססטער סטריט, מיינען דאָרט א סך אידען, איז א נאָמען נאָך א אידענע, נאָך אסתר המלכה, אָדער נאָך איין אנדער צדקניות...

— פּורים מוז זיך אין אייער אסתר־גאס טאָן מעשים, — האָט פּראָבירט טרעפען א היימישער מלמד, א ציוניסט פון די „מזרחים“,—די גאס שטאמט דאָך מן הסתם פון דער מגילה“...

איך האָב געזעהן ממש ווי ער שלינגט די שפּייעכטס.

און אויפגעקלערטער חסיד'ישער יונגערמאנטשיק, א

משכיל, וועלכער האָט מיר געוואָלט ווייזען, אַז ער איז מורגל אין אַמעריקאַנישע זאַכען און קען אַמעריקאַ אויף אויסענווייניג פּונקט ווי אשרי, האָט מיר געשטעלט די איבערראַשענדע פראַגע, פאַר וויפיעל מיין ווייב עסט אויף אַ וואָך צוקערקעס. ער האָט מיר פערזיכערט, אַז ער ווייס, דאָס די אַמעריקאַנער נקבות האַלטען טאָג און נאַכט אין עסען צוקערלאַך, אַז אידישע ווייבער, למשל, געהען אַרום איבער פּיט סטריט און לעקען „לאָלי פּאָפּס" און סמאָטשקען „טשאָקאָלאַד בייבים"... דער חסיד האָט מיר געוויזען אַז ער איז ניט קיין גרינער און ווייס אַז מען רופט די צוקערלאַך „קאַיען די", און ווייס אויך אַז די ווייבער „קאַיען" דאָס מיט אַ כונה: עס זאָל זיי אַרויספאַלען די ציין, כדי זיי זאָלען קענען אַריינשטעלען גאָלדענע...

ווען איך פלעג לאַכען פון דעם אייראָפּעאישען משוגענעם מנהג צו ציהען פאַר אַ בעקאַנטען די הוט אין גאַס; צו בלייבען אין שנעע, אין שטורם און אין רעגען מיט אַ הוילען קאָפּ, ניט זעלטען אַ פּליכעוואַטען, פלעגט מען מיר זאָגען, אַז דאָס איז נאָך אַלץ שענער ווי אין אַמעריקאַ, וואו מען בעגריסט זיך שאָקלענדיג די קעפּ ווי די פערד. וויסענדיג דאָס אין אַמעריקאַ פעהלען טאַקע קיין „פערד" ניט, ביי ווען דער קאַפּעלוש פערדעקט די פערדישקייט, האָב איך מכח דעם ענין ניט געוואָלט דיספּוטירען.

ווענען קיין זאַך וואונדערט מען זיך אָבער אין אייראָפּאַ דאָך ניט אַזוי שטאַרק ווי ווענען די אַמעריקאַנער „סקאַי סקרעפּערס", וואָלקען קראַצער. מען קען די דאָרטיגע לייט בשום אופן ניט איינריידען, אַז דיעזע עוג מלך הבשן-קראַצער ווערען נאָר בענוצט אַלס ביוראָס, אָפיסעס, אָבער ניט אַלס וואָהן-פּלע-

צער. מען וויל דאָס ניט גלויבען, אין אמת'ען אָבער לאָזט זיך אויס דאָס מען וואָהנט אין וויען למשל העכער ווי אין ניו יאָרק.

ביי אונז איז כאָטש אין די גאנץ הויכע, מאָדערנע אפּארט־מענט הייזער פאראן אַ עלעווייטאָר, וואָס פיהרט ארויף און אראָב יעדען איינעם, וואָס האָט דאָרט נאָר א צוטריט, אין אייראָפּא איז אין די זאָרט הייזער כלומרשט אויך פאראן א'ן עלעווייטאָר, א „ליפט", אָבער דיעזער „ליפט" פיהרט נאָר ארויף און ניט אראָב, און נאָר די שכנים, וועלכע וואָהנען דאָרט און נאָר דעמאָלט ווען דער פּאָרטיער (דזשעניטאָר) איז אין דערהיים. א גאסט, א פרעמדער מוז זיך גוט אונטערגארטלען און במחילה אליין קריכען אויף די טרעפּ. אין די דאָרטיגע „ליפטס" זיינען ניט פאראן קיין „עלעווייטאָר באָיס" ווי ביי אונז, וואָס זאָלען פיהרען דעם „ליפט". דאָרט מוז מען אין בעסטען פאל אליין פאָהרען.

איך האָב געהערט א מעשה ווי א מוהל איז אמאָל גע־גאנגען צו א ברית, וואו דער גאנצער עולם האָט אויף איהם געווארט, און ער איז ארומגעפּאָהרען אויפ'ן „ליפט" א שעה נאָכאנאנד ארויף און אראָב און זיך ניט געקענט אָבשטעלען. ווען ער האָט געזעהן, אז ער פערשפּעטיגט דעם ברית, האָט ער אָנגעהויבען שרייען מיט קולות: „געוואלד, אידען, ראטעוועט!" מען האָט דאן קוים מיט צרות אָבגעשטעלט דעם „ליפט" און ארויסגענומען דעם צושראָקענעם מוהל.

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען ווי איך בין אין וויען געגאנגען צו גאסט צו א געוויסע פאמיליע אין קאָנקאָרדיא פּלאטץ, ערשטען בעצירק. קומענדיג נעבען דער הויז האָב איך בעגעגענט דער מאדאם פון דער פאמיליע. דער „פּאָרטיע" איז

גראָד ניט געווען, די מאדאם האָט מורא געהאַט אליין צו קערע־
ווען דעם „ליפט“ און מיר האָבעןביידע אָנגעהויבען געהן אויף
די שווערע, שטיינערנע טרעפּ. ארויפגעהענדיג פיער עטאזש
פון דאָפּעלטע, שווערע מארמאָרנע שטיגען האָב איך ערשט דער־
זעהן אָנגעשריעבען מיט גרויסע אותיות „ערשטער שטאָק“.

— ביי אייך אין אמעריקא מוז מען געווים וואָהנען זעהר
הויך, האָט די פרוי צו מיר געזאָגט.

— יאָ, האָב איך איהר געענטפערט, זיך כאפּענדיג ביים
הארצען.

— איהר האָט צו קריכען א פולע טרעפּען.

— אפולע.

— דאָס מוז זיין שרעקליך.

— אום...

— דאָרט איז לויטער וואָלקען קראצער.

— אום... אום...

— די מענשען פלאָגען זיך דאָרט.

עס האָט מיר געפּלאַצט די געדולד:

— זאָגט מיר, מאדאם — האָב איך איהר פלוצלונג א
פרעג געטאָן, בלייבענדיג שטעהן אויף די טרעפּ מיט אונטער־
געהאקטע פיס, — אויף דעם וויפיעלטען שטאָק זיינען מיר
אייגענטליך יעצט?

— אויפ'ן צווייטען, האָט זי געענטפערט סאָפּענדיג ווי
א גאנז.

— ווי רעכענט איהר דאָ אין וויען אייערע שטעקענס,
אָדער שטאָקען, מיר דאכט, אז מיר זיינען שוין ארויף אכט
עטאזש.

— פארדאָן, איהר האָט א טעות, האָט זי מיר געענטפערט מיט א שמייכעל. די פּאָעטען דאכט זיך אלץ, אז זיי שוועבען אין די הימלען.

— חלילה, — האָב איך געסאָפּעט, — חלילה, איך האָב שוין גאר קיין טעות. ווי רופט איהר דאָ דעם ערשטען עטאזש?

— „פּארטער", האָט זי מיר ערקלערט, דאָס ווערט ניט גערעכענט, ס'איז גאָר ניט.

— און דעם צווייטען עטאזש?

— צווייטער „פּארטער", אויך גאָר ניט.

— און דעם דריטען עטאזש?

— ערשטער „מעצענין": גאָר ניט.

— און דעם פערטען?

— גאָר ניט, צווייטער „מעצענין", ניט גערעכענט. דער ערשטער שטאָק פאנגט ערשט אָן נאָכ'ן צווייטען מעצענין. פערשטעהט איהר מיך, האָט די פרוי צוגעזעצט, די רעגיערונג ערלויבט דאָ ניט צו בויען הייזער העכער ווי פיער שטאָק, נו, נארט מען איהר אויף אזא אופן אונטער. איין מאָל אנגעשריעבען איז פערפאלען, בלייבט דאָס אזוי. אין אייראָפּא רעספּעקטירט מען דאס געשריעבענע וואָרט, ניט ווי ביי אייך אין אמעריקא. עס שטעהט „ערשטער שטאָק", איז ערשטער שטאָק...

— איך פערשטעה, האָב איך געזאָגט אָבציהענדיג דעם אָטהעם, און האָב אָנגעהויבען מיט מעהר חשק צו שטייגען העכער, איך האָב געוואָלט דאָס הויז זאָל זיך אויפהויבען אויף נאָך א פיער, פינף שטאָק; איך האָב געוואוסט, אז איך נאר די רעגיערונג...

אַמעריקאַ

אמעריקא'ס נאציאנאלער יום טוב

דען ניט אמעריקא'ס 4טער יולי, וועלכער איז דער אויס־דרוק פון פרייהייט, די ערדעלע קרוין פון מענשליכען דענקען און דער אָבגלאַנץ פון גאָט'ס שענסטע מידה, — וואָלט די פינסטערנים פון אלט איירָאָפּא אויף אונז אזא שוי־דערהאפטען רושם ניט געמאכט.

פאר דער העלער, גרויסער שיין פון דער „דעקלארישאָן און אינדעפענדענס" דערזעהען מיר ערשט ריכטיג די עקעל־האפטע העסליכקייט פון איירָאָפּא'ס ציוויליזאציאָן. אויף דעם פראָביר־שטיין פון אמעריקא'ס פרייהייט ערשיינט אונז די ריכ־טיגע געשטאלט פון דער „קריסטליכער ליעבע", וועלכע חן'דעלט זיך נעבען בלוטיגע טהראָנען פון דער אנדער זייט אטלאנטיק.

וואָס איז דאָס דאן געשעהן?

עס איז זעהר פיעל געשעהן. דאָס, וואָס איז אין יענעם 4טען יולי פראָקלאמירט געוואָרען אין פילאדעלפיא, וועט בלייבען אן אייביגער פראָטעסט געגען קישינעוו. דאָס, וואָס די „ליבערטי בעלל" האָט דאן אויסגעקלונגען אין דער שטאָדט פון ברודער־ליעבע וועט זיין אן אייביגער סיגנאל צו פרייהייט פאר אלע ליידענדע פעלקער, און א בעגרעבנים־כאָהר פאר אלע טיראנען פון דער וועלט.

ניט מיט טינט, מיט א טל של תחיה איז געשריבען גע־ווארען דער אונשטערבליכער אקט פון אמעריקא'ס אונאבהענ־גיגקייט און א נייע, מעכטיגע נאציאן האט פלוצלונג בעגריסט די זון. דריי טויזענד יאהר האט ארומגעבלאנדזשעט דער בת קול פון בארג סיני ביז די צונג פון אמעריקא'ס פרייהייטס־גלאק האט איהם ווידער אויסגעקלונגען פאר א בעפרייטעם פאלק. דאס איז געווען די צווייטע מתן תורה און דער „אינ־דעפענדענס האלל" אין פילאדעלפיא איז געווען גאט'ס טריבונע אין דער נייער וועלט.

דאס, וואס יודענטהום איז געווען פאר די געצענדיענער, די קנעכט פון גייסט, דאס איז געווען דער 4טען יולי פאר די געקנעכטעטע נאציאנען פון דער זינקענדער אייראפא. ליידער אבער האבען אונז די געצענדיענער ניט פערשטאנען און האבען זיך געשאפען א קריסטענטהום און די אייראפעאישע נאציאנען האבען דעם 4טען יולי ניט בעגריפען און האבען זיך געשאפען א פאלשע ציוויליזאציאן, א נאכגעקרימטע פעלקער־רעכט — א קלאגעדיגע איראני אויף דער קאנסטיטוציע.

יא, אמעריקא און פרייהייט זיינען איינס, אבער אייראפא און פרייהייט זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. אויף דעם גע־בענשטען באדען פון דיעזער רעפובליק האט נאך קיינמאל קיין געקרוינטער טיראן ניט געטרעטען מיט דער האפנונג צו רעגיע־רען. בלויז דער שאטען פון דעם ענגלישען דעספאט דזשארדזש דעם דריטען האט זיך אבגעשלאגען אין דעם גרויסען צויבער־שפיעגעל פון דער נייער מדינה, אבער ער אליין איז געזעסען אין ענגלאנד. זיינע געקויפטע פערטרעטער בלויז האבען גע־

זוכט שווארץ צו מאכען דעם הימעל פון דער צוקינפטיגער גרויסמאכט און דערשטיקען אין וואורצעל די קראפט, וואס האט געטריבען צו דער ליכט א יונגע נאציאן מיט אלטע ערפאהרונ־גען. דא האבען נאר געהערשט די ש ל ו ח י ם פון א געקרוינטען, אייראפא אבער האט געטראגען איהרע טיראנען ביי זיך אין בוזים און האט ערצויגען איהרע ווערגער אין איהר אייגענעם שוים.

ווען די פאטריאטען האבען ערקלערט קריעג דזשארדזש דעם דריטען איז זיין שלאס ניט געשטאנען פון דער זייט ים און דער בלוטיגער שימער פון זיין סצעפטער האט קיינמאל ניט געגלאנצט אין די גאלדענע שטראהלען פון אמעריקא׳ס ליכט. די פרייהייט האט נאר געדארפט בעקעמפפען די טיראניי, אבער ניט דעם טיראן און קוים האט זי די טיראניי דערוואר־גען איז שוין דאס לאנד געהאלפען געווארען. דאך ווען די אייראפעאישע פעלקער זיינען אויפגעטרעטען פאר זייער רעכט, האבען זיי געהאט נעבען זיך די געקרוינטע טיראנען אליין, וועלכע זעהענדיג, אז זיי קענען ניט אויספיהרען מיט בייזען האבען זיי כלומרשט „נאכגעגעבען". די ענדע איז געווען א קאמפראמיס, אן איינפערשטענדיגונג צווישען דעם רויבער און דעם בערויבטען, און דאס פאלק האט נאר געקראגען פרייהייט אויפ׳ן פאפיר. מיט דער אויסנאהמע פון פראנקרייך זיינען די קעניגע איבעראל געבליעבען אויף זייערע פינסטערע טהרא־נען און אפילו פראנקרייך, וועלכע האט געקעפט איהר „גוטען" טיראן האט ניט געקענט אויסראטען אלע זיינע לייבליכע נאכ־שלעפערס און זי איז געבליעבען ארומגערינגעלט מיט פערשיע־דענע קעניגליכע שלעק, וואס פרעטענדירען אויפ׳ן פראנצויזי־

שען טהראָן און גראָבען פראנקרייך׳ס פרייהייט אויף היינטיגען טאָג.

וואָס די הערשער האָבען ניט געקענט אויספיהרען אליין האָט זיי געהאָלפען די קירכע, זי האָט געארבייט מיט אלע איהרע כחות צו פערדומען די פעלקער און זיי ליעב מאכען דעם יאָך פון זייערע אונטערדריקער. די שווארצע טומאה, וואָס האָט זיך איינגעפרעסען אין די פעלקער ווי א קרעבס, האָט פער־גיפטעט די פרישע, קאָכעדיגע בלוט פון די ערוואכטע קנעכט, וואָס האָבען געוואָלט נאָכפאָלגען דעם ביישפיעל פון דעם 4טען יולי.

אמעריקא האָט אָבער פון די אלע זאכען ניט געוואוסט און זי וועט דערפון ניט וויסען כאָטש דער צלם האָט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו זוכען מיטלען ווי אונטערצומינעווען די קאָנסטיטוציע.

„וקראתם דרור בארץ וכל יושביה!“ און איהר זאָלט פראָ־קלאמירען פרייהייט צום לאנד און אלע זיינע בעזיצער.

דאָס איז די שורה בריליאנטען וואָס די גרינדער פון די פעראייניגטע שטאאטען האָבען קאָפּיר׳ט פון אונזער תורה און קיין קראפט קען איהר אויסמעקען. דער ווינקעל־שטיין פון אמעריקא׳ס פרייהייט איז געשטיצט אויפ׳ן בארג סיני און ער וועט בלייבען פעסט און אייביג אזוי ווי יענער בארג.

אמעריקא און פרייהייט זיינען שמות הנרדפים, „סינאָ־נימס“, ביידע האָבען די זעלבע בעדייטונג. די שקלאפעריי, וואָס האָט אמאָל געשענדעט דיעזען באָדען איז געווען א פּראָ־דוקט פון אייראָפּא. אמעריקא איז געוועזן פריי ווען מען האָט איהר ענטדעקט. זי איז די וויעגעלע פון פרייע שבטים, פון

נאטור־קינדער. דער וואָס שעפּט אין זיך די לופט פון דיעזער רעפּובליק איז מעהר קיין שקלאוו. „די לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג" און די לופט פון אמעריקא מאכט פריי. דער הייליגער צויבער פון 4טען יולי האָט זיך איינגעפּרעסט אין פאָלקס זעעלע. די „דעקלאריישאָן אָוו אינדעפּענדענס" איז דער אמעריקאנער „שמע ישראל" און די קאָנסטיטוציע — דער אמע־ריקאנער „ואלה המשפטים" און ביידע צוזאמען בילדען זיי די „שני לוחות הברית" פון די צוקינפטיגע דורות.

לאָמיר דערפאר ניט פערגעסען קיין איין אויגענבליק אז מיר זיינען אמעריקאנער און דארפען זיין שטאָלץ אויף דעם 4טען יולי, וועלכער איז א שמירה געגען די שדים פון קירכע, טהראָן און קאפּיטאל. לאָמיר היטען דאָס הייליגע רעכט, וואָס דער 4טער יולי האָט אונז אנפערטרויט. לאָמיר אָנזאָגען אונ־זערע גרינע און ערקלעהרען די אנטלאָפענע פון די פינסטערע מדינות די בעדייטונג פון דעם גרויסען טאָג.

קומט אהער, קינדער! צינדט אן אייערע פייער־ווערק און לאָזט אייערע קנאלענדע ראקעטען אין דער לופטען! דער קנאַק פון אייערע „קרעקערס" איז א ווארנונג צו טיראנײ. דורך יעדען קנאלענדען ראקעט רעדט די פרייהייט, אין די פייער־קרעקערס פון דעם 4טען יולי הערט זיך דער הייליגער ווידער־קול פון די „קולות וברקים" וואָס האָבען פּראָקלאמירט מענש־ליכקייט פאר אלע מענשען.

די ווייסע שדים

געדאנקען איבער ניו יארקער אונטער דר'ערדיגע באהנען

וואו נעהמט מען איצט די מכשפה, וואס האט אויפגעוועקט שמואל הנביא, זי זאל אויפוועקען פון זיין אייביגען שלאף א „קיסר" פון די אלטע „אינדיאנער" און איהם ארייג־פיהרען אין דער נייער אונטער־ד'רערדיגער אייזענבאהן פון דער שטאדט ניו יארק?

ווי וועקט מען איצט אויף איינעם פון יענע „ווילדע מענ־שען", וואס האבען פערקויפט אמעריקא פאר א בינטעל פאט־שירקעס, ער זאל א קוק טאן, וואס די „ווייסע שדים" האבען פון איהר געמאכט?

און די „ווייסע" האבען ווירקליך אויפגעטאן „וואונדער".

ווי מכשפים זיינען זיי ארויסגעשפרונגען אויף דער רוהי־גער נאטור פון דער נייער וועלט און האבען פון איהר פערשלא־פענעם שוים ארויסגעצויבערט נייע הימלען, פול מיט גלאנץ און לעבען.

די ווילדע פעלזען האבען געמאכט פלאץ פאר דער ערהא־בענער ארכיטעקטור און די מוטגע זומפען האבען זיך פערוואנ־דעלט אין „הימעל־גלאצער" און „וואלקען־קראצער", וועמעס הויכע דאך־גארטענס עס פריינדלען זיך מיט די שטערען.

אומעטום האָט זיך פערשפּרייט די מאַיעסטעט פון דעם מענשליכען גייסט, איבעראַל האָט זיך איינגעפּרעסט דער הייליגער זיעגעל פון דער שטרעבענדער זעעלע.

דער נייער מענש האָט ארייגגעגעבען אַ נשמה אין שטאָהל און אייזען, און עס האָבען זיך בעוויעזען אַ ברוקלין־בריק, אַ וויליאמסבורג־בריק, אַ פּייק סטריט־בריק, הויכע באהנען, וואָס שוועבען אין דער לופטען, און גאסען־באהנען וואָס לויפען ווי די רוחות, פּאסאזשיר־שיפען און האנדעלס־שיפען, און קריעגס־שיפען, און מיליאָנען פערשיעדענע פאבריקען און מאשינען און לאָקאָמאָטיווען, און צילינדערס, וואָס פערנעהמען אַ מח.

דער „ווייסער שד" האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערען און עס זיינען אויפגעשטאנען פון „תהו ובהו" טויזענדער פערבאָרגענע כחות און האָבען גענומען בעדיענען דעם מענשען ווי ניעדעריגע שקלאַפען.

זשעני האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין צויבער־שטעקעל און געזאָגט, „יהי אור", און עלעקטריציטעט האָט גענומען קאָנקורירען מיט דער זון.

דאָ, וואו דער אמאָליגער רויטער העלד האָט ניט געהאט גענוג ווערטער צו ערקלערען ליעבע זיין שענער „סקוואָ" און וואו עס האָט געפעהלט דער בעגריעף פון „איך ליעב דיך, ברודער", פון קונסט און פון וויסענשאפט — האָט דער פאָנאָגראַף גענומען זינגען אָפּעראס און דעקלאמירען ליעדער. דער טעלעפאָן האָט געמאכט „קפיצת הדרך" פאר דעם מענשען'ס וואָרט און אַ „ווייסער שד" האָט אויסגעפונען דעם „אלף בית" פאר'ן טעלעגראף.

דער „קלוגער" אימיגראנט האָט בעשאפען האָניג פון יע־

נע בלומען, וואָס דער „נארישער" איינוואָהנער פלעגט צוטרע־טען מיט די פיס, ער האָט געעפענט דעם בויך פון דער ערד און ארויסגענומען איהרע קינדער, זיי זאָלען זיך שפיעלען פאר די איינוואנדערער פון דער נייער וועלט.

קויהלען, גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער זיינען ארויסגעפישט געוואָרען מיט דער נעץ פון חכמה. דער פערלאָ־רענער, אונבעקאנטער באָדען איז געוואָרען די בעוואוסטע, גע־פירכטעטע אמעריקא, דער שטאָלץ פון די מדינות און דער לייכט־טורם פון ענערגיע און טהעטיגקייט.

דער מאגנעט פון אמעריקא'ס גרויסקייט און ערהאבענ־קייט האָט צוגעצויגען צו זיך אלע שטרעבענדע און לעבענס־פע־היגע מיטגליעדער פון דער גרויסער מענשליכער משפחה. זיי זיינען געקומען און געמאכט א „קאָמונע" פון נשמות, א פער־איין פון מוסקולען, פון געדאנקען — א מוסטער־וועלט פון אויפטואונגען אָהן א גלייכען.

די „ווייסע ביהנען" האָבען אזוי לאנג געארבייט, געמיהט זיך, גע'רעש'ט, געפלויגען פון בלום צו בלום און געגליהט אין זונען־שיין, ביז עס איז געוואָרען דער גרויסער, בעריהמטער ביהנ־שטאָק, וואָס הייסט — ניו יאָרק.

און שטארקער האָט זיך דאָ גענומען טומלען. די טהעטיג־קייט איז גרעסער געוואָרען. דער „אייל זיך" האָט אָנגעהויבען הערשען איבער'ן „פאוואָליע", און דער „ריהר זיך" — איבער „אויף מיין דאגה". די מענשען־ביהנען האָבען אָנגעהויבען מא־כען האָניג פאר די גאנצע וועלט.

די ארבייט האָט געמוזט געטאָן ווערען מיט מעהר האסט, מיט מעהר ענערגיע, מען האָט אָנגעהויבען לויפען און יאָגען

איינער דעם צווייטען. עס איז געקומען א שפּאַרעניש און שטור־פּעניש, ביז אלע וועגען זיינען איינג געוואָרען, און מען האָט געמוזט שאפען א פערקעהר אונטער דער ערד. עס איז געבאָ־רען געוואָרען די אונטער־ערדיגע אייזענבאהן, וואָס פליהט מיט דעם אמעריקאנעם „איך האָב קיין צייט ניט“ אין עטליכע מינוט פון „קעפּטיל גאַרדען“ צו די „בראָנקס“, פון איין ברעג שטאָדט צו דעם צווייטען.

מען האָט דורכגעהאקט א טונעל דורך די שטיינערנע רי־פּען פון „אלט־מאנהאטען“, כדי דער בלייבער טומלער זאָל זיך קענען גיכער צאפּלען און ווארפען אין אלע זייטען.

דער נייער אמעריקאנער איז מעהר בעשעפטיגט ווי זיין אָבגעמעקטער פאָרגענגער. ער איז גרעסער פון איהם, ווייל ער קען פון דער זעלביגער ערד ארויסקריעגען מעהר זאכען און אויסשניצען, און אויסקינצלען וואונדער איבער וואונדער, פון וועלכע דער רויטער יעגער האָט קיינמאָל ניט גע׳חלום׳ט.

דער אינדיאנער האָט ניט געפּאָדערט פון דער וועלט מעהר ווי זיין באלדיגע נויטיגקייט. ער איז געווען גוט צו דעם באָ־דען, וואָס האָט איהם געגעבען לעבען, געלאָזט טרעטען אויף זיך, כאפּען זיינע פיש און פאנגען זיינע חיות און עופות. ער איז געווען גוט צו דער נאטור און גוט צו זיך אליין. א ווילדער מענש... ער האָט ניט אויסגעהאקט די וועלדער און ניט אונ־טערגעגראָבען די ערד, וואָס האָט איהם אויף זיך געטראָגען.

דער איצטיגער אמעריקאנער אָבער נעהמט אלץ, וואָס ער ק ע ן און קען נ י ט קריעגען. ער בריה׳ט זיך געגען יעדע זאך, וואָס שטעהט איהם אין וועג. ניט אומזיסט, זאָגט ער, האָט איהם די נאטור געגעבען א ווייטען בליק און א שטארקע פאנ־

טאזיע און ער בענוצט זיך מיט זיי צו קריגען אלץ, וואס זיין אויג זעהט און זיין כח הדמיון קען דערגרייכען.

דער ווייסער אונרוה וויל אין דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ אויפטאן מעהר זאכען און דערגעהן מעהר סודות פיעל צייט און לעבען קענען איהם דערצו דיענען. דער איינ־געוואנדערטער איד שטעהט אין דעם פרט ניט אב פון זיין יענ־קי־שכן. ער איז שנעל אריבערגעוואקסען די „גהעטא". זיין איינגעבארענער גייסט פון פארטשריט ווארפט זיך פאראויס. „דו לויפסט, לויף איך אויך" און זיין קווארטאל האט א „סאב־וויי", א אונטער דר'ערדיגע אייזענבאהן. איבער זיין גאס שפא־נען ריעזען־בריקען און אונטער זיינע טריט טרייבט דער בליץ דעם „אידישען" שנעל־צוג. די אידישע גאס איז נאך קיינמאל ניט געבליעבען הינטערשטעליג, זי האט דעריאגט...

אבער דא קומט ערשט די פראגע: וואס וואלט געזאגט דער אלטער אינדיאנער, ווען ער וואלט געזעהן דעם עלעקטרי־שען רוח, וואס פליהט ווי א „שווארץ יאהר" מיט דעם וויי־סען חכם?

וואלט ער ניט וועלען בעסער ליגען אונטער'ן שאטען פון א בוים מיט זיין פיילענבויגען ביי דער זייט און קוקען אויף די שטערען? וואלט ער ניט וועלען בעסער לעבען רוהיג און שטיל אויף דעם שטיקעל ערד, וואו ער וואלט זיך געפינען? וואלט איהם ניט געבלוטיגט זיין גרוים, שטארק, ווילד הארץ צו זעהען ווי מען האט אויסגעהאקט די גרינע בוימער, צו־שמעטערט די מעכטיגע פעלזען־בערג און אויפגעשטעלט קאס־טענס פון לייס און אייזען? קאסטענס, אין וועלכע מען יאגט

זיך ארויף און אראָב אויף אונזיכערע מאשינען זוכען חיונה? אומעטיגע קאסטענס פון דרייסיג עטאזש, אָהן לופט, אָהן פויגעל, אָהן בלומען; קאסטענס וואו מען שפארט זיך מיט עלענבויגענס און מען קען זיך ניט פונאנדערלאָזען אויף א פייערדיגען פערד וואָס אָטהעמט מיט גבורה און שוועבט מיט דער צופלאָכטענער גריווע איבער די גרינע פעלדער?

וואָלט דאָס אלטע נאטור־קינד געוואָלט זוכען ברויט אין א סוועט־שאָפּ, פרנסה נעבען א שטופּ־וועגעלע, עשירות אויף דער בערזע, א נאָמען אין א צייטונג און אונשטערבליכקייט אין אן ענציקלאָפּעדיע? וואָלט ער געוואָלט ריזיקירען זיין לעבען אויף דער הויכ־באהן און קריכען ווי א קראָט דורך ד'רערד צו זוכען דעם חוב, וואָס די נאטור איז איהם שולדיג?

בעצאָהלט זיך ענדליך דעם ווייסען „האבון“ זיין משוגענע לויפעניש אויף טויט און לעבען אויף די הויכע עטאזשען און אין די טיעפע מינעס? ברייננט איהם ניט די שנעלע אייזענבאהן שנעלער צום קבר? לעבט ער ניט אָב גיכער, לעבענדיג אויף דער מאשין, און פערליערט ער ניט די שענקייט פון דער פרייער, אָפענער און ליכטיגער וועלט, זיך טומלענדיג אין דעם דומפּפען רעש פון דעם אומגעלומפּערטען ניו יאָרק?

האָט ער צייט כאָטש איין אויגענבליק זיך צו פערטראכטען אויף דער בלויער חופה, וואָס שפּרייט זיך איבער נאטור און מענש ווי איבער חתן־כלה? קען ער זעהן, ווי דער אלטער גריינער דוב האלט אויסגעשפּרייט זיינע שמעקעדיגע הענד ווי א כהן גדול, צו בענשען גאָט און זיין בעשאף?

אָ, וואו נעהמט מען די מכשפה, וואָס זאָל אויפוועקען דעם אלטען אינדיאנער און אומקעהרען דעם מענש צו דער נאטור?

דער יקרות אויף פּאַפּיער

עס איז א בלוטיגער יקרות אויף לעבענס־מיטעל!
עס איז טהייער געוואָרען ברויט, מילך, פלייש, אייער, פּוטער און פּאַפּיער...

לאַכט ניט, רבותי, וואָס איך האָב אריינגערעכענט פּאַפּיער אין די לעבענס־מיטעל! איהר קענט אָן דעם אזוי ווענינ אויס־קומען ווי אָהן אן אנדער עסענוואַרג, און אויב איהר בעגעהט זיך יאָ אָהן דעם, איז אויף אייך א רחמנות...

איך וויים, איהר האָט נאָך קיינמאָל ניט געגעסען קיין פּאַפּיערענע פאַרפעל, קיין פּאַפּיערענע קאָטלעטען, קיין פּאַפּיע־רענע קרעפּלאַך, ניט געטרונקען קיין פּאַפּיערענע מילך, ניט פערזוכט קיין פּאַפּיערענע בולקע מיט פּוטער און ניט „געמאַכט" קיין פּאַפּיערענעם שנאַפּס — איך וויים, אז איהר עסט ניט און טרינקט ניט קיין פּאַפּיערענע מאכלים און משקאות און דאָך וויים איך, אז איהר מוזט האָבען יעדען טאָג אייער פּאַפּיער, אז איהר שלינגט דאָס זעהר אָפט מיט די אויגען און קענט זיך אויף דעם קוים דערוואַרטען...

שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס איהר מוזט האָבען יעדען טאָג די „ריכטיגע פּאַפּיערען", אויב איהר ווילט ריכטיג

עסען, שוין אָבגעזעהן דערפון, וואָס א דוחק אין די „פּאַפּיער־לאַך“ מיינט א דוחק אין אלץ — יאָ, אָבגעזעהן דערפון, מוזט איהר האָבען אייערע ספּעציעלע פּאַפּיערענע פּאַטראָוועס. און זיי מוזען זיין גוט צונעריכט, אַז די דאָזיגע פּאַטראָוועס, מיט פּעפּער און מיט זאַלץ, איהר זאָלט פון זיי אמת הנאה האָבען און זיך בעלעקען: „אוי, גוט, גוט, א מחיה! גיט אונז נאָך א שטיקעל“!...

איהר האָט צוויי מאָגענס, רבותי, איינעם אין בויך און איינעם אין קאָפּ און דער קאָפּ־מאָגען מוז האָבען נאָר פּאַפּיערענע שפּייז און די פּאַפּיערענע ברעמזלאַך טאָרען אויך ניט זיין געמאַכט מיט פערשטונקענע אייער אָדער פערדומפּענע שמאַלץ, וויל דער אויבערשטער מאָגען פערדארבט זיך אזוי שנעל ווי דער אונטערשטער...

פון א פּאַפּיערענעם מיטאָג, געמאַכט אין א ביליגען רעס־טאָראַנט, דאָס רוב אין א „כשרה'ן“, קענט איהר קריגען די פּאַפּיערענע דיספּעפּסיע, רבותי, און גאָט זאָל שומר ומציל זיין פאַר אזא קראַנקהייט! איהר קענט חלילה ווערען הארט־לייביג אויפ'ן קאָפּ אָדער פערקעהרט און אין קאָפּ איז שווער צו מאַכען א קליסטיר.

אָבגעהיט זאָל מען ווערען!

איהר פערליערט דעם העכערען געשמאַק און קענט מעהר קיין רעכטען מאכל, קיין פעטען, קרעפטיגענדען ארטיקעל און קיין אמת'ען לעקער־ביסען אין מויל ניט נעמען... דאָס הייסט א קאַטאַר אויף די אויבערשטע כלים... דאַן מוזט איהר זיך א וואָרף טאָן צו גלויבער זאַלץ... דאַן מוז מען אייך אָנהויבען איינצוגעבען ביטערע פּילען אום צו ראַטעווען דעם מח...

נים אומזיסט האָט די ענגלישע פּרעסע אויפגעהויבען אזא געוואלד געגען דעם יקרות אויף פּאַפּיער. זי ווייס, אז דאָס איז איינע פון די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען. אזא יקרות קען חלילה פיהרען צו א פּאַפּיערענעם הונגער, א קאָפּ־הונגער, א גייסטיגען הונגער.

ווען מען בערעכענט ווי שווער און ביטער דעם אָרעמען ארבייטער קומט אָן זיין ביסעל פּאַפּיער פאר זיין טעגליכען געברויך; וויפיעל מיה און קרבנות ער דאַרף דאָס ברייננען ביז ער קען זיך דערמיט אנפּרעהען; מיט וויפיעל שונאים, מיט וויפיעל פּאַפּיערענע הינד און פערשיעדענע טמאים און יונגאַט־שעס ער דאַרף דאָס קעמפּפען, אום זיין פּאַפּיער אנצוהאלטען— יא, ווען מען בעטראַכט דאס אַלץ, ווערט פון דעם יקרות אויף פּאַפּיער זעהר אומעטיג...

דער רעגיערונג, ווי עס זעהט אויס, קימערט דאָס נים. זי איז נאָך דערמיט שטאַרק צופריעדען. א ראיה האָט איהר, אז זי האָט געמאַכט טהייערער איהרע בירגער־פּאַפּיערען. זי האָט פּשוט געמאַכט אויף זיי א מין טראַסט, און, ווי עס שיינט, וועט מיט דער צייט ווערען אויף זיי אזא בלוטיגער יקרות, אז אַן אָרעמאַן וועט זיי גאָר נים קענען קריגען...

סיי ווי סיי, איך וואָלט שווערען, אז דער פּאַפּיער־טראַסט האָט מיט זיין שווארצען אויפטהו א דאַבעלט־בריסטיגע כונה.

ערשטענס, סתם צו שינדען די הויט פון ציימונגס־ארויסגע־בער און ביכער־פערלעגער אום צו מאַכען מעהר געלד און, צווייטענס, צו פערהינדערען די אונגליקליכע, וואָס זיינען יעצט ביי זיי אין גלות, זיי זאָלען נים קענען מאַכען דעם „פּאַפּיערענעם בריק“, אויף וועלכען משיח וועט קומען...

איז הייסט דאָס דערפאַר געוואָרען א יקרות אויף פאַפּיער. קיין אנדער סיבה פאַר דעם יקרות קען איך מיר ניט פאַרשטע־לען. דאַכט זיך מאַטעריאַל פאַר פּאַפּיער איז דאָ גענוג. קיין שמאַטעס פעהלט אונז ניט... מיר האָבען בה״ש א וועלט מיט אָניצעס, מיט לומפּען, מיט מיאוסע לומפּען פון כל המינים. לומפּען, פון וועלכע מען קען מאַכען פּאַפּיער און לומפּען, וואָס גיבען אליין ארויס פּייפּערס... און פּייפּערס גופא, וואָס זיינען שמאַטעס. לומפּיגע פּייפּערס און פּייפּערס פון לומפּען, עס איז א גוואַלד, וואָס מיר האָבען אין אמעריקא!

דאָס גאַנצע אמעריקאַנער פאָלק איז א ג ר ו י ס ע שמאַטע, וואָס מען קען צונויפדרעהען ווי מען וויל און פערשטעקען יעדע לאָך, א שמאַטע, וואָס ציהט זיך פון אטלאַנטיק ביז דעם פּאַ־סיפיק און די רעדעל־פיהרער האַלטען עס נאָך אלץ אין איין ציהען און שלעפּען ביז... ביז עס וועט אמאָל ארויסגעשלעפּט ווערען אין גאַנצען!

ניין, עס פעהלט אונז ניט קיין שמאַטעס. מיר האָבען א קאָנסטיטוציע, א פּאַהן פון פאַרפעל מיט רימענס, געזעץ־ביכער, קאָנגרעס־ביבליאָטהעקען, מיר האָבען גענוג שמאַטעס, אוננוציגע שמאַטעס, וואָס וואָלטען געמעגט פערוואַנדעלט ווערען אין פּאַ־פּיער, פון מיינעטוועגען אפילו אין „אשר יצר פאַפּיער“, אבי מען זאָל פון זיי עפּעס האָבען...

דער יקרות איז אלזאָ ניט בערעכטיגט. און איך האַלט זיך ביי דאָס מיינוּנג, אז דער יקרות אויף פּאַפּיער איז דער ערגסטער און איך שריי: מאַכט מיר א טראַסט אויף וואָס נאָר איהר ווילט: אויף מילך, אויף פּוטער, אויף אייער, אויף פלייש, אויף פרוכט, אויף ביער, אויף טאַבאַק און אפילו אויף לופט,

פער׳משפט מיך אויף ברויט מיט וואסער, נאָר מאכט מיר ביליג מיין פאפיער, מיין צייטונג, מיין בוך, מיין בראָשורע — מיין שרייב־געצייג און דרוק־געצייג, מאכט דאָס מיר ביליג און איך וועל ניט הונגערען !...

עס וועט קיינער מעהר ניט הונגערען !

מאכט מיר ביליג מיין פאפיער און איך וועל אזוי אָבקאָר־מענען, אָבפאשען דעם עולם, ער וועט ווערען אזוי שטארק, אזוי וואונדער־שטארק, אז ער וועט מויערען דורכברעכען, ער וועט צושמעטערען אלע אייערע טראָסטס, אייערע מעכטיגע שלעסער און ריגלען אויף די טהירען פון הצלחה...

איך קען דאָס פאָלק מחיה זיין מיט פאפיער פונקט ווי זיינע פערפיהרער קענען איהם דערמיט פער׳סם׳ען. פאפיער איז די הייליגסטע, די ניצליכסטע זאך אונטער דער זון. א הונגער אויף פאפיער איז א הונגער אויף׳ן פאָרטשריט, אן אנגריף אויף דעם שטארקסטען יסוד פון דער ציוויליזאציע, אן אָבהאלט צו די גאָלדענע צוקונפט פון דער מענשהייט...

וועה דאָס לאנד, וואו פאפיער איז טהייער און וואויל דאָס לאנד, וואו דאָס וואלגערט זיך אין די גאסען !

שמייסען*)

געדאנקען וועגען ריטער אמאל און היינט.

שמייסען, אדער ניט שמייסען?
אט דאס איז די ברענענדיגע פראגע, וואס בעשעפ־
טיגט די ניו יארקער בילדונגס־בעאמטע.

די פראגע האט שוין אייגענטליך א בארד, דען שוין פון לאנג ווי דער הינטען פון די געזעלשאפט קימערט אונזע־רע ערציהער מעהר ווי איהר פארטשריט...

אין אמת'ן!

ריטער זיינען דא, און וואס צו שמייסען איז אויך דא, פאר וואס צו שמייסען קען מען געפינען און ווער עס זאל שמייסען וועט געוויס זיין, עס פרעגט זיך נאר איין פראגע:

צי זאל מען?
איז דער תירוץ:
פאר וואס זאל מען ניט?

---

*) צו דער פראגע אויב מען זאל געברויכען קערפערליכע שטראפע אין די פאלקס שולען.

די פאָלקס־שולען זיינען דאָך געמאַכט געוואָרען צו ער־ציהען די יוגענד, איך מיין ניט די „אידישע יוגענד", וואָס וואָלט נאָך אויך געמעגט געהן אין חדר און כאַפּען שמיץ...

יאָ, די שולען, זיינען צו ערציהען די יוגענד, נו, דאַרף מען זי ערציהען עס זאָל לוינען, מען זאָל שפּעטער קענען ציהען פון איהר א נוץ...

למשל!

אָט קומען שוין הונדערטע טויזענדע קינדער טויט הונגע־ריג אין די שולען בעטלען א בולקע מיט א גלעזעל וואַרעמס, דערצו דאַרף זיי נאָך די שול איינגעוואוינען צו קלעפּ און רי־טער, נאַטירליך, וועלען אונזערע בעלי בתים, אין דער גאַנץ נאָהענטער צוקונפט, האָבען א בעטלערשע, קנעכטישע מענש־הייט, וואָס וועט דיענען מיט שמחה און ניט פיהלען איהר וועה־טאָג און חרפּה.

בכן, דאַרף מען שמייסען.

פרעגט זיך ווידער:

טאָמער ניט?

עס איז אפשר ניט כדאי צו פיעל בעקאַנט צו מאַכען דעם עולם מיט דעם כח פון קאַנטשיק, ווייל זעהענדיג, וואָס פאַר א גוטע זאַך דאָס איז, קען ער ענדליך פאַלען אויף דער זעהר ניט געווינשטער המצאה אָבצושמייסען די שמייסער...

דעמאָלט וועט טאַקע זיין מיט אַן אמת אין וואָס צו שמייסען און פאַר וואָס צו שמייסען... דעמאָלט קענען נאָך די אייביג געשמיסענע אַרום פון גערולד און זיך אָברעכענען מיט זייערע רוצחים פאַר דער גאַנצער צייט פון בעליידיגונג און יסורים...

דארף מען הייסט דאָס ניט שמייסען.
פרעגט זיך אָבער ווייטער:
ווי קען מען דאָס לאָזען איין דור נאָכ'ן אנדערען זיך האָ־רעווען אין אזא פריזהייט, אזא אָפּערקייט, אָהן א שטיקעל רוט און אָהן א ברעקיל מורא?... דאָס איז דאָך אן אונגליק פאר'ן לאנד... דאָס וואקסט דאָך א וועלט אָהן א שום אויבער האר.... ווען מען זאָל אלץ לאָזען אזוי געהן ווייטער און ווייטער וועלען נאָך די קהל'שע „מלמדים", די בילדדונג־„אפרייטערס" און די אלע איצטיגע „ערציהער" אונזערע מוזען אָבגעבען זייער קנע־לונג...
מען דארף ניט קוקען אויף איירֿאָפּא. וועמען ארט איצט א רוססאָ, אָדער א פעסטאלאָצי מיט זייערע אמאָליגע תורות? זיי האָבען געשריעבען זייערע שול־געזעצען פאר לענדער, וואו מען האָט זייט הונדערטע דורות געהאלטען אין איין שמייסען, אין איין קאטעווען האָט עס נאטירליך געפאָדערט מען זאָל דאָס אויפהערען, אום ניט צו פערשמייסען די פעלקער אויף טויט...
דאָ, אין אמעריקא אָבער, האָט מען גאָר פערגעסען, אז עס איז דאָ אזא זאך ווי א רוט, דער „חדר" ווערט אלץ פרייער, חוצפה'דיגער, די קונדסים ווילען ניט ליידען צומאָל קיין קרו־מען קוק, קיין שום סטראשונגאָק... ווי גיך דו זאָלסט אויפהויבען געגען זיי איין האנד, הויבען זיי צוויי...
מוז מען אלזאָ יאָ שמייסען.
איז די קשיא:
זאָל זיך אָנהויבען דאָס שמייסענים פון אונטען, פון די „דרדקי" חדרים, פון די ניעדריגע קלאסען, זאָל מען בלויז שלאָ־גען די קליינע, די שוואכע, די אונבעהאָלפענע, אָדער מען זאָל

געהן א ביסעל העכער און מכבד זיין די גרעסערע, די העכערע, די שטארקערע, די כלומר׳שט יחסן׳דיגע אויך?...

נאך מעהר:

זאל מען שמייסען די זכרים אליין, אדער די נקבות אויך? אפשר זאל מען זיי אין דעם פרט געבען גלייכע רעכטע?...

איז די פראגע אויב די גרעסערע װעלען זיך לאזען און אויב די נקבות װעלען געהן צום ביינקעל? מעגליך, אז זיי װעלען פראָטעסטירען, אז זיי װעלען זיך שעהמען. אבוואהל אין א רציחה־סקוהל איז קיין זאך קיין שאנד ניט.

דאָרט, וואו דער קאנטשיק איז לעהרער איז די שאנדע „פרינציפאל", און אָרימע מיידלאך װעלען שוין ארוים פון אזעלכע שולען אהן בושה, גרייט זיך צו לייגען פאר יעדען לומפ מיט א רוט...

היינט געה, הויב אָן צו מאכען א קאזאצקען קאָדעקס פאר פרייע פאָלקס־שולען! פאנג אָן פערפאסען א פרישע „קאָנסטיטוציע" מיט שמיץ־תקנות, מיט דינים און סיגים ווי צו שמייסען, װעמען צו שמייסען, ווי לאנג צו שמייסען און פאר וואס צו שמייסען.

די שמייסעריי איז אייגענטליך זעהר א קאָמפּליצירטער, פערדרייד׳עלטער און פערפלאָנטערטער עסק. שמייסען איז דאך אין תוך גענומען ניט דאס לעצטע וואָרט פון דער פעדאגאָגיע. אלא וואָס דען? מען מוז! עס איז אין ברירה, אום צו פערהיטען שפּעטערע סכנות... דארף מען דאך אָבער זעהן געדעכט צו בלייבען פאר די טאטעס פון די קינדער... פאר די וואס ליעבען זיי, וואס לייגען דאס לעבען פאר זיי, וואָס אָפּפערען זיך פאר זייער גליק... די גוטע, געטרייע טאטעס גלויבען ניט אין

תורה מיט בוכטשעס און זיי וועלען געוויס מיט'ן גוטען ווילען ניט צושטימען דערצו...

דארף מען הייסט דאס ניט שמייסען.

איז ווידער אט וואס:

קוים האט מען אנגעהויבען צו ריידען וועגען **שמיץ, איז** שוין א מורא דאס ניט דורכצופיהרען, כדי די קינדער זאלען ניט כאפען פערשטעהן, אז מען האט מורא פאר זיי... **נאט זאל** שומר ומציל זיין וואס דערפון קען ארויסקומען!

שמייסען מוז ערלויבט ווערען!

מענשען מוזען זיך ערציהען אויף א נאטירליכען אופן און די נאטור שמייסט. זי שוינט ניט קיינעם, אפילו ניט איהר שענ־סטע און ערהאבענסטע בעשעפענים. קוים זינדיגט עס, קריעגט דאס שמיץ.

שמיץ איז א הייליגע זאך, שמיץ האלט דעם זינדיגען מענ־שען אין זיינע גרענעצען און לאזט איהם ניט ארויסגעהן צו פיעל לתרבות רעה. שמיץ דערמאנען דעם בעל עולה, אז ער טאר צו ווייט ניט קריכען. שמיץ זיינען זעהר אפט בעסער ווי קושען, ווייל קושען קענען אמאל זיין פאלשע, אבער שמיץ זיינען איי־ביג אמת... ניט אומזיסט האט שלמה המלך געזאגט: „חושך שבטו שונא בנו", „ווען דו בעהאלסט דיין רוט, טוסטו דיין קינד ניט גוט"... און ווער ווייס נאך די ניצליכקייט פון א רוט בע־סער ווי א מלך? ער ווייס, אז מען קען קיין מאל ניט בלייבען ביי די „גאלדענע רוט", די „שרביט הזהב", ווען מען האט ניט אן אייזערנע רוט, אדער אן אנדער מין רוט, אבי א רוט, וואס שמייסט... פארפאלען, דער מענשמוז זיך ערציהען אונטער דעם שאטען פון א ראפניק...

מוז מען הייסט דאָס יאָ שמייסען.

שטעלט זיך ווידער אַ קשיא:

שמייסען איז אַן ארבייט. שמיץ מיינט אַ נייע הוצאה פאַר דער רעגירונג... עס שמייסט זיך ניט אליין, פונקט ווי עס לערנט זיך ניט אליין. דאַרט, וואו מען וויל איינפיהרען די רוט מוז מען זיך לאָזען קאָסטען... אמת, די רעגירונג סטארעט זיך מיט אלע כחות צו בעשאפען שטענדיג נייע עמטער פאַר איהרע פריינד, דאָך גנה בעשטים איינעם פאַר אַ שמייסער! מאַך אַ „סיוויל סוירוויס" און אַן עקזאמען פאַר שמייסענים! דאָס וועט דאָך עפּעס אויסקומען משונה ווילד.

פערקעהרט ריידענדיג איז דאָס אפילו ניט אזא געפעהר־ליכע זאַך. אלא־מאי אַ תליון? מיט וואָס וואָלט אַן עקסטרא־שול־שמייסער געווען ערגער אָדער מיאוס'ער ווי דער וואָס היינגט, קעפּט אָדער עלעקטריזירט? פאַר וואָס זאָל טאַקע ניט האָבען יעדע פאָלקס־שול איהר אייגענעם תליון?... ס'הייסט, ניט קיין אמת'ן תליון, חלילה, ניט קיין שאַרף־ריכטער, נאָר אזוי גלאַט איינעם, וואָס זאָל קענען שניידען, אז בלוט זאָל רינען.

קאַנדידאטען פאַר אזא אמט וואָלטען זיך געפונען מעהר ווי גענוג. איבערהויפּט ווען דאָס זאָל נאָך טראָגען דעם דיפּלאָמיר־טען טיטעל „לעהרער". האָבען מיר ניט דאָקטוירים, אדוואָקאַ־טען, מיליטער, סופרים־קאָורט ריכטער, וואָס הרג'ענען מענשען נאָר דערפאַר, וואָס מען ערלויבט דאָס זיי און מען בעצאָהלט זיי? און האָבען מיר אפילו איצט ניט גענוג „לעהרער", פאָלקס־לעהרער און פאָלקס־פיהרער, וואָס וואָלטען בעסער געפּאַסט אלס שמייסערס? טאַקע אָט די דאָזיגע „לעהרער" מאַכען דאָס חן'דלעך צום קאַנטשיק...

קיין אחריות, געלד און א הכשר קענען שאפען אפילו א „שווארצע מאה“, א פינקערטאָן ביורא, בפרט נאָך אזעלכע, וואָס זאָלען שמייסען שלעכטע און אונגעהארכזאמע... עס זייד נען דאָ פּראָפעסאָרען, רבנים, גלחים, געלעהרטע, וואָס גריבלען זיך אריין אין די פילאָזאָפיע פון א צוהאקטען הינטער־טייל און ווייזען אויף ווי עס שטעקט אין דעם דער סוד פון לעבען און דער גליק פון די צוקונפט... זיי ווייזען אויף ווי אלץ מוז קומען הינטער ארום; ווי דאָס אמת־שענע און אמת־גוטע ליגט שטענדיג פון הינטען און ניט פון פאָרענט; ווי גאָט אליין האָט געזאָגט צום טאטען פון די נביאים „וראית את אחורי“ כלומר: און דו ועסט זעהן... מיין פאטילניצע... אָדער ווי דער „נעים זמירות ישראל“, אונזער חי וקים'דיגער דוד'ל האָט געזאָגט: „אחור וקדם יצרתני“, ס'הייסט, „און דו האָסט מיר בעשאפען א הינטען און א פאָרענט“, בכן, קומט דער הינטען צום ערשטען...

נישט קשה. מען קען שוין געפינען אי ווער, אי פאר וואָס צו שמייסען. די פראגע איז נאָר צו די צייט איז שוין טאקע געקומען דאָס אנצופאנגען. א סברה, אז ווען דאָס וואָלט שוין געהאלטען דערביי, וואָלט מען געשמיסען און ניט גערעדט. משמעות, אז מען שמייסט ניט, מוז מען נאָך א ביסעל אונטער־ווארטען. ווען א מדינה נעהמט זיך צו דער רוט, מוז זי זיך פריהער צוגרייטען, פערפעסטיגען, אז די געשמיסענע זאָלען זיך ניט קענען אזוי לייכט בריקען און אויסהאקען די צייהנער...

נו, טאָ ווי בלייבט?

וועט מען יאָ שמייסען אָדער ניט שמייסען?

דאָס וועגד'ט זיך אָן אייך, רבותי...

פערגוואלטיגט

נעדאנקען וועגען אמעריקאנישען שווערען קריזיס פון דעם יאהר 1907.

פאפא, וואס איז א קריזיס?

— עס איז ניטא וואס צו עסען.

— פארוואס איז ניטא וואס צו עסען?

— ווייל עס איז ניטא קיין ארבייט.

— פארוואס איז ניטא קיין ארבייט?

— ווייל מען האט צופיעל אויפגעארבייט.

— פארוואס האט מען צופיעל אויפגעארבייט?

— ווייל די ארבייטער האבען ניט קיין שכל.

— פארוואס האבען זיי ניט קיין שכל?

ווייל... ווייל... דריי מיר קיין קאפ ניט! פרעג יענעם א י ד ע ן, וואס שרייבט וועגען קריזיסען!...

— פארוואס עפעס יענעם אידען?

— ווייל ער איז א פראפעסאר...

— פארוואס איז ער א פראפעסאר?

— ווייל... ווייל... איך ווייס ניט, טשעפע זיך אב און לאז מיך צורוה מיט דיינע קשיות!

אַט אזוי האָט זיך דאָס אָנגע׳נגע׳ט אָן מיר ווי א פעך מיין קלענערע מיידעל און האָט מיך ניט אָבגעלאָזט.

גוט, דערצעהל איהר פארוואָס די ארבייטער האָבען קיין שכל ניט, פארוואָס אין אמעריקא איז דער א „פראָפעסאָר", יענער א „גאון", יענער־יענער — א „דיכטער", יענער־יענער־יענער — א „קריטיקער" און פיער מאָל יענער — א „דאָקטאָר" און פינף מאָל יענער — א „רעוורענד"... גוט, גריבעל זיך אריין מיט איהר אין די פסיכאָלאָגיע פון אמעריקאנער „בלאָף", אין די טיעפע פילוסופיה פון דעם ארבייטער׳ס נארישקייט! עלטערע פון איהר פערשטעהען דאָס ניט, וועט זי דאָס פערשטעהן!...

און, אז איך וועל שוין נאָר אויסגריבלען דעם אמת וועגען די איצטיגע פינסטערע פערדרייענים, וועט קומען א׳ן אנדערער און ארויסגראָבען פון דעם זעלבינען מקור א׳ן אנדער אמת... דער גוטער יאָהר וויים וויפיעל אמת׳ן דער אמת האָט אום צו דערגעהן דעם אמת׳דיגען אמת אויף א׳ן אמת! דערפאר האָב איך אויסגעקליעבען דעם גרינגסטען אמת פון אלע אמת׳ן אלס א תירוץ פאר מיין מיידעל, און אוים נויט, גלויב איך, קען דאָס דיענען אלס א קורצער תירוץ פאר אלעמען.

— וואָס איז א קריזיס?

— עס איז ניטאָ וואָס צו עסען.

היינט גוט לייקען דאָס מיר אָב!

דאָס איז אפשר א יון׳ישער תירוץ, אָבער דאָך א ריכטיגער. ווען איהר לאָזט זיך אריין מיט א הונגעריגען יון אין פלפול ערקלערט ער אייך קורץ און שארף „נאשטא מניע פיזיקא

קאָנדראַ חליעבאַ ניעט״, דאס הייסט, ווי בערל דער פּיסקאַטער וואָלט זיך אויסגעדריקט:

וואס געהט איהר מיר זאגען
אויף א פּוסטען מאגען?
איך דארף דאס אויף קלאָגען!

איז הייסט דאָס די גאנצע חקירה וועגען קריזיסען נאָר גוט נאָך א גוטען סטייק מיט א גלעזעל ביער; ביי א ליידיגען טיש מיט ברעקלעך פון א אייער־נעכטיגען פּאַמפּעניק קריכט דאָס ניט אין מח — און נאר א קליינע מיידעל קען דאס יעצט לוינען וועגען דעם צו שמועסען. די ג ר ו י ס ע אָבער האָבען געדארפט פאָלגען די עצה פון יענעם „קוועק״ דאָקטאָר, וואָס האָט געהייסען נעמען זיינע מאָגען־פּילען מיט א חודש פריהער איידער דער בויך פאנגט אָן וועה צו טאָן כדי צו פּער־היטען צירות... ווען דער עולם דער גולם וואָלט זיך אינטע־רעסירט מיט קריזיסען איידער זיי ברעכען אוים, וואָלטען זיי אָבגעבראָכען געוואָרען איידער זיי וואָלטען אויסגעבראָכען. און מען וואָלט יעצט פערשפּאָרט וועגען דעם צו ברעכען א מח.

אצינד אָבער איז פערפאלען. עס איז א קריזיס. קיין נפקא מינה פון וואנען ער קומט, ער איז דאָ און דרייענדיג מיט׳ן גראָבען פינגער קען מען זיך פון איהם ניט אויסדרייען. פּראָפעסאָרען מיט קאפּעדרעס און „פּראָפּעסאָרס״ אָהן קאפּעד־רעס און אפילו אָהן קאפּע און אָהן טעדרעס וועלען איהם איצט אויך ניט פעריאָגען מיט זייער חקרנות. ער מוז זיך אוים־שטעהן ווי א „גוט אויג״, ווי א׳ן עין הרע און אוועקגעהן פון זיך אליין.

און ווי איז ער דאָך געוואָרען אַט דער שד פון דער נייער צייט, דער בייזער גייסט פון דער ציוויליזאַציע? ווער האָט איהם בעשאַפען און אריינגעלאָזט דעם געפעהרליכען אָקטאָפּוס אין דעם שוואַרצען ים פון אונזער עקאָנאָמישען לעבען?
ווער?
ביידע האָבען איהם בעשאַפען: די גייציגקייט און די אונ־וויסענהייט. ער איז דאָס טרפה קינד פון שענדליכע אומ־שטענדען, דער ממזר פון א פאַלשע פּאָליטישע עקאָנאָמיע.
צ ו ו י י האָבען איהם בעשאַפען: ק א פּ י ט א ל האָט פער־גוואַלטיגט א ר ב י י ט און עס איז געבאָרען געוואָרען א קריזיס...
יאָ, ער האָט איהר געשענדעט! מיט גוטען; מיט ליעבע, זיסע רייד׳לאַך האָט ער איהר געשענדעט. אָנגע׳שכור׳ט האָט ער איהר מיט א כעמישע „פּראָספּעריטי“, ער האָט איהר אריינ־געגאָסען אין דער גלאָז פון געבלאָפטע הצלחה די „נאָק אוט“ טראָפּענס פון פערטומלענדע צופריעדענהייט, זי האָט געטרונ־קען און האָט איינגעשלאָפען... און ער האָט איהר רואינירט...
און יעצט?
יעצט טראָגט זיך די פערפיהרטע מיט איהר שאַנדע און וועהטאָג און קען זיך דערפון ניט בעפרייען. איהרע אייגענע זינד פערפאָלגען איהר, איהר לייכטזיניגער גלויבען איז איהר גיהנום. דער פערפיהרער אָבער לייקענט זיך און אָט איז וואָס ער זאָגט:
א שכור׳ניצע, אויף מיינע נאמנות א שכור׳ניצע. ווער וויים ווער עס האָט איהר איבערגעפיהרט? איך בין ניט שולדיג. ביי מיר האָט זי פערדיענט לויטער גליקען... זי

האָט יעצט א קריזיס, ווער ווייס פון וועמען !... זי האָט זיך די לעצטע צייט אנגעהויבען ארומשלעפען מיט פערדעכ־טיגע מענשען, מיט סאָציאַליסטען, אנארכיסטען, יוניאָן־מאַ־כער, רעוואָלוציאָנערען, אפּיקורסים און פערשײַדענע רע־פּאָרמער און פרייע יונגען... הפקר יונגען און זײַ, אָט די ממזרים, האָבען איהר איבערגעפיהרט... אָבער איך, נישט קשה, זאָל זי מיך נאָר איבערבעטען, פאָלגען וואָס איך זאָג איהר און אזא יאָהר אויף א י ה ר ווי זי וועט הנאה האָבען... אָט וויל איך איצט לויפען פאר פּרעזידענט, זאָל זי נאָר שטימען פאר מיר און איך וועל איהר בעפרייען פון דעם באסטרוק... איך בין רייך און קען אלץ אויספיהרען. באלד נאָך די וואהלען וועט זי ווידער א „ליידי", קיינער וועט נאָר ניט וויסען און געדענקען וואָס מיט איהר איז געשעהן, אפילו זי אליין אויך ניט... אלץ וועט פערגעסען ווערען ווי אין טיפען ים אריין. זי וועט זיך ווידער אויספּוצען אין א טשיפּעק מיט שטראוספּעדערען... אין א יאפּאנעזער קאָמאָנא מיט גאַליינדלאך, מיט א „באָסעל" פון הינטען און א פראנצויזישען קאָרסעט פון פּאַרענט... זי וועט אָנהויבען געהן אין טהעאטער און אויספאָהרען אין קוני איילענד, אין גלען איילאנד, אין סטייטען איילאנד און אומעטום וועט זי ספּענדען „ניקעלס", טרינקען ביער, זופּען זאָדא־וואסער, בליאָבען עפּעל־קוואס און פערבייסען מיט לעקעך און צוקערקעס... דערוויל, געוואוינליך, דערווייל מוז זי ליידען ביז איז וועל אויסגעפינען וואו איך האלט מיט איהר, שפּעטער אָבער וועט זי זיין „אָלל רייט". דאָס אלץ איז איהר אייגענע שולד..."

אַט אזוי טענה'ט דער אמת'ער טאטע פון דעם יעצטיגען גרויסען פאָלקס אונגליק, ווארפענדיג זיין שולד אויף אונשול־דיגע. און א ר ב י י ט, וועלכע שוידערט יעצט אין אונבע־האָלפענקייט און שלעפּט זיך אום מיט הונגער־פּאָהנעס איבער די גאסען, יאָ, א ר ב י י ט , די בערויבטע און פערפיהרטע א ר ב י י ט, מאכט טאקע הכנות איבערצובעטען איהר גע־מיינעם שענדער, זי זאָטעלט זיך איהם צו קרוינען אלס איהר פּרעזידענט, איהר אויבער־האר און איהר פערזאָרגער, זי קלייבט זיך וויעדער איהם צו ווייזען איהר טריישאפט, איהר צוטרויען, איהר איבערגעבענהייט מיט ליב און לעבען.

און צוואוואָס?

אום וויעדער צו האָבען א „ניקעל“ אויף לעמאָן וואסער...

אַט אזוי איז זי געפאלען די פּיעל בעזונגענע, דער שטאָלץ און די ליכט פון די וועלטען. אזוי איז זי געזונקען, די הי־מעלשע, אין דעם זומפּ פון מענשליכען גוואלד, און אזוי וואנ־דערט זי, די אונשטערבליכע, אין ערד'ס יאָמער, אויסגעניצט פון שענדליכע. אַט דאָס איז ז י, די א ר ב י י ט, וואָס טראָגט איהר אונבעלוינטע טהעטיגקייט דורך די דורות, בע־גלייט פון עלענד און בעגריסט פון עזות.

דאָך וויעדער דאָס אייגענע.

אַט די אלע רייד קענען ניט פעס מאכען דעם טאָפּ און ניט פול מאכען דעם ברויט־קאָרב, און עס איז א ביטערער רחמנות אריינצוקוקען אין א'ן ארבייטער'ס א קיך, וואו די כלים שטעהען ווי מצבות נאָך טוידטע מאָלצייטען. די קיך און די פאבריק האָבען יעצט איין פנים. דאָרט רוהען די מא־שינען און דאָ — דאָס עס־געשיר. ווען עס דרייט זיך ניט

דאָס רעדעל קאָכט זיך ניט דאָס טעפּעל, איין כח בעוועגט זיי ביידען. איין „נשמה“ בעלעבט דעם ראָד און דעם טאָפּ. די מאַשין און די סקאָווראָדע, ווען עס דאַמפּפט די פּעקטאָרי שמעקט דער פּאָלומיסאָק און ווען עס פּייפּען די פאַבריקען — פּרעגעלט זיך דער קוגעל־טאָפּ.

יעצט אָבער איז א קריזיס.

— וואָס איז א קריזיס?

— עס איז ניטאָ וואָס צו הערען.

אונזערע מכשפים

די „שווארצע גבורה“ פון א בעזים.

געטהע'ס ליעד „דער צויבערלעהרינג“ דערצעהלט, ווי א מכשף'ס א לעהריונג האט אמאל בעשווארען א בעזים ער זאל ברייננגען וואסער און האט נים געוואוסט ווי צו בעשווערען דעם בעזים ער זאל אויפהערען.

דער קליינער צויבערער איז געווארען אזוי צושראקען פון דאס וואסער, וואס האט שיער פערפלייצט דאס הויז, אז פאר גרוים פערצווייפלונג האט ער צובראכען דעם בעזים איבער העלפט.

אבער דאס האט די זאך נאך פערערגערט, דען ביידע האלבע האבען גענומען טראגען וואסער. דאס האט אזוי לאנג געדויערט ביז דער ריכטיגער מכשף, דער מייסטער, איז געקומען, און מיט איין ווארט איז דער בעזים ווידער געשטאנען אין ווינקעל.

אונזערע פינאנס־מכשפים פון אמעריקא האבען אויך געמאכט דעם זעלביגען קונץ, וואס יענער „צויבערלעהרלינג“: זיי האבען געהייסען זייער „בעזים“ ברייננגען וואסער פאר זייערע

אקציעס און ער האָט אָנגענאָסען אזוי פיעל וואסער אין די „סמאקס“, אז דאָס גאנצע לאנד האלט אין פערפלייצט ווערען.

פאר גרויס פערצווייפלונג האָבען זיי אזוי געמאכט, אז זייער „בעזים“ האָט „געבראָכען“, אָבער דאָס האָט די וואסער־דיגע אקציעס נאָך וואסערדיגער געמאכט און מיליאָנען מענ־שען טרינקען זיך...

עס איז אָבער א גרויסער אונטערשייד צווישען געטהע׳ס בעזים און אונזערען.

יענער בעזים האָט כאָטש געטראָגען דאָס וואסער אומ־זיסט, ער האָט געשלעפט די עמערס ניט ווייסענדיג וואָס ער טוט, ווערהענד אונזער „בעזים“ האָט געארבייט מיט א חשבון, מיט אן אויסרעכענונג, מיט תשבורות...

פאר יעדער עמער וואסער האָט ער גענומען אן עמער בלוט פון פאָלק אזוי, אז די מדינה האלט אין פערבלוטען צוליעב דעם שווארצען וואסער־כשוף.

נאָך מעהר!

ווען יענער גולם איז געוואָרען צוריק א בעזים, ער איז געקומען צו זיין נאָרמאלען צושטאנד, האָט ער געטאָן א ניצ־ליכע מלאכה, ער האָט אויסגעקעהרט דעם שמוץ און געדיענט די ריינליכקייט, ווען אונזער מחבל וועט אָבער ווידער ווערען וואָס געווען, דאן וועט ער, ווי דער ענגלישמאן זאָגט, ניט „קעה־רען“ פאר קיינעם, נאר פאר זיינע מכשפים, פאר די שווארץ־קינסטלער.

דער גוטער, אלטער בעזים וועט ווידער אריינקעהרען צו זיינע בעלי בתים די קהל׳שע עטליכע גראָשען. די בערזען־צויבערער וועלען מאכען אזא „קונץ“, אז דער בעזים זאָל קעה־

רען פון קעשענע אין קעשענע, פון דעם פאָלקס קעשענע אין זייערע.

יאָ, מיר ווערען דאָ געפיהרט פון א באנדע בלענד־מאכער, א מין אינדיישע פאקירען. דאס קען מען זעהן דערפון, וואס די וועלט האָט א טעות אין אונזער מדינה. אלע שרייען „אמע־ריקא איז א גאָלדען לאנד" און מיר אליין מיינען אויך אזוי. צום סוף האָבען מיר ניט אויף מיטאָג. דאָס ווייזט, אז מען האָט אונז פערבלענדט די אויגען, מיר זעהען ניט וואָס מיר זעהען.

א האָהן טראָגט א שטרוי און מיר מיינען, אז ער שלעפט א יאטקע־קלאָץ...

מיר זיינען פער׳כשופ׳ט.

מיר נעמען אָן פאָליטישענס פאר מענשען, טראָסט קאָמ־פאניעס פאר זיכערע באנקען און די בערזע אלס א מיטעל צו הצלחה.

מיר זיינען פערבלענדט!

און אָט די אלע שווארץ־קינסטלער אונזערע, וואָס פער־וואנדלען אונז בלומרשט זאמד אין פערל, שערבלאך אין דימענ־טען, וואסער אין שמן זית און בלאָטע אין „גאָלד", — אָט די אלע געניטע פייקערס קענען ניט פערוואנדלען א „מוף־צע־טעל" אין א „רענט־רעסיט", צוריסענע פלודערען אין גאנצע, א „סלעק־אָפּערייטאָר" און א זאטען יונגען מאנטשיק און א דומ־פּפע טענעמענט הויז אין א געזונדען וואָהן־פלאץ.

בלענד! בלענד! בלענד!

מיר לעבען יעצט דורך א מעשה פון טויזענד און איין נאכט. א כשוף־מעשה מיט גאָלדענע שלעסער און גזלנים...

מען האָט אונז אריינגעוואָרפען אין א זעלטענעם כשוף, פון וועלכען מיר פאנגען זיך ערשט אָן אויסטשוכען. דער מבול פון די וואסערדיגע אקציעס, וואָס דער בעצויבערטער בעזים האלט אין איין שלעפען, האָט אונז געוויעזען וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

מיר האָבען דאָך ענדליך דערזעהן!

דאָרף מען יעצט דעם ריכטיגען מכשף, דעם מייסטער, וואס זאל קענען בעהערשען די גייסטער און מאכען אונשעדליך דעם „בעזים“, איז נאָך אָבער דער מכשף ניט געקומען, מען זאָגט, אז ער געהט שוין, דאָך איך זעה איהם נאָך ניט...

זיצען יעצט די פערבלענדער טעג און נעכט און קלערען ווי צו מאכען א בריק, א „זיכערען“ בריק איבער דעם מוטנעם וואסער, וואָס זייער פערזעהענים האָט אָנגעשלעפּט; א בריק, איבער וועלכען די מאסען זאָלען ניט מורא האָבען צו געהן צו זיי... א בלענד־בריק, וואָס זאָל זיך כלומרשט מעהר ניט איינ־ברעכען און ניט ארייננווארפען קיינעם אין דעם געפעהרליך טיע־פען תהום פון זייער צויבעריי.

ווייס שוין אָבער די וועלט, אז דאָס איז כשוף, האָט זי זיי מורא צו געטרויען. איז גרויסע צרות. די מענשען האָבען פערלאָרען די אמונה אין זייערע פאָקוסניקעס, די קלאָגעדיגע „קאפּיטאנען פון אינדוסטרי“ און אנשטאָט צו לייגען זייערע עטליכע אָבגעשפּאָרטע טאָלער אין באנק, לייגען זיי דאָס אין מאטראץ. דאָרט איז דאָס, וואָס אָן אמת, ניט זיכער פון פייער, דאָך פון וואסער איז דאָס געזיכערט, עס איז „וואסער־פּרוף“, סיידען איינער וואָהנט נעבען רבונו של עולם און עס רעגענט איהם אריין דורכ׳ן דאך... זאָגסט איז דער מאטראץ „אָל־

רייט". און די וואנצען קען מען אויך גיכער טרויען ווי די גרעס־
טע טראַסט קאָמפּאַניע...

א וואנץ וועט ניט אַנזעצען, ניט אנטלויפען נאָך קענעדע, און וועט ניט שפעקולירען אין וואָלל סטריט. א וואנץ איז אפשר ניט אזא חן'עוודיגער באנקיר, מען וועט איהם אפשר ניט וועלען האָבען פאר קיין גאסט אין ניו פּאָרט, דאָך איהר זייט זיכער מיט אייער ביסעל מזומן. ער ווערט אָפּט מיט אייך א גוטער ברודער, ער וועט אייך ארייַנקריכען אין בוזים, אָבער ניט אין קעשענע... ער וועט אייך א ביס טאָן, אָבער ניט דער'הרג'ענען.

וואנצען און טראַסט קאָמפּאַניעס, עס איז קיין פערגלייך! די ערשטע זיינען געווים עהרליכער.

איך שטעל מיר פאר מיט וואס פאר א גדולות די וואנצען קוקען דאָס יעצט אראָב אויף אונזערע באנק־פּרעזידענטען און זיי זיינען טאקע גערעכט אויך, ווייל זיי געטרויט מען און די פרעזידענטען ניט.

איך שטעל מיר פאָר ווי אן אַנגעזעהנער, בכבוד'ער וואנץ, אפשר א „רעווערענד", קריעכט ארויף ביי א ביגלער אויפ'ן מאטראץ, וואו עס ליעגען פיער הונדערט דאָלאר מיט א לונגען־פעהלער און האלט אַט אזא מין דרשה:

„ליידיעס און דזשענטעלמען!

איך בין אייך געקומען זאָגען בין איך, אז איהר דארפט ניט זיין געפאלען ביי זיך, דארפט איהר ניט. אמת, איהר זייט ניט קיין שמעקעדיגע בעלי בתים און בעלי בית'טעס, דאָך מאכט איהר נאָך אלץ ניט אזא עפּוש אין לאנד ווי די די גרויסע פינאנסירען... איהר ליעגט פערקראָכען אין פינ־סטערע שפאלטען און זעהט ניט אָן די ליכטיגע זון, דער־

פאר אָבער האָט איהר די עהרע צו וואכען ווען אנדערע שלאָ־
פען... איהר בעלאנגט צו די ביי־נאכטיגע, איהר האָט אן
אייגענע מלוכה פאר זיך, האָט איהר. זאָגט, ברידער און
שוועסטער! איז שוין אייערער א קאסירער ווען עס איז אנט־
לאָפען מיט פרעמדע געלד? האָט איהר שוין ארויסגעלאָזט
צווישען עולם וואסערדיגע אקציעס? האָט שוין אייערער א
רב ווען עס איז געגעבען א הכשר אויף טאמאני האָל?... האָט
שוין אייערער א פרעזידענט געשאָסען א בער, וואָס איז נאָר
גאָט די נשמה שולדיג?... אמת, אייערער א דזשענטעלמאן
קען אמאָל פארבלאָנדזשען צו א פרעמדע אידענע... האָט
דאָס שוין אָבער ווען עס איז געפיהרט צו א גט־פראָצעס ווי
ביי די „פיער הונדערט“, האָט דאס שוין?... אָט האָט איהר
יעצט אן אוצר מיט גאָלד — א פולען מאטראץ האָט איהר,
וועט אָבער ווער פון אייך כאָטש באַרגען א פרוטה צום רו־
סישען מיניסטער ער זאָל אונטערדריקען דאָס פאָלק? ניין,
און טויזענד מאָל ניין! און פון דעסטוועגען זייט איהר ניט
קיין סאציאליסטען... איהר לייענט ניט קיין רויטע ביכלאך
און טוט דאָס אלץ פון גאָטס־וועגען... און בזכות אייך וועט
מאקע קומען די גאולה שלמה ונאמר אמן, ואמן סלה!“

איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאר אן איינדרוק אזא „מטיף“
קען מאכען אויף אן עדה מיט צוהערער. געוואוינליך האָט זיך
אינזער גאָלדענע פאָהן געדארפט בעגראָבען פון אזא „ספיטש“,
אָבער וואָס קימערט דאָס זיי? ווארף זיי א קאָץ אין פנים.
וואָס מיר פערזענליך אָנבעטרעפט בין איך כמעט אין גאנצען
איינפערשטאנען מיט דעם ווערטען רעדנער אויפ'ן מאטראץ...

„צירולניק" אדער „דאקטאר"?

א נייע חופה פאר אמעריקא.

דארף מען הייסט דאס האבען א קיסר אין אמעריקא.
יא! מען מוז איהם האבען, ווייל לויט ווי א גרויסער פראפעסאר האט דא ערקלערט, זיינען מיר נאך ניט פארטיג און ניט גוט גענוג צו פערדייהען אזא פעטען ביסען ווי א פרעזידענט...

אמעריקא — האט געזאגט דער פראפעסאר — איז דערווייל צו שטארק פערשטאפט מיט שעדליכע קאפעראציעס, זי איז איבערפילט און פערדארבען פון איהר האלטען־אין־זיך אזוי פיעל פערפוילטע קאפיטאליסטישע פאליטיקער, וועלכע שטעקען אן אלע פאלקס אינסטיטוציעס פון לאנד, אפילו דעם קאנגרעס, און זאגאר דער העכסטער בעאמטער פון דער מדינה איז אויך ווילענדיג, ניט ווילענדיג א ווערקצייג אין זייערע לאנגע הענד.

דערפאר דארפען מיר א קיסר, ווייל נאר א קיסר (משמעות א זעלבסטהערשער) וועט נאך קיינעם ניט פרעגען און וועט צווינגען די לינקע קאפעראציעס צו טאן וואס רעכט איז, און דער איינציגער בריה דערצו איז אונזער יעצטיגער שיסער פון

„וויים הויז“, דער צאַר טהעאָדאָראָצקי רוזוועלטאָוויץ דער גרויסער.

שפּעטער — איז מסביר דער פּראָפעסאָר — ווען די נאַציאָן וועט מיט דעם חסד פון זיין קייזערליכע האָהייט טודרוס דער ערשטער, טהעאָדאָר רוזוועלט, זיך גוט אויסרייניגען און מיט זיין גרויס נענאַד שטאַרקען דעם מאָגען און האָבען א רייַנעם קאָפּ... דאַן ערשט וועט זי קענען ארונטערשלינגען א פּרעזידענט.

דאָס דערמאָהנט אָן די מעשה פון יענעם געפאַלענעם עושר, וואָס וועלענדיג טרייסטען זיין בגרות, וועלכע האָט דוקא געוואָלט א מאן א דאָקטאָר, — האָט איהר דערווייל געהייסען חתונה האָבען מיט א צירולניק, שפּעטער — האָט ער איהר ערקלערט — ווען גאָט וועט העלפען, וועט ער איהר געבען א דאָקטאָר...

א צירולניק — האָט ער איהר געטרייסט — איז אויך ניט אבי ווער, ער איז אפשר ניט אזוי נאָך דעם געשמאַק פון די אויפגעקלערטע, די געבילדעטע האַלטען ניט אזוי פון איהם, דערפאַר אָבער גלויבען אין איהם די פויערים און צאָהלען איהם מיט ליעבע פאר בלוט לאָזען, פאר זיינע פּיאַווקעס און געהאַקטע באַנקעס...

דאַכט זיך ניט קיין שלעכטער פערגלייך, דאָך אונזער פּראָפעסאָר, זאָל זיך איהם גרינג שלוקערצען, האָט א טעות אין חשבון.

די געפאַלענע, פעראונגליקטע אמעריקא איז שוין ניט מעהר קיין בתולה, זי האָט שוין איהר מיידעלשאַפט לאַנג פערלאָרען און טאַקע ביי א „צירולניק“... אָט אזוי ווי איך זאָג אייך,

רבותים, איהר ערשטער „בעשערטער“ איז געווען א „צירולניק“. אוי וועה האָט זי ביי איהם געקריינקט!

פרעגט שוין נאָר ניט!

בלוט האָט ער איהר געלאָזען, פּיאווקעס אָנגעשטעלט, באנקעס אָנגעזעצט, פערשיעדענע באנקעס, טרוקענע און גע־האקטע, ברענענדיגע קליסטירען האָט ער איהר געמאכט, די ביינער האָט ער איהר מאסאזשירט, מיט פייערדיגע אייזענס האָט ער זיי מאסאזשירט און צו די אלע צרות האָט זי נאָך ניט געהאט וואָס צו קייען...

מען האָט זיך געקריעגט, געזידעלט, געריסען, וועלטען אויפגעריהרט, סקאנדאלען געמאכט ביז — ביז מען האָט זיך ענדליך גע'גט און די גרושה האָט ווידער חתונה געהאט, דאָס מאָל מיט א „דאָקטאָר“ און... איז ווידער מיאוס ארייגעפאַ־לען. זי האָט געביטען א שוך אויף א לאפּטשע. עס איז כמעט ניט כדאי געווען דער בייט... אין פלוג דאכט זיך א גרויסער אויפטו, אין תוך אָבער — א פּאסקודנע נארעריי!

דער יחוס פון דעם אויסטויש האָט דאָ גאָר ניט געהאָלפען און אמעריקא קריינקט ווידער, האָט ווידער ניט וואָס צו עסען. זי איז יעצט אזוי ווי יענער אָרעמער משומד, וואָס האָט פריהער ניט געהאט אויף שבת, נאָכדעם האָט איהם געפעהלט אויף זונטאג, און „פון וואנען איז דער בעז־לעבען ווען עס איז ניטאָ פון וואנען צו לעבען“... בכן, ובכן קומט א „גוטער פריינד“ און הייסט זיך איהר ווידער גט'ן מיט'ן דאָקטאָר“ און נעהמען א „צירולניק“ כדי זי זאָל שפּעטער נאָך אמאָל גט'ן דעם „צי־רולניק“ און נעהמען א „דאָקטאָר“.

אז א „צירולניק“ איז ניט קיין אידעאל, איז אפילו דער

פּראָפעסאָר אַליין אויך מודה, אלא, וואָס דען? גאָר ניט! מען דאַרף, ווי דער ציגיינער, פּרובירען בייטען די פערד: א בלינ־דען אויף א הינקעדיגען, אום מען זאָל שפּעטער ווידער קענען בייטען א הינקעדיגען אויף א בלינדען, דאָס הייסט, שמעיק איך האַנדעל.

אַזוי ווי איך בין אָבער אויך א שטיקעל נוגע בדבר, א ישטיקעל מחותן פון א י ה ר צד, זאָג איך, אז „לא יזבר ולא יפקד צירולניק"! איך וויל ניט! צייט דער רוסישער „צירול־ניק" האָט ארויפגעלאָזען אויף מיר זיינע פּיאַווקעס, זיין שפּאַ־נישע פליעג... צייט ער האָט מיר צושניטען דאָס לייב מיט זיין גרויסען נאָל־מעסער און איך בין שוואַך און בלוט־אָרעם פון איהם אנטלאָפען... אָ, צייט דאַן האַס איך א „צירולניק" און פערדאַם זיינע מעטאָדען...

איך וואָלט געזאָגט, אז א „דאָקטאָר" און נאָר א „דאָק־טאָר", אָבער ניט קיין קוועק־דאָקטאָר... ניט קיין קאַנאָוואַל, וואָס קען זיך נאָר גוט רעקלאַמירען דורך די צייטונגען, אָבער אין אמת'ן טויג ער אויף כפּרות... ניין! ניט אַזאַ וויסטען קאַ־ליקע, ניט אַזאַ בלאָפער, וואָס האָט בלויז ערהאַלטען זיין „די־פּלאָם" דורך שווינדעל און כאַבאַר און האַלט אין איין ריידען פון היילען די מענשהייט, פון ראַטעווען די מדינה, וויסענדיג, אז ער איז א ליגנער...

נאָר א „דאָקטאָר"!

אָבער זיין „דיפּלאָם" זאָל זיין בהסכם פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, די אמת'ע, ניט־געקויפטע און ניט־געפעלשטע אנערקענונג פון זעלבסט־בעוואוסטע בירגער. אויף זיינע פּאַ־

פירען מוז קלעפען דער שטעמפעל פון געוויסען, די קוקארדע פון צוטרויען.

און אן אמת'ער דאקטאר מוז דאס זיין, א פראפעסאר, א גרויסער דיאגנאזטיקער, וואס קען בעשטימען די קראנקהייט פון א לאנד און אננעהמען די ריכטיגע מיטעל געגען סכנה; וואס קען גרונטעוועווען ביז די ערשטע סיבה פון א חלאת און נים קוקען אויף אויסערע ערשיינונגען, — א דאקטאר, וואס זאל גלייכצייטיג נים שרעקען צו אפערירען וואו מען דארף. די כירורגיע איז א גרויסע זאך אין דער פאליטישער עקאנאמיע ווי אין דער מעדיצין... אמאל איז דער מעסער דער איינציגער מלאך הגואל און מען דארף קענען און נים מורא האבען צו שניידען טיעף, טיעף ביז אין סאמע ביין אריין... שניידען דאס קראנקע מיט א שטיק געזונדע ארום, כדי צו פערהיטען א שפעטערע געפאהר...

אט מיט אזא דאקטאר, מיט אזא פרעזידענט קען א מדינה געהאלפען ווערען. האבען מיר אבער אזא „דאקטאר“?

יעצט רעדט דער „דאקטאר“ פון „רעפארמען“, פון רפואות צו היילען דאס פאלק פון די געפעהרליכע באצילען פון קאפי־טאל, ער האלט רעדעס איבער דעם טראסט־מיקראב, איבער די טובערקולאזען פון איבער־ספעקולאציאן, וואס צעהרען אויף די לונגען פון דער מדינה, ער רעדט, ער שרייט, ער טומעלט.

— אבער?

ער פערשרייבט אונז קובבע מיט לאקעריץ, גלויבער זאלץ... גארציצניקעס מיט מערידען־זאלב, קאנפער־קנעפלאך, א גלאז הייסט ער אונז שטעלען, 'א גלאז אויפ'ן פופיק, עס זאל אבציהען אביסעל די נים־גוטקייט, די בראדעווקעס ווייסט ער

אונז, אין מים אחרונים ווייקט ער זיי, און די באצילען פרעסען און טאטשען אלץ מעהר, דער קאנסער פון גרויס־קאפּיטאל זויגט אלץ מעהר די מארך פון די ביינער.

און דער מעסער?

דאס טארט איהר ניט דערמאהנען! פון אפּעראציעס האלט ער ניט... די, וואס ריידען דערפון זיינען „אונגעווינשטע ביר־גער".

דער פּראפעסאר איז אלזא גערעכט ווען ער רעדט ווענען א גט מיט'ן „דאקטאר", אבער ער איז פאלש ווי די עבודה זרה פון דער בערזע ווען ער רעקאמענדירט א „צירולניק". איך שריי אויך „א גט! נאר א גט און ניט אנדערש"! די יונגע אמעריקא קען בעשטעהן זיך נאך א מאל צו גט'ן, זי איז נאך שען, נאך לעבעדיג, נאך רייצענד געננג ווידער חתונה צו האבען, צו שיי־נען ווי די בת מלכה שבת מיט דעם אמת'ן „בעשערטען" אונ־טער א נייע חופה...

לייגט זיך, רבותי, לייגט זיך אין א גט, לייגט זיך מיט אלע כחות! און איך וועל בעשטעלען ביי „בערל דעם פּיסקא־טען" א נייע בעזעצענים פאר אמעריקא!...

די יום טוב וואָך

איבער די בעריהמטע האַדסאָן־פולטאָן פּאַראַדען*)

אויב ניו יאָרק האָט נויטיג געהאַט שטאַרקע מיטעל צו פערטומלען די ביטערע נאַכוועהנים פון דעם לעצטען טויטליכען קריזיס פון 1907, זיינען דאָס פּאָזיטיוו דער האַדסאָן־פולטאָן פּאַראַד, — די פערשיעדענע מיליטערישע און אַנדערע פאַרשטעלונגען אויף וואַסער, לאַנד און לופט.

די פּערהאָוועטע „פערביזנעס'טע" וועלט־שטאָדט, איינ־געטונקט פון מח ביז די אבזאַצען אין קאַלטע אַלטעגליכקייט, האָט זיך פּלוצלונג אויסגעפּוצט ווי אַ קאָמעדיאַנטקע. אָבגע־פאַרבט דעם פּנים, אָנגעשטעקט קוקאַרדעס מיט פאָהנעס אין

---

*) די פּאַראַדען לכבוד די דריי הונדערט יאָהריגע ענדעקונג פון דעם וואונדערשעהנעם אַמעריקאַנישען טייך האַדסאָן, ענדעקט פון דעם ים־רייזענדער הענריק האַדסאָן און לכבוד די איין הונ־דערט יאָהריגע ערפינדונג פון די ערשטע דאַמפּף־שיף אין דער וועלט, ערפונדען פון דעם אַמעריקאַנער, ראָבערט פולטאָן, וועלכער האָט געמאַכט זיין ערשטע דאַמפּף־רייזע איבער'ן טייך האַדסאָן.

די לאצען און אנגעהויבען מארשירען מיט פויקען און טרומיי־
טען דורך די גאסען.

די פערטראסטעוועטע שטאָדט, וואס לעבט נור אין דעם
ווילדען רעש פון „בילס״ מיט „קעש״, וואס פטר'ט אָב אלע
פראגען מיט איין איינציגען וואָרט: „ביזי״, האָט פלוצלונג
אנגעהייבען דריגען מיט די פיס און האקען אין צימבעל, ווי א
יונגע ציגיינערין.

איהר גרויסע בעפעלקערונג, וואָס איז דורכגעזאפט מיט
דעם גרוך פון שטיינקוילען און מסחור, האָט אנגעהויבען גלאָ־
צען אין די וואָלקען, וואו די לופט באלאָנס פליהען; און איהר
נייגירדע האָט זיך קאנצענטרירט ארום די הארמאטען פון
קריעגס־שיפען, וואס פערשווימען דעם האָדסאָן.

שוין א וואָך, ווי ניט נאר די מענשען, נאָר אפילו די פערד,
די פראָסטע ארבייטס־פערד אין די וואָגענס, טראגען אנגע־
שטעקט בונטע פאָהנעס אין די לאבעדריקעס. מען זוכט איינצו־
פלאנצען דעם געפיהל פון פאטריאָטישען שטאָלץ אפילו אין די
פערד. אמעריקאנער פלעגס ווארפען זיך אום אויף יעדען טריט.

מאנכער פאטריאָטישער בעל עגלה האלט מיט איין אמע־
ריקאנער פלעג צוגעדעקט זיין פערד און מיט דער צווייטער
שמייסט ער איהם...

א מאָדנע בילד שטעלען פאר די „וואָלקען־קראצערס״ אין
די געלד און האנדעלס געגענדען פון בראָדוויי. דיעזע גיגאנטי־
קעס פון לוים און אייזען, וואס טראָגען אין זיך דעם אמערי־
קאנער ביזנעס־גייסט און אָטהעמען מיט „בלאָף״ און „אָלל
רייט״ אין איינעם, שטעהען איינגעטונקט אין פערשיעדענע
גרויסע און קליינע פאָהנעס פון כל המינים און דאס פאסט צו

זייער „האַרדי אַפּ“־פּנים, ווי אויף אַ קאָזאַק אַ טלית קטן...

ווער געדיינקט יעצט די „ברויט ליניע“, „ברעד ליין“, פון דער קריזיס־צייט? וועמען ליעגען אין זינען די טויזענדע זעלבסטמאָרד־פּעלע, די געטריבענע צום טויט דורך הונגער און פערצווייפלונג? ווער וועט זיך דאס יעצט דערמאָהנען אן די מארשירענדע מחנות ארבייטסלאָזע, וואס זיינען מיט א פּאָר יאהר צוריק פול געוועזן אומעטום?

די שווארצע שאָטענס פון יענע שוידער־בילדער דערטרינקען זיך אין דעם פערפיהרערישען גלאַנץ פון די מיליטערישע פּאַראַדען, וואס ציהען זיך אויף מיילען פארביי די פערבלענדעטע אויגען פון בע׳כשוף׳טע מאסען, וועלכע קאָכען מיט בעגייסטערונג.

ניו יארק איז איצט א יום־טוב־שטאָדט. די פּרעססע האָט אויסגעקנעטען פון דעם פערמישטען מענשליכען טייג אין דער גרויסער מעטראָפּאָל־מולטער א גאַנץ נייעם פּנים מיט א צופריעדענעם, בעגייסטערטען, ענטהוזיאסטישען קוק. קיין סימן פון יענע נויט, וואס האָט אנגעפילט די „פּאָון שאָפּס“ און די קברים און פערוואנדעלט א מדינה אין א בית עולם.

ניט דער ערפינדער פון האָדסאָן ריווער, ניט ד ע ר אדער יענער ענטדעקער פון נאָרד פּאָל און ניט די געוועט־לויפערייע מיט פויגעל־מאַשינען אין די וואָלקען וואלטען געקענט פעראינטערעסירען מיליאָנען מענשען אין דער צייט פון די באנקראָטירטע באנקען, פערוויסטע פאבריקען און איבערפילטע צדקה־הייזער, מיט ערהענהאפטע מענשען, וואס די יעצטיגע ארדנונג האָט פערוואנדעלט אין מיזעראבעלע בעטלער.

אבער דער עולם האָט א קורצען זכרון. ער פערגעסט, מען

לאזט איהם ניט גערדיינקען, און ער צאהלט איצט הויכע פרייזען פאר בילעטען צו בעטראכטען די בעזע גבורה פון זיינע קריזים מאכער: זייערע שלאכט־שיפען און קאנאנען; זייערע מילי־טער און מאטראָזען; יאָ, זייער שווארצען כח אויף ים און יבשה, וועלכער איז געריכטעט געגען זייער נאָהנטסטען שונא, דעם ארבייטער.

אין יענעם יאהר וואלטען אונזערע בעשווערדעלטע געסט פון די פערשיעדענע לענדער געזעהן אן אנדער ניו יארק. איה־רע קינדער האָבען איהר דאן געריסען פאר די פאָלעס און גע־שריען „ברויט"! „עסען"! און זי האָט זיך געמאכט ניט הע־רענדיג...

זייט ניו יארק עקזיסטירט, האָבען איהרע גאסען ניט אזוי געקאָכט מיט מענשען, מיט געסט, אמעריקאנער און אויסלענ־דער, ווי אין די לעצטע עטליכע טעג. מען דארף אָבער ניט קלערען, וועלכער עס איז א פרעמדער און וועלכער א היגער.
מען דערקענט זיי.

די טויזענדע פעררייסענע קעפ צו די זינגער־מאשין־ביל־דינג, מעטראָפּאָליטען לייף אינשורענס בילדינג און צו אנדערע משונה'דיגע וואָלקען־קראצערס, ווייזען די צאָהל פרעמדע אין יענע מקומות.

די אויסגעפּוצטע פענסטער, „שאו ווינדאוס", פון די גרויסע געשעפטען אין בראדוויי, איבערהויפט פון גאלד און יובע־לען־קראָמען זיינען בעלאגערט פון אורחים. די קליינשטעטעל־דיגע אמעריקאנער און פארמערס, וואס זיינען צום ערשטען מאָל אין ניו יארק, שפּארען פשוט דורך מיט די קעפ די פענ־סטער. זיי וואלטען וועלען אללעס איינהאנדלען. זיי ווייסען, אז

דאָ קריגט מען אַלץ „ביליג" און זיי וועלן כאַפּן מציאות... אינעווייניג, אין די קראָמען וואַרט מען מיט אונגעדולד אויף די דאָזיגע קונדען, זיי מיט די „מציאות" מזכה צו זיין.

און נ"ז יאָרק מאַכט דערוויילע ריעזיגע געשעפטען. די ביזנעס־לייט וואָלטען וועלען פאַראַדען אַלע קורצע ווײַלע. זיי פּרעגען שוין, ווען מען וועט מאַכען אַזעלכע פאַראַדנע הזכרות נשמות אַנדערע אַמעריקאַנער גדולים, ווי דעם ערפינדער פון טעלעגראַף, טעלעפאָן, די נעה־מאַשין א. ז. וו. זיי האָבען זיך פאַסמאַקעוועט, די ביזנעס־לייט אונזערע, און פון דער קעשענע'ס שטאַנדפּונקט זיינען זיי פול מיט דאַנקבאַרקייט צו אַלע אַמעריקאַ'ס גרויסע לייט.

האָטעלען און רעסטאָראַנען מאַכען איצט אָב פאַר די שלעכטע צייט פון דעם לעצטען קריזיס און וואָלטען שוין וועלען פאַראיינס אַבמאַכען פאַר דעם קומענדען קריזיס אויך... אויף גרויסע צרות בלייבען נאָר די אַרבייטער, וואָס בייטלען זיך אוים לכבוד די דאָזיגע פאַראַדען ביז א גראָשען און וועלען פאַר גרוים שמחה ניט האָבען אויף דירה־געלד.

און די אַרבייטער־מאַסען זיינען געווען פול אומעטום: אויף די פאַסאַזשיר־שיפען צו זעהן דעם אינטערנאַציאָנאַלען פלאָטען פאַראַד און אויף די אויפגעבויטע גרענדעס — צו בעטראַכטען דעם מאַרש פון די סאָלדאַטען און מאַטראָזען. א סך אידישע פאַמיליען האָבען אַבגעקאַרגט פון סוכות, צו ספּענדען די פאַר טאָלער אויף די פאַראַדען, דען סוכות איז אַלע יאָהר און א האַדסאָן־פולטאָן־פאַראַד איין מאָל אין הונדערטע יאָהרען.

א גרויסע ענטוישונג האָט דער עולם געליטען פון די לופט־רייזענדע. מיליאָנען מענשען האָבען בעלאַגערט דעם בע־

טערי פארק, ארום דעם אמאליגען „קעסטעל גארדען". די מענ־שען־כוואלעס האבען געראוישט מעהר ווי די כוואלעס פון דעם וואסער. גוואלדיגע מחנות מענער, פרויען און קינדער האבען זיך פערזאמעלט ביי די „מויל" פון האדסאן ריווער און האבען מיט קלאפענדע הערצער און זשעדנע אויגען געקוקט אויף גאַ־ווערנאָר'ס איילענד, וואו די צוויי אמעריקאנער לופט־מכשפים, רייט און קורטיס, האבען זיך געזאלט אויפהויבען אין דער הויך אויף די נייעסטע פליענעל פון דער צייט און פליהען איבער'ן האדסאן, אבער עס איז געווען „ניט געשטויענן און ניט גע־פלויגען".

דער ווינד, וועלכער האט ניט צוריקגעהאלטען דאס קלענ־סטע שיפעלע אויפ'ן וואסער, וואו עס האט „געשוויבעלט און געגריבעלט" מיט אלערליי שיפען און שיפלאך, — איז געווען שטארק גענוג צו שרעקען די לופט־שווימער. זיי זיינען ניט גע־פלויגען. דער מענש האט שוין אויסגעפונען א מיטעל צו שי־קען זיין ווארט דורך דער לופטען, איהם אליין אבער וויל נאך די לופט ניט טראגען און ער בלייבט נאך דערווייל א קנאפער בעל הבית אין דער הויך. אונטען איז ער א קיסר, אבער אוי־בען האט ער א פייג צו בעפעהלען, דער קלענסטער ווינטעל מאכט איהם אן „האלד אפ" אין דער הויך און הייסט איהם שטעהן. די פראסטע קראהע איז דארט מעהר יחסן ווי דער גרעסטער ערפינדער.

איך אליין האב זיך אויך געפונען צווישען די ענטוישטע, און אום ניט צו בלייבען מיט „גאר נישט" האב איך בעשטיגען א פאסאזשיר שיף און בין אבגעפאהרען צו זעהן די גרויסע אינטערנאציאנאלע שדים־שורה פון די שטאהלענע פייער

משחיתים, אונזערע טייפעלשע געסט, וואס האבען פארגעשטעלט די שאטען־זייט פון דעם גרויסען פריעדליכען האדסאן־פולטאן יום טוב.

הונדערטע פאסאזשיר־שיפען, פעררים און פריוואט יאכטס, געטריבען פון דאמפף און עלעקטריק, האבען געקישעט אין וואסער פון אלע זייטען, צו בעטראכטען די בעוואפענטע חיות און זייערע מעכטיגע קאנאנען, וואס האלטען אין זייערע מיילער דער וועלטס פריעדען...

זיי זיינען געשטאנען אינגעטיילט מדינות־ווייז: דייטשע, פראנצויזישע, ענגלישע, האללענדישע, איטאליענישע, א. ז. וו. און גאר אויפ'ן רעכטען אויבען־אן, ארויף צום „אפטאון" זייגען געשטאנען אונזערע אייגענע מזיקים: גאנצע וועלטען פון שטאהל, הארמאטען און פאליטיק, וואס זיינען פאר וואשינג־טאן נאך אליין ניט גרויס און פיעל גענוג... פאר דאס געלד פון דיעזע שווימענדע בערג פון פערניכטונג האט מען געקענט בע־זייטיגען צעהן קריזיסען.

אבער ווען איז דאס געלעגען אין זינען?

דער צובאלעוועטער אמעריקאנער האט געקוואלען פון זיין „נייווי", פלאטע, און געקוקט מיט אפערא גלעזער צו וויסען ווי יעדער שיף הייסט, פונקט ווי דאס וואלט איהם פערלייכ־טערט די פרנסה און געהאלפען אויסלייזען פון „פאון שאפ" זיין פער'משכן'טען זייגעריל, אדער בעצאהלען דעם קאסטימער־פעדלער פאר'ן נייעם אנצוג, וואס ער האט געבארגט לכבוד דעם „האדסאן־פולטאן סעלעברייזשען"...

א הויכער, דארער, בלייכער אמעריקאנער אין א נייעם „סוט" קליידער, די הויזען א סך צו קורץ, משמעות, אז דער

פערדלער האָט זיך געפוילט געהן אין סטאָר איבערבייטען... איז געשטאַנען נעבען זיין פרוי און צוויי קינדער, אלע אין נייע קליידער, וואס האָבען ניט געפּאסט, און האָט געקוקט דורך א גלאָז אויף די אמעריקאנער שיפען, אויסרופענדיג אלע ווייל מיט בעגייסטערונג: „מיזורי"! „איידאהא"! „קאנעטיקוט"! א. ז. וו. אבער די הויזען האָבען אלע ניט אויפגעהערט שרייען, אז זיי זיינען טאנדעטנע און האָבען זיך געבעטען רחמים, מען זאָל זיי אויף עטליכע „אינטשעס" אויסציהען, און די רעכטע וועסטעל־קעשענע האָט נעבאך געקלאָגט אויף איהר גאלדענעם נחת, וואס ליעגט ערגעץ ביים „פעטער" אויף די פּאליצע און צעהלט ספירה...

זיך פערטראכטענדיג אויף די לאנגע שורה קריעג שיפען, האָט מען געקענט זעהר פיעל לעהרנען, דען יעדער פלאָטע האָט אינדירעקט פארגעשטעלט דעם כאראקטער פון איהר נאציאָן. עס איז געווען אויסגעדריקט אין שטאָהל און אייזען דער גייסט פון יעדער מדינה און א געאיבטער בליק האָט דאס געקענט אלעם לייכט בעמערקען.

די שעהנסטע, כאָטש ניט די גרעסטע, שיפען זיינען געווען די דייטשע. אלע האָבען זיי געטראגען אויף זיך דעם זיל־בער־ווייסען קאָליר פון „שלום"... זיי זיינען געווען ליכטיג, האָבען געשאינט פון דער ווייטענס, און אויסגעזעהן ווי א לאנגע ליניע שווימענדע, ווייסע גענז. אפילו די ריעזיגע הארמאטען מיט די גרויסע, אפענע העלזער, זיינען געווען ווייס פּאליטורט און האָבען געשאינט מעהר אונשולדיג ווי שרעקליך. אויף אלעם איז געלעגען דער שטעמפעל פון דעם דייטש'ס געדולד, פּינקט־ליכקייט, בעלי בית'שקייט און טיכטיגע אויפמערקזאמקייט.

די „דרעזדען“, די „ברעמען“ און די אנדערע, האָבען געמאכט דעם איינדרוק פון נאאיווע מיידלאך, געקליידעט אין ווייסען, אויסגעריכט און געשיקט אין שוהל פון א בריה א מאמע, וואָס האָט זיי איבערגעקוקט טויזענד מאָל איידער זיי זיינען ארויס פון שטוב... און אנגעזאגט זיי זאלען זיך ניט לאָזען טשעפען פון יונגאטשעס...

אין פלוג האָבען זיי אויסגעזעהן מעהר צום פוץ ווי צום שלאָגען; דאָך די ווייסע הארמאטען, וואס האָבען ארויסגעשטעקט ווי העלפאנט צייהנער, האָבען געוויזען, אז זיי זיינען ניט געמאכט געווארען אויף קאטאָוועס און אז אין דער בעשטימטער צייט וועלען זיי האָבען וואס צו זאגען. צום בעסטען פערשטעהט דאס איצט ענגלאנד און זי „ציטערט“ די דאָזיגע „ווייסע גענז“ ניט צו רייצען, כדי זיי זאלען זיך פלוצלונג ניט פאנאנדער פלוידערען...

א גאנץ אנדער איינדרוק האָבען געמאכט די פראנצויזישע שיפען: געפארבט מיט דעם מוטנע־גראָהען קאָליר פון נערוועזיטעט און אונגעדולד, האָבען זיי ווי געזאגט: „טשעפעט אונז ניט, מיט וועלען ממית׳ן“... נאר אבוואהל די דייטשע שיפען זיינען ליכטיגער, לעבעדיגער, זיינען די פראצויזישע מאָדערנער, פאלשטענדיגער אין זייער טייפעלשקייט און ענטשפרעכען מעהר זייער צוועק.

די ריכטיגע שטימונג, וואס א פלאָטע דארף ארויסרופען, האָבען טאקע ארויסגערופען „דזשאהן בול׳ס“, ענגלאנד׳ס, משחיתים, וואס זיינען געלעגען אויפ׳ן וואסער ווי ווילדע חיות און געווארפען אן אימה און פחד. דער געפאנצערטער לויתן, דער מחבל פון די ימים, די „אינפלעקסיביל“ האָט מיט איהר

ביסטרען קוק געשטעלט אין שאטען אלע איהרע חבר'טעס און קאָנקורענטען. פון דער ווייטען האָט זי אויסגעזעהן ווי א ריע־זינער שווארצער בער, אויסגעשפרייט די לאפּעס צו פאַרצוקען...
פון נאָהנטען האָט זי ארויפגעוואָרפען א קאלטען שוידער אויף יעדען מענשען, וואס האָט איהר ערבליקט. זי איז די פערקער־פערטע גבורה; דער גוואלד; דער אונווידערשטענדליכער אנ־גריעף און דער טראָציגסטער ווידערשטאנד. א שווימענדע־וועזוואוויוס, דער וואלקאן פון די וואָלקאנען, וואס קען פער־שפּייען מיט פייער ניט נאר א שטאדט, נאר א גאנצע מדינה.
ווי רוסלאנד וואלט אויסגעזעהן מיט איהר פלאָטע איפ'ן האָדסאָן, צווישען אזעלכע פייערשפייאיגע בערג, איז שווער צו זאגען, דען אזוי ווי איהרע קריעגס־שיפען געפינען זיך, א דאנק יאפּאן, אין פּאָרט־ארטהור אונטער'ן וואסער, וואו זיי בילדען די מעכטיגסטע „נייוווי" אויפ'ן גרונד ים, האָט רוס־לאנד געגלאנצט מיט איהר אבוועזענהייט, איך האָב איהר ניט בעמערקט.
האָלאנד און איטאליען האָבען זיך אויך ניט געהאט וואס צו שעמען, מיט זייער „סחורה". ווייטער האָבען פערנומען אן ארט די פערשיעדענע פּארעווע פלאָטס פון גרעסערע און קלע־נערע לענדער, וואס האָבען ניט ארויסגערופען קיין געוויין און קיין געלעכטער, און האָבען ניט געטרייסט און ניט געסטרא־שעט.
ווען די לאנגע מיתה משונה־אללע פון די פייער־וואסער געסט האָט זיך געענדיגט, איז ערשיענען אויף דער סצענע דער „פעטער שמואל" אליין, טאטע אונזער „אָנקעל סעם" זאל מאריך ימים ושנים זיין, דער אמת'ער בעל שמחה פון אלע פּא־

ראדען, מיט זיין „ביסעל ארעמקייט“. ער האָט געוויזען די „ציוויליזירטע“ וועלט, אז ער איז בה"ש אויך א מטופל מיט א רעשטיל משהיתים, וואס האלטען פאר איהם „שטאָהל און איי־זען“ און מאכען געפעהרליך איהם צו טשעפּען...

אויב קריעג־שיפען וואָלטען געווען א זאך, מיט וועלכער די דיינקענדע מענשען דארפען זיך בעריהמען; אויב די שטאר־קייט פון א פלאָטע וואָלט געווען דער מאסשטאב פון א מדינה'ס פאָרטשריט, פון איהרע גייסטיגע, עקאָנאָמישע און סאָציאלע גרויסקייטען, דאן וואָלטען מיר, אלס אמעריקאנער בירגער, זיך געהאט מיט וואס איבערצונעהמען און צו שטאלצירען מיט אן אמת, דען דעם „בעסטען“ איינדרוק האָבען געמאכט „אונ־זערע“ שיפען...

די פלאָטע פון די פעראייניגטע שטאאטען בעלאנגט צו דעם ניי'סטען „שניט“ קריעג שיפען, זייער פאסאָן איז אויף א גאנץ אנדער ארט. זיי טראגען אין זיך די „שמר־שטיק“ פון גיהנום'ס „לעצטען זשורנאל“.

זיי זיינען נים אבגעפּוליטורט ווייס ווי קינדערשע צאצ־קעס. אמעריקא האָט זיי נים געמאכט פון חן וועגען, דערויף וועט אונזער אלטער אדמיראל דואי עדות זאָגען... זיי זיינען געמאכט צו בלייבען א ו י פ'ן וואסער און נ י ט א ו נ־ט ע ר ע ן וואסער.

יעדער שיף בעזונדער שפריצט מיט „געניאליטעט“... אמעריקאנער געניאליטעט, וואס מיינט „ביזנעס“... די נייע־סטע זארטען פייער־מאשינען און קאנאָנען־קירעווער זעהט מען כמעט נאר אויף די אמעריקאנער און פראנצויזישע קרעג־שי־פען, וועלכע זיינען כמעט אויף איין אופן געסטראָיעט. די הויי־

כע שטאָהלענע טורעמס אנשטאט מאסט־בוימער זעהט מען אבער נאר אויף די אמעריקאנער שיפען. די ענגלישע שלאכט שיפען און קרייצערס זיינען מעכטיג, אבער אין אויסזעהן „אלט פרענקיש“. זיי שטעהען אויפ׳ן פלאץ געזונד און שטארק מיט געגרייזעלטע פויסטען, בערג מיט שטאהלענע מוסקעלען, אבער דאכט זיך ניט פלינק גענוג זיך א קעהר צו טהאָן, די אמעריקאנער קריעג־שיף איז א גליות הפלשתי מיט די שנעל־קייט און געוואגטקייט פון יא דוד... אן אמעריקאנער בעריהמ־טער פרייז פייטער, א „טשעמפיאָן“. זי איז פרישער, נייער, לעבעדיגער, חוצפה׳דיגער, — רעפובליקאניש...

די „אינפלעקסיבל“ איז געפעהרליך, אבער די „קאנעטי־קוט“ איז אויך ניט קיין „שיפע זיבעטעל“ און די אמעריקא־נער מאָרד פאטריאטען האָבען ניט אומזיסט געשוימט מיט התפעלות, קוקענדיג אויף זייערע „בעשיצער“...

לאנג וועט אמעריקא געדיינקען דיעזע סצענעס און ביל־דער, לאנג וועט איהר נעהן צו חלום דער יחוס פון איהר פלאָ־טע. די, וואס האָבען געזעהן אלע פאראדען און מארשען אויף לאנד און וואסער, און האָבען אויך געהאט דאס גליק צו זעהן ווי די לופט שיף האָט פערדרייט דער סטאטוע דער פרייהייט דעם קאָפּ... און געהערט דעם ווילדען קאָנצערט פון דעם אינ־טערנאציאנאלען קאנאנען־כאָהר, וואס האָט געמאכט ציטערען די אייביגע פאליסאדען ביז אין זייער טיעפסטען פונדאמענט, — יאָ, די יעניגע, וואס האָבען דאס אלץ געזעהן און געהערט, וועלען דאס לאנג ניט פערגעסען און עס וועט דארפען זיין א שרעקליכער קריזיס, דער קומענדער, דאס אויסצומעקען פון זייער זכרון, — און ער וועט דאס טאקע זיין!

סיידען דער עולם זאָל זיך ארומזועהן בעצייטענס; סיידען ער זאל ניט לאזען פערטומלען אין זיך זיין העברעען „איך“, זאָנסט וועלען איהם די דאזיגע הוליאנקעס טייער קאָסטען.

דער האָדסאָן־פולטאָן־יום טוב און די לופט־וועטטען האָבען געווים אין זיך פיעל הערליכעס און ערהאבענעס, אבער דאס פאָלק מוז פון זיי לערנען די ריכטיגע לעקציאָן און זיך ניט לאזען בעטויבען און פערטומלען...

דער נייער סדר

אמעריקאנער נאָטיצען לכבוד פסח.

קום אהער! זעץ זיך אויף דער הסיבה־בעט, שפּאר זיך אָן מעשי מלך און הער זיך איין מיט קאָפּ! אָט דאָס זיינען די „סמנים“ פון דעם אמעריקאנישען „סדר“. היט זיי אָב ווי דיין שווארץ אפּעל און דו וועסט דערגרייכען די העכסטע מדרגה.

* * *

קדש: אויב דו ווילסט זיין אַן אויפּטהוער אין אמעריקא, א „קנאקער“, א מאכער, א פּאָליטיקער און א קהל׳ער, דארפסטו קודם כל קענען מאכען א ברייטען „קידוש“... דאָס הייסט, דו מעגסט מאכען „הבדלה“ אויך... עס שאדט ניט; פערקעהרט, דאָס וועט נאָך ווייזען, אז דו ביסט א הייסער, א ברענענדיגער איד... אָבער דאן מוזטו גוט אכטונג געבען דו זאָלסט ניט פער־שרפה׳ט ווערען פאר התפעלות... אָהן א „קידוש“ אָבער קענסטו זיך ממש ניט א קעהר טאָן, היגע חברה־ברידער האלטען דערפון א עולם ומלאו...

* * *

ורחץ: דארפסט וויסען ווי זיך אָבצוואוואשען מען זאָל ניט דערקענען ווי שמוציג דו ביסט... דארפסט דערצו ניט גע־

ברויכען קיין עקסטרא רייניגונגס־מיטלען, קיין זייף, — קיין גרינע און קיין ווייסע, דו דארפסט זיך נאר אבשווייקען לפנים, גים כלומר'שט אב „נעגעל־וואסער" לויט דעם דין און געווג. וואס דו טהוסט מיט די נעגעל דארף בלייבען דיין סוד... צום „סדר" זאלסטו זיי אבוואשען און מאכען א שווייג...

* * *

כרפס: נעהם א שטיקעל פעטרושקע, טונק דאס איין אין זאלץ־וואסער, מאך א ברכה „בורא פרי האדמה" און עס דאס מיט דער כונה, אז דא איז „הפקר פעטרושקע" און דו האסט אלעמען אין דער אדמה... אהן א „ברכה" זאלסטו קיין זאך און קיינעם נים עסען... מען דארף וויסען, אז דו „עסט" פון גאט'ס וועגען און נים נאר צוליעב דיין אייגענע הנאה... מעגסטו אפילו איינשלינגען די ערד וועט דיך קיינער נים בעד שולדיגען אבי דו שלינגסט מיט א ברכה, דו שלינגסט פאר'ן רבונו של עולם... דאן איז „הפקר פעטרושקע" און דו פייפסט אויף דער וועלט.

* * *

יחץ: טיילען, „ברעכען", מאכען „לחצאין", איבער די העלפט... דאס איז ווי געזאגט „דער קיצור פון אלע קאטשערעס". „א העלפט דיר און א העלפט מיר" איז דער שם המפורש פון אמעריקא'ס אליץ מיט־אנאנדער. „דאס טיילען, דאס טיילען"— ווי פרייליגראט זינגט — איז דא דער עיקר פון הצלחה. זאלסט קיינמאל נים צונעהמען דאס גאנצע פאר זיך אליין, וועסט האד בען געווג, ס'וועט דיר קלעקען. ווען דו וועסט זיך טיילען מיט די, וואס מען דארף. דאן איז גאר ניטא קיין גבול צו דיין „פראס־פעריטי", צו דיין „סאקסעס" אין קאלומבוסעס מדינה. נאד

טירליך, אויב דו קענסט נעהמען מעהר ווי העלפט איז אז וואויל דיר, ווי אין דער הגדה שטעהט: „וכל המרבה... הרי זה משובח“.

* * *

מ ג י ד: דער אמעריקאנער „מגיד“, דער „מטיף“, דער „רעוורענד“, דער רב, דער „ראבבי“ און דער רבי׳ל, זיי זיינען אלע בלאטע חברה־לייט... דארפסט זיך פאר זיי ניט שרעקען. דער דין פון „יחץ“ לויט דעם נייעם „סדר“ גילט ביי זיי אויך... און ארענטליכער, גאטספארכטיגער מגיד בלייבט אין שניפישאק און קרויזשקעט זיך ניט אריבער אין „אנקעל סעם׳ס“ „טרפה׳נע“ ד׳ אמות. זיי ווייסען אז דער היגער מגיד זאגט נאר פאר זיך אליין, ער זאגט ד א ס און ד א ר ט און פאר ד י וואס בע־צאהלען צום בעסטען. פערלאז זיך א בערדעל ביכטו אויך א מגיד. א בערדעל איז א פרנסה, אפטמאל לוינט זיך זי אפילן ניט אויסצוקאמען... זי דערקריכט דאן אליין דארטען, וואו מען דארף איהר... יא, זי קריכט און שלעפט דיך אויך מיט...

* * *

ר ח צ ה: וואש כלומרשט ווידער אב די הענד, דאס מאל מיט מעהר דבקות. זשאלעווע ניט, פליוכע ארויף נאך א קווארט וואסער... פערגלאץ געממזר׳ט די „קוקערס“ צום הימעל־בעט און זאג „שאו ידיכם קודש“... דערמאהן גאטס נאמען, דאס איז א גוואלדיגע סגולה געגען אלע שדים און רוחות רעות... גאט און „יחץ“ זיינען די הויפט כללים פון דעם היגען „סדר“.... האב אין זינען, אז דו דארפסט נאר אבוואשען די הענד ווען דו געהסט עפעס „זאגען“, אבער ניט עפעס ט א ן... דאס הארץ, די מחשבות דארפסטו ניט וואשען, זיי מעגען בלייבען קויטיג,

ברודיג, שווארץ ווי סאפוך, קיינער קען זיי ניט זעהן... די „גראב־לערם" אָבער זיינען מסרים. ווייז ניט, וואָס עס קלעפּט אויף זיי!...

* * *

מוציא: ווארט ניט אויף כבוד און מאך המוציא!...
אויב דו ווערסט לאנג זיצען און קלערען וועט דאָס מאכען אן אנדערער... ניט אלע טאָג איז יום טוב און ניט שטענדיג זיצט מען אויף דעם הסבה־בעט. ווען דו מאכסט „המוציא" טאָ גיעב יעדערען א שטיקעל. אָבער טאקע נאָר א שטיקעל... בעטייל אלעמען מיט א „כזית", מען זאָל ניט קענען זאָגען, אז דו ווילסט קיינעם ניט געבען... די גרעסטע „המוציא" אָבער זאָל בלייבען דיינע... קיינער וועט דיר דאן קיין דעה ניט זאָגען, קענסט ווייזען, אז דו האָסט קיינעם ניט פערטיילט און פאר'ן זיצען און ברעכען די „המוציא'ס" קומט דיר טאקע מעהרער... ביסט ניט מחויב צו „ארבייטען אומזיסט"... אמת, דו האָסט די מצות ניט געבאקען, ניט געהאלטען די „מיירע", ניט געגאסען קיין וואסער, ניט געקנעטען, ניט געוועלגערט, ניט געשטופּעלט, ניט געשיבט; דו האסט זיי אפילו ניט ארויפגעלייגט אויפ'ן טעלער... דו זיצט אָבער אויף דער „הסבה־בעט" און פראוועסט דעם „סדר", ביסט בעל הבית, קומט דיר פיעל דיין הארץ גלוסט...

* * *

מרור: נעהם כלומרשט א שטיקעל חריין; דערצעהל אז דיר איז אויך ביטער; לאָז פאלען עטליכע טרערען; וויין; פערקרים זיך; מאך א מינע! זאָל דער עולם זעהען, אז דיר איז אויך ניט אזוי זיס ווי מען מיינט... אז דו מוזט אויך „וויינען"

אז דו האָסט דיינע צרות. זיי אָבער קיין שוטה און עס זיך ניט אָן מיט ביטערנעס אויף אן אמת... ביטער און פינסטער זאָלסטו מאכען די פרומע, די גלויביגע, די, וואָס האָבען אמונה אין דיין סדר... זיי דערלאנג „חריין“, זיי זאָלען זיך פערקאיכען קאיענ־דיג... זאָל זיי די אויגען ארויסקריכען פון די גריבער ווי די פויסטען, פערשלוקערצען און פערכליאנען זאָלען זיי זיך מיט דער מצוה פון מרור... מאמינים בעקלאָגען זיך ניט. אונזערע עלטערען איז ביטער געווען אין מצרים, זיי האָבען געגעסען מרור ביי פרעה׳ן, דערפאר דארפען זייערע אור־אייניקלאך זיך לאָבען דערמיט אין טשערי סטריט... גיעב, זאָלען זיי זיך ווערגען !...

* * *

כורך: נעהם אויף א ביסעל געריבענע חריין. מען קען ניט שטענדיג קאָרמענען דעם עולם מיט גאנצע שטיקער „מרור“... ווען דו זעהסט, אז די זאך קען ווערען צו ערנסט, אז די ביטערנים פערכאפט שוין דעם אָטהעם, דאן זאָלסטו זיי מכבד זיין מיט „כורך“, מיט דינע, געריבענע, דעליקאטנע שטי־קעלאך, א מין „חזרת“... דאָס הייסט, דו וועסט זיי געבען „חריין“, די זעלביגע מאָס, נאָך אפשר מעהר, אָבער אין אַן אנדער פאָרמע... אמת, עס איז טאקע מרור, ביטער, אז עס קעהרט די גאל, אָבער ניין! עס איז דאָך ניט קיין „מרור“; עס איז „כורך“, שוין גאָר עפּעס אנדערש... די געריבענע חריין, די „כורך“ איז גוט צוליעב נאָך א וויכטיגען ענין, — נעמליך, מען דארף ניט דערצו געברויכען אזוי שטארק די ציינער, עס קען אמאָל ניט לוינען... צייהן דארפסטו אליין האָבען, ווייל דו האָסט מעהר וואָס צו קאיען. דיין „המוציא“ איז א גרעסערע,

היינט סתם דאַרפסטו דאָך פּערענטפערען די „קשיות“, דאָס קען מען נים מים א האַלבען מויל, מען מוז דערצו געברויכען די באַק־ציינער, אַז מען זאָל מורא האָבען די קשיות איבערצופרע־גען... און עס זאָל זיין שא. „עבדים היינו“ און גענוג!...

* * *

שולחן עורך: האָב נים קיין טעות און פערבייט דאָס נים אויף שולחן ערוך! גאָט זאָל שומר ומשמר זיין פאַר אַזא טעות! אָך און וועה קען דיר זיין ווען דו זאָלסט לעבען אין אמעריקא לויט דעם שולחן ערוך... א שענעם פּנים קענסטו האָבען! דאָס איז טרפה און דאָס טאָר מען נים. דאָ מוז מען וואַרטען, דאָרט טאָר מען נים איבערכאַפּען, פאַר דאָס טאָר מען נים איבערנעהמען און צו יענעם טאָר מען זיך נים צורוקען, דער כלל, דו קענסט פיין אויסזעהן... דאָ איז נים שייך טפּפה, דאָ איז אַלץ־דינג כשר, און ווי נאָך כשר! ווי א בן־פּקועה, כשר אָהן א סרחא... מען קען זיך אין אמעריקא, מיש־טיינס געזאָגט, נים מדקדק זיין כחוט השערה. דער נייער „סדר“ פערלאַנגט דאָס נים. דאָס מיינט מען טאַקע פּושט מים די איינ־פאַכסטע פּשטות שולחן עורך, א געגרייטען טיש, די הגדה אַליין מיינט דאָ אויך די קניידלאַך... און דו דאַרפסט דאָס אודאי מיינען...

* * *

צפון: יעצט, ברודערקע, נעהם זיך צום אפיקומן! פערגעס נים, אַז באַלד פון אנפאַנג „סדר“ לערנט מען דיר „ברעכען“. דאָס איז די ערשטע בעדינגונג. „ברעכען“, „טיילען“ אין די נויטיגע מקומות. די גרעסטע טייל געוועהנליך בלייבט

בײַ דיר און ניט אַלץ טײלסטו דאָך, אַ סך בלײַבט דאָך דיר אין גאַנצען איבער... אַ שטיקעל אָבער, אַן „אַפּיקומן“ בעהאַלטסטו פון הינטען. דו זעצט זיך אויף דעם אָרויף און לאָזט קײנעם ניט צו, האָסט דאָס אין דײַן בעזיץ... דער עולם איז פון דעסטװעגען ניט קראַנק אויפ'ן מח גאָר אין גאַנצען. כאָטש דו פערערדכט איהם די צײַהנער מיט נסים ונפלאות, מיט מופתים און יהודה'ס סמנים, קוקט ער דאָך אויף אַלץ, װאָס דו בעזיצט, און ער קװײַנ־קעלט... דו אָבער האָב שכל און פערשטעה דעם סוד פון „אַפּיקומן“: — גיעב אַװעק דאָס, װאָס בײַ דיר בלײַבט איבער פון הינטען און דו ביסט פרײַ פון אַלל־דאָס־בעז... נאָך מעהר, דו װערסט דערמיט אַ גרויסער בעל צדקה און דער עולם בע־לעקט זיך פון דײַנע צדקות.

* * *

ב ר ך: בענש! זאָלסט קײנמאָל ניט פויל זײַן אויף ברכות! די מענשען האָבען ליעב, אַז מען בענשט, מען חנפ'עט. עס מאַכט ניט אויס װעמען — אויב מען בענשט גאָט, זײַ, אָדער אויסגעבאַפּטע פאַרשװינען, װי בעלי טובות, כלל־טוער, רעדעל־פיהרער, דעם רב, אָדער די רביצין... בענש דעם קצב פאַר זײַן פעטע קישקע, דעם בעדער — פאַר זײַן הײסע באָד, דעם שוחט — פאַר זײַן איבערשנײדען די האַלז, דעם קרבן — פאַר מאַכען די קבורה, דעם חזן — פאַר זײַן שענעם „מי שברך“, דעם בית המדרש — פאַר זײַנע שפּינ־װעבס... דעם „ברודער פּרעזידענט“ — פאַר זײַן רונדיגען בײַ־כעל און די װײַבערשע שול — פאַר איהר װײנען צו „לכה דודי“... בענש; בענש אַלעמען! די װעלט האָט פײַנד, אַז מען

שילט, מען בריקעט, מען איז אונצופריעדען, מען בייזערט זיך, מען זוכט חסרונות און מען קריטיקירט. בענש, אלץ און אלע־מען און מען וועט זיך בענשען מיט דיר...

* * *

ה ל ל: זאָג הלל! לויב און זינג מען זאָל מאקע זעהען און הערען, אז דו ביסט צופריעדען מיט דער השגחה. דען אויב דו זאָלסט זיך פיהרען לויט די סמנים פון דעם נייעם „סדר“ וועסטו ניט האָבען קיין גרונט פאר אונצופריעדענהייט. וועסט לעבען „כמלך בגדוד“ ווי א הונד אין קראָפּאָווע. דו וועסט זיין מיט אלעמען „קוטשוניו מוטשוניו, לייבעלע טייבעלע קאָטינקע“. וועסט זיין מיט אלעמען שלום, יאָ, שלום נאָך מיט א „סמיטשיק, אריבער“. וועסט זיין אלעמענס פריינד, אלעמענס אָבגאָט, אלע־מענס ברכה. מען וועט דיר זינגען דעם שענעם פסח׳דיגען פזמון „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב“... און דו וועסט מאקע זיין א א „ריעל עסטייטניק“ אויפ׳ן ברייטען אופן. אלע וועלען דיר ווינשען געזונד און אורך ימים און דו וועסט דאָס האָבען. דען פון וואָס זאָלסטו אייגענטליך קריינקען? פארוואָס זאָלסטו ניט האָבען קיין אויסגעצויגענע יאָהרען, אז קיין זאך ארט דיך ניט, קיין זאך טשעפּעט דיך ניט, אלץ איז גוט און וואויל, גלייך ווי א שטעקען און פונקט ווי געשאָסען? קיין וועלט־שמערץ קענסטו דאָך ניט האָבען סיידען דו זאָלסט קריעגען א פּיפּעץ אויפ׳ן צונג, א היהנער אויג אויפ׳ן סאמע עלענבויגען, א ראק אויפ׳ן פּלייצע, צוקער קראנקהייט, נירען־טראָבעל אָדער ליעבעס יסורים... אלזאָ, זינג הלל אויפ׳ן בייךקול.

* * *

נ ר צ ה : אויב דו ווערסט אזוי טאָן, אזוי האנדלען ווי מען הייסט דיר, ווי אמעריקא וויל, וועט דיין סדר בעוויליגט ווערען. דיין נאָמען וועט צוקלינגען ווי א תיפלה־גלאָק, דיין שם וועט זיך צוטראָגען ווי דער געשמאקער רויך פון א האוואנא ציגאר אין די נאָזלעכער פון א ניו יאָרקער „סאלון קיפער“. דו ווערסט זיין דער פּאָרזיצענדער, און פּאָרשטעהער פון אלע פערזאמלונ־גען, פון אלע אסיפות און אונטערהאלטונגען, ביי ארבייטער פ ר י י נ ד און ארבייטער פ י י נ ד. ביי אָרטאָדאָקסען, אָק־סען און אפיקורסים, ביי מיידלאך און מיידען, ווייבלאך און ווייבער, אלמנות, גרושות און עגונות, מיט איין וואָרט, ביי אלע מענשען און אונמענשען... דו ווערסט זיך פרעהען ביי'ם לעבען און אויסשמשירען די צייהן פאר געלעכטער נאָכ'ן טויט, ווערסט האָבען די גרעסטע לויה... עס ווערען דיך מלוה זיין אידען, אי־דעלאך, „אידישע קינדער“ און „יאהודים“... שוהלען און שוהלכ־לאך, קלויזען און קלייזלאך און לאָזשען. מען וועט דיך מספּיד זיין אויף זשארגאָן, אויף אידיש, אויף מאמע־לשון, אויף טייט־שעס, אויף דייטש, אויף האָכדייטש, אויף פּלאט דייטש, און אויף פור פלאט, אויף ענגליש, רוסיש און טאָטעריש, אויף אנארכיסטיש, סאָציאליסטיש, ציוניסטיש, טערריטאָריאליסטיש, פועל'יסטיש, בונדיסטיש און „עס“ „עס“ איסטיש „ונאמר לפניו שירה חדשה הללויה“...

ערב פסח

קאמישע און טראגישע בילדער.

ערב פסח אין אידישען קווארטאל.
גוטע צייטען, שלעכטע צייטען, יום טוב איז יום טוב, בפרט נאך אזא ליעבהארציגער גאסט ווי דער „יום חרותינו“, וואס קומט צו אונז העט, אזש פון מצרים...

עס איז פשוט ניטא איין לוקסוס־זאך אויף דער וועלט, וואס זאל זיין צופיעל פאר איהם. פון חרוסת ביז די אויבער־שטע פון פעטרושקע; פון ציבעלע ביז דער „זרוע“ און פון „חזרת“ ביז — אלץ קען ער צוקייען און פערדייען.

א צו שענער יום טוב איז פסח מען זאל איהם אב׳פטר׳ען מיט „שיהע פיהע“, מען זאל זיך פאר איהם ניט אינטערעסירען, איהם ניט פערזארגען מיט די ריכטיגע כיבוד און די אידישע גאסען זיינען טאקע דערפאר לעבעדיג. מען שניידט מיירעס און מען „שניידט זיך א קריעה“, מען באקט מצה און מען באקט חובות אום צו שאפען דאס נויטיגע. עס פלאגען זיך די מענער און עס טומלען זיך די ווייבער, פון קעלער ביז׳ן אויבער־שטיבעל שטייגען די הכנות און יעדעס טענעמענט־הויז שמעקט מיט פסח...

איבערהויפט זיינען בעשעפטיגט די ליוועראנטען פון אי־

דישקיים און כשרות, די פּאַדריאַטשיקעס פון דער כנסת ישראל, וואָס שטעלען צו פאר אידען אלע גוטע זאכען, פון וועלכע די שכינה סמאקעוועט זיך, וואָס שאפען דעם עולם אלל־דאָס־גוטס און זיך — געשוואָלענע פּיס קריכענדיג אויף די עטאזשען מיט פסח'דיגע פּראָדוקטען, שלעפּענדיג די פּלעשער „שליוואָוויטץ" און טאָרבעס מצה־מעהל איבער גאסען און טרעפּען.

דאָס זיינען סוחרים, וואָס קוקען ניט שטארק אויף מזומן, יא „קעש", ניט „קעש", אבי פערקויפט, נישקשה, מען וועט זיי שוין בעצאָהלען, אויב ניט איצט, וועלען זיי קריגען דאָס זייעריגע נאָך סוכות שוין אין איינעם מיט'ן געהאלט פאר אתרוג־בענשען.

און זעהר אינטערעסאנטע טיפּען זיינען זיי, אָט די בראַנ־פען און מצה־טרעגער אונזערע. גאָר א סך גלגולים האָבען זיי געמוזט דורכמאכען ביז זיי זיינען געקומען צו זייער יעצטיגע מדרגה. יעדער איינער פון אָט די „הענדלער" האָט זיין פּנקס מיט ביטערע, קלאָגעדיגע מעשיות.

זיי זיינען אמאָל געווען „טייז", מיט גאָר א גרויסע בע־דייטונג אין דעם קאָרטען־שפּיעל פון לעבען. זיי זיינען כמעט אלע „געוועזענע", מיט אן אינטערעסאנטע פערגאנגענהייט פון „דער היים". אין מאנכע פון זיי ליעגט נאָך דער אמאָליגער גביר, דער פיינער בריה, דער דאָזאָרצע, דער סוחר, דער בעל־הבית'שער לײדיג געהער, דער זײדענער יונגער מאנטשיק פון דער „אלטער וועלט", וואָס האָט „גאָר ניט אויסגעפיהרט" און האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך א בולקע פון דער אנדער זייט ים ביז העסטער שטראסע.

א טהייל פון די פסח־פּעדלערס זיינען אלטע, אויסגעדריענ־

טע אפעריטאָרס, בייסטערס און פרעסערס, וואָס האָבען פער־
לאָרען לייב און לעבען אין די שעפּער און פערקויפען יעצט
אידישקייט אויף „אינסטאָלמענטס“, אויף וואָכער און קלעטערען
אויף די שטיגען צו זעהען ווי הויך זיי האָבען זיך ארויפגע־
ארבייט...

אמת, אין ניו יאָרק ווארפט זיך ניט דער ערב פסח אזוי
שטארק אין די אויגען ווי אין ליטא, פוילען און גאליציען:
מען כשר'ט ניט אויפ'ן שול־הויף קיין כלים; מען שלעפּט ניט
די כוסות טובל'ען צום טייך; עס גיסט זיך ניט קיין פסח'דיגע
וואסער אין די רינעס און מען ווייסט ניט קיין פענדלאך אויף
דערויסען, דערפאר אָבער איז דאָס א פערדרייעניש; א דריקע־
ניש און א שטיקעניש אין די ענגע, טאבאק־פושקעדיגע „רומ־
קעס“, וואו די טאטעס מיט די מאמעס, מיט די קינדער און
קינדס־קינדער, און לאָזשערס, און שכנים ראַיען זיך ווי פליעגען
אין א קידוש־גלעזעל.

אָט שטעהט א אידענע מיט א פערשמירט פנים און שטעלט
איבער די בעט לכבוד פסח... דעם לאָזשערס מאטראץ וואלגערט
זיך אויפ'ן מיטען שטוב, א קינד פּלושקעט זיך מיט ביידע הענט־
לעך אין די פסח'דיגע ראָסעל, אויפ'ן אויווען קאָכט זיך דאָס
מעד און לאָזט א פארע ווי אין א מרחץ. די אייגענע קינדער
מיט די קינדער פון „יענער שטוב“ שפּרינגען איבער די הינקע־
דיגע ביינקלאך, איין אינגעל מעסט אָן דעם טאטענ'ס שבת'דיגען
צילינדער און א מיידעלע קרימט זיך געגען שפּיעגעל אין דער
באָבע'ס יום טוב'דיגען טשעפּעק... א אידענע פון „יענער שטוב“
שטעהט און זויגט א קינד און בערעדט די „ווייבעל פון אויבען“,
די „הויזקיפּערקע“ קומט זיך צוזאגען ביז אין „פראָנט־רום“ מיט

קללות און א בעזים נאָכ'ן עלטערען אינגעל, דעם „לויפער“, דער שמש פון דער חברה שטעהט מיט אן אויפגעמישט ביכעל און מאָנט פאר א מפטיר... און אן אלטער, יאדושליוועער מלמד — מאָנט שכר לימוד... א פעדלער זוכט דוקא צו פערקויפען א „כשר'ן ראָג“ אָהן שעטנז אויף פסח... און א בראנפען־איד האלט אין דעליווערען די הייליגע סחורה. אין מיטען דערינען קומט דער מאן פון שאפ און ברייננט מיט זיך א „גרינעם“ לאנדסמאן אויף וועטשערע. ניט געפינענדיג קיין שטוהל, גיט זיך דער „גרינער“ א זעץ אוועק אויף דעם פעקעל מצה, וואָס איז געלע־נען אריבערגעדעקט מיט א לייל־אך אויף אן אייער־קעסטעל, און צוברעכט זיי רוק און לענד און לאָזט זיי ניט איבער קיין גאנ־צען גליעד אפילו אויף איין המוציא.

ניט קיין קליינע טהעטיגקייט זעהט מען אין דעם גאלי־ציאנער קווארטאל. צווישען די אמת'ע פרומאקעס, די חסידים, וועלכע פראווען אן ערב פסח פאר זיך און מישען זיך כמעט גאָר ניט מיט די מתנגדים, אין יענעם עולם קטן פון געגרייזעלטע פאות און „יצמח פורקן'ס“ באקט מען מצה אין עקסטרא אוי־וועגס פון כשר'ע שטיינער, מען קנעט די טייג אין יארמולקעס און ביי יעדער מיירע זינגט מען הלל, פונקט ווי אין פיפטשי־ליאיעווע אדער דריגישקעניץ.

א גרויסער מסחר געהט אָן ביי די אידישע מוכרי ספרים. עס איז א הו־הא ביי די פסח'דיגע ליטעראטור. די הגדות פלי־העז פון די פּאַליצעס, ווי די וואָראָבייטשיקעס, דער „חכם“ פון „מה נשתנה“ שטעהט מיט דעם פערדרייטען גמרא־פינגער און קלעהרט אויף דעם „תם“, דעם „רשע“ און דעם „שאינו יודע לשאול“, וואָס ווייסען ניט פון זייערע הענד און פיס צו זאָגען

פאר וואָס ריווינגטאָן סטריט און טשערי סטריט פרייען זיך... וואָס עס איז פאר א בייזע הוליאנקע אויף חיים דעם סלעק־אפערייטער און וואָס פיטשע ריטשע דער קאפען־מאכער פרייט זיך מיט דעם אמאָליגען יציאת מצרים... ווען אידען זיינען נאָך געגאנגען גאָר אָהן היטלען...

א זעלטענעם יריד שטעלען פאָר די שטופּ־וועגעלאך, די „פּוש־קארט" פּעדלער מיט זייערע „קראָמען" אונטער'ן נאקע־טען הימעל, וואו מען קען קריגען פון א שטיקעל חריין ביז א „באָרדער"... און פון א קנעפּעל ביז א „רעווערענד", דען מאנכע פון די, וואָס פּעדלען ביי טאָג זיינען מסדר קרושין ביי נאכט... א גרויס אויסכאפעניש איז אויף די יום טוב'דיגע רעשטלאך, די „רעמנענטס", וואָס ווערען פערקויפט צו די „רעמנענטס", די רעשטלאך פון דער געזעלשאפט, די „לעצטע פון בענשען" וואָס נעהרען זיך, שוכען זיך און קליידען זיך מיט די איבערגעבלי־בענע, מיט דעם אָפּפאל, וואָס טויג נאָר אויף ארויסצואווארפען. א סך אָרימע מאמעס פּוצען אויס זייער קליינוואַרג אויף פּסח מיט די דאָזיגע רעשטלאך, וואָס ווערען צונויפגעקויפט „ביליג" אין די אָפּענע „געוועלבען" אויף די רינשטאָקען פון דעם אידי־שען קווארטאל.

איינע פון די אומעטיגע בילדער פון ערב פּסח זיינען די ארבייטסלאָזע אידישע ארבייטער, וואָס שלעפּען זיך אום ווי שאָטענס איבער די גאסען און קוקען אריין מיט גלעזערנע אויגען אין די אויסגעפּוצטע פענסטער פון די קראָמען. זיי קוקען אויף די שענע קליידער, פיינע קאפּעלושען, לאקירטע שיך, רייכע זייגערס און ציערונג, מאָדנע אויבער־העמדער, און קראוואטען, און שלייפען, און שפּאציער־שטעקענס... זיי קוקען אויף די מצה־

געשעפטען, ווייןֿהאנדלונגען און הונדערטער פערשיעדענע זאַ־
כען לכבוד פסח און פריהלינג, און עס דאכט זיך זיי, אז זיי
זעהען דאָס אלץ ווי אין חלום...

די קונים־שלעפער, די „פולערס־אין“, וואָס שטעהען פאר
די טהירען פון די אלערהאנדיגע אידישע געשעפטען, שלעפען
זיי פאר די ארבעל און רופען:

— מיסטער, א שענעם סוט אויף יום טוב!

— מיסטער, פיינע העמס!

— מיסטער, פרעכטיגע קינדער־קליידער!

— מיסטער, א לעבעדיגען פארלאָר־סעט!

— מיסטער... מי.... ס...ט...

יאָ, מיסט! דאָס איז אלעס. דאָס איז, וואָס זיין ווייב
און קינדער טראָגען אויף זיך. מיסט איז זיין מעבעל, מיסט
זיין שפייז, מיסט זיינע אויסזיכטען אויף יום טוב, מיסט זיין
„יום חרותינו“ און מיסט זיינע האָפנונגען!

און אזוי געהענדיג און קוקענדיג מיט טריבע בליקען, קומט
ער צו דער „פּאָן שאפ“, דעם בלוטיגען „לאָמבארד“ און דער־
קענט צווישען די פער׳משכן׳טע זאכען זיין שער און זיין טלית...

ערב פסח אין אידישען קווארטאל!...

דריי דורות

גאַר אמאָל, אמאָל פלעגט מען „לויפען“ נאָך אמעריקא; אין א היבשע צייט שפּעטער — איז מען „גענגאַנ־גען“ נאָך אמעריקא און יעצט — „פאָהרט“ מען נאָך אמעריקא.

דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד!

די, וואָס זיינען מיט יאָהרען צוריק אנטלאָפען נאָך אמע־ריקא, זיינען שוין כמעט קיינער ניטאָ מעהר, בלויז זייערע קינ־דער און קינדס־קינדער שפּיעלען יעצט א ראָלע אלס רייכע אמעריקאנער יהודים, אלס יחסנים... זיי איז מעהרסטענס גאנץ גוט און זיי קוקען אראָב אויף דער „איסט־סייד“ מיט א מיק־ראָסקאָפּ... די, וואָס זיינען נעבאָך „גענגאַנגען“ נאָך אמעריקא, יאָ, ג ע ג א נ ג ע ן, ווייל דער שיקזאל און די פערפאָלגונג האָט זיי געטריעבען פון דער היים ניט געבענדיג גענוג הוצאות הדרך — די מענשען זיינען נאָך כמעט אלע פאראן. זיי זיי־נען דאָס די יעניגע, וואָס האָבען דאָ אויסגעפּלאָסטערט א וועג פאר אידישעם וויסען, אידישע זשורנאליסטיק און אידישע קונסט. פון די, וואָס זיינען ג ע ג א נ ג ע ן נאָך אמעריקא, זיינען ניט אלע גליקליך. פיעלע, זעהר פיעלע זיינען געפאלען אויפ'ן שלאַכטפעלד פון חיונה און פּראָגרעס, און פיעלע זיינען

געבליעבען הענגען אין דער לופטען אהין א פעסטען בארען אונ־טער זייערע מיערע פיס.

די ,וואס זיינען דא נעקומען צו „לויפען" האבען זיך גע־טויגט אנצוזאמלען עשירות אויף פערשיעדענע אופנים, ווי זיי זיינען דאס געוואוינט געוועזען צו טאן אין זייער היים. פון וואנען זיי האבען געמוזט אנטלויפען אום ניט מיאוס ארייצופא־לען... אבער די, וואס זיינען דא געקומען צו „געהן", האבען גע־מוזט קעמפפען, ביטער, זעהר ביטער, אום צו עקזיסטירען.

גאנץ אנדערש איז מיט די, וואס קומען יעצט צו פ א ה־ר ע ן נאך אמעריקא. די צונויף „געפאהרענע" קומען שוין דא אויף אלעם פארטיגען. זיי ווייסען ניט און ווילען גאר ניט ווי־סען וואס עס איז פריהער געוועזען. זיי הויבען גלייך אן זיך צו מישען און זאגען דעות. זיי ווילען ניט אנערקענען מיט דאנק־בארקייט דאס, וואס מען האט דא אויפגעטאן פון זייערטוועג־גען און נעהמען זיך גלייך בלאזען און „בריקענען", פונקט ווי זיי וואלטען געהאלפען עפעס אויפבויען, עפעס שאפען. עס איז זיכער, אז אין פערלויף פון די קומענדע דורות וועלען די דריי קאטעגאריעס עמיגראנטען זיך אזוי פערמישען, אז מען וועט ניט מעהר ווייסען „ווער איז ווער", דערווייל אבער זיינען די „געלאפענע", „געגאנגענע" און „געפאהרענע" דריי גאנץ בעזונ־דערע קלאסען.

די „אנטלאפענע" האבען זיך ארויפגערוקט אין די הויכע מקומות פון דער „וועסט־סייד" און אין די עלעגאנטע ערטער פון די איסט, די „געגאנגענע" שארען זיך אויף ביסלעכווייז אוועק פון „העסטער" מיט איהרע שוועסטער און די „געפאה־רענע" בלייבען אלס מעהר און מעהר די זעלבסטהערשער פון

דער איסט סייד, פון דער זאַגענאַנטער „גהעטאָ". די „צונויפגע־פאַהרענע" געפינען שוין דאָ פאַרטיגע צייטונגען; פאַרטיגע יוניאָנס; פאַרטיגע טהעאַטערע; פאַרטיגע לאַדזשען, חברות, פעראיינען, סאָסייעטיס, האָספּיטעלער, קערפּערשאַפטען און אינסטיטוציעס פון פערשיעדענע כאַראַקטערע. דיעזע לעצטע און נייע עמיגראַנטען פאַנגען דאָס גלייך אָן צו ניצען און נאָכ־מעהר — צו קריטיקירען! זיי ווייסען ניט וויפיעל בלוט און שוויס, וויפיעל מארך און מיה און לעבענס עס האָט געקאָסט דאָס אַלעס צו שאַפען אין אַ פרעמדען לאַנד אונטער די ערגסטע אומשטענדען.

דיעזע נייע איינוואַנדערער אינטערעסירען זיך גאָר ניט מיט דער געשיכטע פון דער „איסט־סייד", מיט די פיעלע קרבנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אויפ'ן אַלטאַר פון דעם אידישען פאָרטשריט אין דער נייער וועלט. זיי כאַפּען זיך צו צו דעם ווי צו זייער אייגענע און האָבען צומאָל קיין גוט וואָרט פאַר זייערע פאָרגענגער.

ביז יעצט האָט מען פון דער איסט סייד גאָר ניט געהערט, קוים איז זי אָבער געוואָרען פראָמינענט, קוים האָבען מענשען מיט מסירות נפש גרוים געמאַכט דעם אידישען נאָמען, קומען די „אַנטלאָפענע" און בעטען אַ חלק אנערקענונג. זיי זאָגען אַז דאָס אַלעס איז געשעהען אין זייער זכות, אַז זייער ליכט האָט עס אויף אונז משפיע געווען פון אויבען אַראָב... און מאַנ־כע נייע „גרינהאָרנס" בני בלי שם, ווען עס האָט נאָך גאָר דער בויך ניט וועה געטאָן אויף אַמעריקאַ, האָבען גאָר די חוצפה צו קומען אונז לערנען און אויפקלערען און שימפּפען מיט די שענדליכסטע ווערטער. מיר האָבען זיך מקריב געווען

זיינט לאנגע יאָהרען פאר דעם פאָלק, מיר האָבען איהם גע־שאפען א אויסגעבריימעטע און א ערשטע קלאסע זשורנאליס־טיק, מיר האָבען פערפאסט ביכער און האָבען דאָס אלעס גע־שאפען אין ארמקייט און אין עלענד, קעמפפענדיג מיט הונגער און פערצווייפלונג און די, וואָס זאמלען די פרוכט פון אונזער בלוטיגע פראצע קוקען זיך צומאָל ניט אום אויף אונז.

מילא די יחסנים פון „אָפטאון", די קנאקער פון דער גאָל־דענער גהעטאָ האָבען שוין ביסלאכווייז אויסגעפונען, אז מיר ווילען זיי ניט אנערקענען אלס שותפים אין דער מעשה בראשית פון אונזערע גייסטיגע שעפפונגען, מיר האָבען זיי געגעבען צו פערשטעהן, אז מיר זיינען אונזערע אייגענע בעלי בתים, יעצט בלייבט אונז נאָר צו דערמאָהנען די נייע אראָבגעפאָה־רענע, אז זיי זאָלען ניט פערגעסען זייערע בראווע פּיאָנערען. עס קומען יעצט אריבער מאנכע אויפגעבלאָזענע משכילים און סתם אידען מיט פרעטענזיעס און בלאָזען זיך און מאכען זיך א פוריע נעגען די אלטע קעמפפער פון דעם אידישען פראָגרעס אין דעם קווארטאל פון אידען. דיעזע משכילים דארפען ציהען די הוט פאר די, וואָס האָבען דאָ אויסגעפלאסטערט א וועג פון זייערט וועגען.

יעדע אידישע בלאט פון דער „איסט סייד" האָט איהר ליידענס־געשיכטע, און יעדער שרייבער, וואָס פערדיענט יעצט אויף ברויט, האָט יאָהרענלאנג געהונגערט. יעדער יוניאָן האָט א רעקאָרד מיט בלוטיגע סצענעס, מיט טרערענפאָלע און יאָ־מערענדע געשיכטען און יעדער אידישער שוישפּיעלער, וואָס טראָגט א דימענטענע שפּילקע און א גאָלדענעם זייגער, האָט לאנגע צייטען געשטריטען מיט'ן שיקזאל און נעפאָכטען פאר

א לעבען. יערע ו ו א ה ר ע אידישע פּאָעזי אין דעם גלות־לשון, וואָס איז געדיכטעט געוואָרען אין די דומפּפע טענעמענט געביידען פון אידישען קווארטאל, טראָגט אויף זיך דעם שטעמ־פּעל פון אויפאָפּפערונג און יערעס לעהר־בוך, וואָס דאָ איז פערפאסט געוואָרען, צו לערנען דעם גרינגעם די שפּראַך פון דער מדינה, איז א מצבה נאָך א שטיק פערלאָרענעם לעבען.

די אויפטוער פון אָט די אלע גוטע זאכען אין דער „איסט־סייד" ציהען זיך לאנגזאם אָבער זיכער צוריק, זיי זיינען מיעד געוואָרען. נאָך א קורצע צייט און זייער טהעטיגקייט וועט אי־בערגענומען ווערען פון אנדערע, פון איינגערע הענד. באלד שטארבט דער ערשטער פיערטעל יאָהר־הונדערט פון מיהע און מאטערנים, פון אונאונטערבראָכענע קעמפּפע. איהר, נייע אמע־ריקאנער, איהר „אָנגעפּאָהרענע", פערגעסט ניט אייערע מו־טיגע פאָרגענגער! פערגעסט ניט וואָס מיר האָבען געטאָן פאר אייך! בלאָזט זיך ניט! קוקט אויף דאָס גוטע, וואס איהר גע־פינט דאָ מיט רעספּעקט. וואָס מיר גיבען אייך איבער, עס מעג אפילו זיין ניט אין גאנצען ניט פאָלשטענדיג, דאָך לאָזט זיך עס זעהען, אָבער וואָס איהר וועט ווייטער טאָן דאָס קען מען ניט וויסען.

רעספּעקט פאר די מארטירער פון דער „איסט־סייד"! בוינט דעם קאָפּ פאר א אונשטערבליכען פערטעל יאָהרהונ־דערט!

די גהעטאָ אין די קעטסקילס

אידישע גערטנער מיט פאות'ן. — „פּאַרמערס" זיינען מגייר די בערג. — אַ דאָרער אַלל־רייטניק געהט זוכען אַפּעטיט. — — „שיני מאונטיינס" און חיים־משה לייק. — דער גלות און דיא מאָגענס.

מיט א רעכט ביסעל יאָהרען צוריק, ווען אין באָיאָרד סטריט פלעגען וואקסען אידישע בערד און אין איסט בראָדוויי פלעגען נאָך וואקסען בוימער; ווען אין מאָטט סטריט פלעגט מען בלאָזען שופר. און אין גרענד סטריט פלעגט מען ניט פערשטעהן קיין זשארגאָן; ווען אין פאָרסייטה סטריט האָט מען שוין געגומען פערלען מיט ציצית און אין טשעררי סטריט איז נאָך געווען קליין אירלאנד; ווען אין קריסטי סטריט פלעגט מען נאָך מצרף זיין א בלעך־פעדלער צום מנין און אין דער „ערשטער עוועניו" פלעגט מען נאָך מאכען א ברכה איבער אן אפּרייטער ברוך משנה הבריות; ווען אונזערע אידישע נרויסע נבירים האָבען נאָך געקנאקט... ניסלאַך... אין אייראָפּא און אידישע „יום־טוב בלעטער" פלעגט מען נאָך ניט נעברויכען פאר „אשר־יצר" פּאפּיער — מיט איין וואָרט, נאָר אמאָל, אמאָל,

האָט מען ניט גע׳חלום׳ט, אז אידען זאָלען זיך שפּרייטען ביז איבער סענטראַל פּארק און די קעטסקיל בערג זאָלען ווערען א פּאַרטזועצונג צו העסטער סטריט...

יעצט ווען איהר ווילט בעשרייבען דעם ניו יאָרקער אידי־שען קוואַרטאַל, מוזט איהר האָבען אין זינען סאָלליוואַן קאונטי, גרין קאונטי און האָלסטער קאָונטי, דען עס דאַרף נעהמען א געאיבטעס אויג צו דערקענען דעם אונטערשיעד פון סענטער־וויל, פּאַרקסוויל און בראָנזוויל...

דער איד האָט גענומען נקמה פון די גוים דערפאַר, וואָס זיי פלעגען ניט וועלען האַלטען קיין אידישע לאָזשערס, ער האָט אָבגעקויפט זייערע פאַרמס און האָט זיי מגייר געווען. די גערט־נער איז אויסגעוואַקסען פּאות און די בוימער האָט מען מל גע־ווען... און אויף די פעלדער וועט טאַקע יעצט זיין מעהר גערע־טענים אויך, ווייל קיין מיסט פעהלט ניט ביי אידען... די ניו יאָרקער אידישע זומער־לאָזשערס גיבען זיך די גרעסטע מיהע צו פערמיסטיגען אלע געגענדען ארום...

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער וועט מען ווירקליך ניט וויסען וועלכע בערג עס זיינען גרעסער, די בערג מיסט אָדער די קעטס־קיל בערג און איך האָב שטאַרק מורא, אז מען וועט מוזען מאַ־כען א נייע געאָגראַפישע קארטע פון דעם שטאַאט ניו יאָרק.

בנוגע צו רעגען וועט מען זיך אויך ניט דאַרפען זאָרגען. וועט עס רעגענען איז רעכט, ווען ניט וועלען אידען מאַכען זייער אייגענע „אירריגיישאָן" אָנצוטרינקען די פעלדער, דאָס הייסט זיי מאַכען דאָס ש ו י ן... זיי בעגיסען די ערד מיט נעגעל־וואַסער, מיט מים אחרונים און מיט מי רגלים... מען

גיסט דאָס דורך די פענסטער פון די אידישע „פּאַרמס" פון די אידישע לאָזשינג־הייזער און אידישע האָטעלען.

עס איז אין גרונד גענומען א גרויסע נפקא מינה צווישען ניו יאָרק און די קעטסקילס. אין ניו יאָרק, למשל, שטעהען די הייזער אין שטאָדט און דאָ שטעהען זיי אין דרויסען... מען ז ע ה ט, אז זיי שטעהען אין דרויסען, דאָס ליידיגע פּלאַץ ארום ווייזט דאָס אייך. דאָך ווילען די כשר'ע אידישע האָטעלען, אי־בערהויפּט די זומער־לאָזשערס, אַבלייקענען דעם פאקט, זיי שטריינגען זיך אָן צו געבען די בערג די זעלבע צורה ווי עסעקס סטריט און מען מוז מודה זיין, אז דאָס געלינגט זיי...

יאָ, די קעטסקילס ווערען מיט דער צייט בעלאנגען אין גאנצען צו אחינו בני ישראל, פּונקט ווי וואודביין... די קריסט־ליכע פארמס ווערען ביסלאכווייז אָבגעקויפט פון אידישע שניי־דער און מלמדים. קריסטען, וואָס האָבען פריוואט זומער־פּלע־צער אין די נאכבארשאפט פון ליבערטי אָדער אנדערע מקומות, נאָהענט פון אידישע לאָזשינג־הייזער, זיינען מקריב זייערע טייערע געביידען פאר א קלייניגקייט און אנטלויפען פון דארטען. זיי לויפען פון זייערע אידישע שכנים, פון די יאדושליוועס, דו־כאָוויצנע און שווינדזוכטיגע דאטשניקעס און פון די שטאָלצע, גראָבע יונגענדיגע און אויגען־אויפרייסענדע אויפגעקומענע, און עס ווערט נים לאנג דויערען ווערט מען דאָ נים אָנזעהן קיין גוי אויף א רפואה. די אנטיסעמיטען האָבען ש ו י ן אָנגעהויבען צו בעליידיגען די קעטסקילס און רופען זיי פאר כעס די „ש י נ י מ א ו נ ט י י נ ס". א אידישער פארמער האָט פאר מיר גע־שוואָרען, אז ער האָט דאָס אליין געהערט... שען איז אָבער ווי די אידען אליין גיבען די אַלטע פּלעצער אידישע נעמען. אָט

למשל רופען זיי דעם בעקאַנטען זומער פּלאַץ קאַמישאַ לייק „חיים משה לייק“ לויט די „משה'ס“ און די „חיים'ס“ וואָס קו־מען דאָרט...

ערשט יעצט פערשטעהט איך אָבער פאַרוואָס אידען זיינען אַן אייביג פאָלק. זיי זיינען באמת טאַקע א סך שטאַרקער ווי די נאַטור, דען אין דער נאַטור איז אַ גרויסער אונטערשייד צווי־שען ניו יאָרק און די קעטסקילס: דאָ איז די ערד פּיעל העכער, די לופט פרישער, דאָס קלימאַט — געזונדער, אידען אָבער זיי־נען אַלץ די אייגענע אין ריווינגטאָן סט. ווי אין מאַונטיין־דייל, אין קעלער ווי אויף די בערג, צייט און אָרט איז זיי ניט משנה...

ווען מען פאָהרט פון ניו יאָרק מיט די אייזענבאַהן, וואָס פיהרט נאָך די בערגיגע געגענדען, מוז מען נתפעל ווערען פון די ריעזיגע צאָהל אידישע פּאַסאַזשירען; מענער, פרויען און קינדער, יונגע און אַלטע; יאַרמולקע אידען, געגאָלטע אידען, אָנגעבלאָזענע אידען און אָבגעבלאָזענע אידען... ווייבער פון כל המינים: אין שייטלעך, אין האָרבענדער, אין הים מיט שטראַוס־פעדערען און מיט אונטערגעבונדענע קאָפּ־טיכלעך.

אלע פערלאָזען ניו יאָרק.

עס איז אַ מאַסען אויסוואַנדערונג. אידען איז מיאוס גע־וואָרען די ענגע, פערשטיקטע גאַסען, זיי האָבען ניט אייביג אַזוי געלעבט, זיי זיינען אמאָל ערד אַרבייטער, אקער בויער געוועזען. די הייליגע זומער־צייט וועקט זיי אויף פון גלות. דער פויגעל רופט, די גרינע בייטען ווינקען, אַ נעפּיהל פון דעם גאָלדענעם „פאַרצייטען“ וואַכט אויף און ציהט העט ווייט, ווייט אין

פרייען, דער פערוואָגעלטער יתום קערט זיך אום ווידער צו דער מוטער נאטור...

אך, ווי שען עס פאנטאזירט זיך!

אין אמת'ן אָבער פאָהרט מען אויף די בערג עסען...

די לופט איז שטארק פערשטיקט אין שטאָדט,
מען קען ניט לייבט פערדייחען,
נו, מילא, איז פאראן א גאָט,
מען פאָהרט אין קאונטרי קאָיען.

זאל גרינען באַרג, זאל גרינען טהאָל,
דעם זומערס אינטערעסען —
דאס האָט אונז אלץ געפרייט אַמאָל,
יעצט פאָהרען מיר נאָר עסען.

דער בוים שמעקט אָן, די גראָז איז פריש,
די זונן שיינט העל און העלער,
דאָך אונז ליעגט נאָר אין זינען „טיש"
און בערג מיט פוללע טעלער.

און פראָבע אויפ'ן עסען פאנגט מען שוין אָן צו מאכען באלד אויף די אייזענבאהנען. פלוצלינג, „ווי נאָט מיט אונז" פאנגען אָן קריכען בייגעל פון די קעשענעס, קאָרענע קוכען מיט באנאנעס.

די גענעראל פראָבע ווערט געמאכט. עס ערשיינען אייער מיט זענעפט, געבראָטענע פופקעס, קעזלעך מיט זויערע אוגער־קעס... „פינאטס" מיט „קאָרנד ביעף" און קאלוואריער „ספאָנדזש קייק" מיט נערויכערטע פלאָנדרעס.

דאָס פערמעסט מען זיך שוין אויף די פאַרמס, מען וועט זיך אָברעכענען מיט זיי...

איך געדיינק ווען איך בין געפאָהרען נאָך די קעטסקילס איז געזעסען נעבען מיר א דאר, לאַנג אידעל ווי א חסידישע פאה, ער איז אָבער געווען אן אויפגעקומענער, ער האָט גע־טראָגען א פאנאמא הוט מיט א גאָלדענעם זייגער. ער האָט געקוקט מיט א פּאָר הונגעריגע, זשעדנע אויגען אויף די בערג און האָט געקיימט נאכלעסיג א הארטע איי. זיין שפּיציג בערדיל האָט זיך געשאָקעלט און עס זיינען פון איהר געפאלען ווייסע קערנער זאלץ... ע ר פאָהרט דאָס פעט ווערען אין די בערג און לערנט זיך דערווייל עסען...

— דאָרט מוז מען האָבען אפּעטיט — האָט זיך דאָס אי־דעל געוואונדערט צו מיר ווייזענדיג אויף די בערג.

— יאָ, די בערג זיינען ערהאבען, זייער פּראכט איז ניט צו בעשרייבען.

— אָבער עס הונגערט, אז מען קומט דאָרט? — האָט זיך מיין שכן ווידער געבעטען מיט רחמנות.

— די בערג ציהען זיך מיט קארגע אונטערברעכונגען דורך ניו יאָרק, ניו דזשוירסי, פּענסילווייניא און ווירדזשיניא. אין ניו יאָרק סטייט הייסען זיי די קעטסקילס, אין ניו דזשוירסי רופט מען זיי די „בלו רידזש“ אין פּענסילווייניא הייסען זיי די „אללעגייני מאונטיינס“...

— און אומעטום פאָהרען זומער לאָזשערם זיך אָבבאפען? האָט דאָס אידעל געפרעגט קאלופּענדיג פון באָרד שטיקלעך נעלכיל און וואָרפענדיג פערטראכטערהייט ביי מיר אויפ'ן ראָק.

— דאָס זיינען נאָך ניט די העכסטע בערג, די „ראקקי

מאונטיינס" פון קאָלאָראַדאָ זיינען פיעל העכער. אמעריקא האָט בערג וואָס הויבען זיך אויף פיערצעהן טויזענד פוס איבער די אויבערפלעכע פון ים.

— דאָרטען מוזען דאָס מענשען אריינעסען אין זיך — האָט זיך מיין דארער באהנ־קאמעראד דערפרייט.

— און די אדיראָנדייקס זיינען אויך ניט אוועקצומאכען מיט די הענד. אין יענע בערג געפינען זיך נאָך פערשיעדענע ווילדע חיות, דער פרעזידענט רוזוועלט פאָהרט דאָרט שיסען בערען...

דאָס אידעל איז אנשוויגען געוואָרען. מיינע ערקלערונגען האָבען איהם, זעהט זיך, ניט שטארק אינטערעסירט. דער קאָנדוקטאָר האָט דערוויל אויסגעשריען „ליבערטי!" „ליבערטי!"

ווען איך האָב זיך א כאפּ געטאָן האָב איך געזעהן, אז דער עולם איז אונטער דער צייט ניט געזעסען ליידיג. מען האָט געמאכט פּראָבע מיט אלע קליפּערלאך. אויף די ביינק פון די וואָגאָנען און אויף די דילען האָט אויסגעזעהן ווי נאָך א שלאכט. ביינער און ביינדלאך, שטיקלאך פליישׁ, אייער־שאָלעכץ, באַנאנא־שאָלעכץ, אָרענדזש־שאָלעכץ, פּינאטס־שאָלעכץ, ציבעלע־שאָלעכץ, שטיקער אידישע צייטונגען נעל פערפּיאטשקעט א הלשות... „יונידא ביסקיטס" און פערשיעדענע פּאפּירענע אויסגעליידיגטע קעסטלאך... אין מיטען — א פערבלאָנדזשעטע ווינדעלע, וואָס א קינד האָט פערלאָרען... א יארמולקע פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס.

איך בין אריין אין ליבערטע א פערוואונדערטער, וועלכע מאָגענס דער גלות האָט עס אויסגעארביים ביי אידען!

אין „טייפעל'ס קיך"

די פערפאלענים אין די בערג.

שוין א פּאָר טעג ווי מאנכע זומער־געסט פון מעננערסוויל, אין די קעטסקילל בערג, קלייבען זיך צו פאהרען אין „טייפעל'ס קיך" („דעווילס קיטשען") און ווילען דוקא איך זאל מיט זיי מיטפאהרען. אין אנפאנג האָב איך קיין חשק ניט געהאט; איך האָב סתם ניט געקענט גלויבען, אז עס גיבט א טייפעל'ס קיך אויסער ניו יארק. ווען מען האָט זיך אבער שטארק אנגעטשעפּעט אָן מיר, האָב איך איינגעוויליגט.

געגעסען די ביטערע געריכטען פון לעבען, די פערשיע־דענסטע סם־המות־פּאטראוועס פון שיקאַל, האָב איך שוין גענוג אויף אט דער זינדיגער ערד; מיין הארץ איז פול, אי־בערפול מיט דעם קלעמענדען חלשות פון די ווילדעסטע שדים־מאכלים; איך האָב נאך אבער קיינמאָל ניט געזעהן די קיך, וואו דער טייפעל קאָכט זיי... א מאָדנע קוריאזיטעט האָט מיך דערפאר ארומגענומען דעם ארט צו בעזוכען.

פארוואס דעם טייפעל'ס קיך זאל זיך גראד געפינען נע־בען מענערסוויללע, איינער פון די פּרעכטיגסטע פּלעזשור־פּלע־צער פון זומער אין די קעטסקיללס, האָב איך מיך ניט גע־

וואונדערט. איך ווייס, אז וואו פערגניעגן, דארט איז זינד, און וואו זינד — דארט איז דער טייפעל.

דאָך ניט אלע זינדיגען אין די בערג. איך בין בלויז גע־קומען צו דער נאַטור צו גאסט.

קראנק, שוואך און אויסגעמאטערט פון ציוויליזאציאָן׳ס פאָלטער־קאמער: דאָס אַמעריקאנישע לעבען, בין איך ווי א שטיפקינד פערשעהמט, מיט צוריקגעהאלטענ־קייט, ווי א פרעמדער, ארומגעגאנגען אויף מוטער ערד׳ס שמעקענדיגע דילען.

איך האָב ניט מעהר געפיהלט, אז איך בין ביי זיך אין דערהיים... אז איך בין געקומען צו דער מאמע־נאַטור צו גאסט.

צובראכען בין איך פון שטאדט אוועק און א געבראכענער אין גייסט און קערפער האָב איך געקוקט אויף די צויבער־סצענעס, די ערנסטע ערהאבענהייט און הייליגע תמימות פון די גראנדיעזע בערג.

כמעט א וואָך איז פערגאנגען ביז איך האָב אנגעהויבען צו בעגרייפען, אז איך בין אליין מיט גאָט; ביז דער פער־טויבענדער טומעל פון די צובושעוועטע, שטאדטישע גאסען האָט מיר אויפגעהערט הוזשען אין די אויערען; ביז מיין אויסגעניכטערטער בליק האָט דערזעהן די גאנצע הערליכקייט פון דעם נעבענשטען געגענד, וואס האָט מיך געטראַגען אין זיין קוויקענדען בוזים ווי א נרינגער, דופטיגער חלום.

„מארגען וועל איך געהן זעהן דעם טייפעל׳ס קיך״, האָב איך דעם גאנצען טאָג געטראַכט און אלערהאנדיגע, משונה־

דינע בילדער האָבען זיך געוועבט און געמאָלען אין מיינע גע־דאנקען.

די היץ פון טאג איז געלעגען שווער און מיעד אויף די ארומיגע בערג און האָט זיי איינגעוויקעלט אין א מאטען שלייער פון א פּאַפּיליאטען קאָליר. די זונענפּיילען, וואס האָבען פריי און אונגעשטערט געשאסען אין די טהאלען, האָבען זיך צובראכען אָן די מעכטיגע שפּיצען פון די ריזען־בערג און זיך פערלאָרען אין זייערע געדיכטע וועלדער.

אומעטום איז געווען דער הימעל טיעף בלוי ווי א שטי־לער, פער׳חלום׳טער ים. קיין וואָלקען־וועלל האָט זיך גע־ריהרט אין דעם פערוויעגטען אָקעאן פון לאזורע; קיין אינזעל פלעק האָט זיך אויף זיין ווייטען, אויסגעשפּרייטען רוים ניט געפונען. די בערג האָבען ארייגעגלאָצט גלייך אין די בלוי־קייט אריין און פארנאכט זיינען זיי ארייגעוואקסען אין די הימלען. די פייערדיגע זונן האָט אויסגעגאסען איהר פלאמענ־דעם אבענד־בלוט אין א ווייטען וואלד־בארג און האָט זיך פערלאשען.

א קופּערנער לייב האָט אויסגעשפּרייט זיינע וואָלקען־גרויבע לאַפּעס איבער׳ן דונקעלען האָריזאָנט, ארייגלאזענדיג זיינע באכמאטנע גרויע נעגעל אין די שווארצע קאָלטענעס פון א דערשראקענעם בעוואקסענעם בארג. אביסעל שפּעטער איז פון אונטער אן איינגעשלאָפענעם וואלד אויס׳ן איינזאמען ברעג פון הימעל ארויסגעשוואומען די לבנה. איך האָב גע־ווארט, ווען זי איז געשטאנען איבער׳ן הויז, וואו איך האָב געוואהנט, האָב איך געזאגט „גוט נאכט“. האָב אנגעטרויט מיין נשמת דעם בערג־גייסט און אונטער די איינטאניגע מוזיק

פון דעם גריל'ס א סערענאדע אונטער מיין פענסטער, האָב איך מיעד און לאנגזאם איינגעשלאָפען.

אויפגעשטאנען בין איך גלייך מיט'ן מאָרגענשטער־ען, ווען די טהאָלען האָבען מקריב געווען זייער מארגען־קטורת צו די בערג. א ווייסער, דין־זיידענער רויך איז ארויפגעשטיגען אין דער לופטען און האָט צוגעדעקט די שלאָפעדיגע פארם הייזער, ווילּלאס און האָטלען. די גאנצע ערד איז די געבענ־שטע פייער־פאהן געווען, פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגען דער ריינער, קלאָהרער אטהעם פון די דרימלענדע פעלדער צו דער יונגער מאָרגענליכט, ווי א שטילע נשמה־תפילה.

עס האט ניט לאנג געדויערט און די זונן האָט אנגעצונדען די קרוין פון די בערגער. א פאָלקערדיגע שטעג איבער די הויכע געווילדען האָט אנגעקינדיגט איהר קומען. דער ווייסער נעבעל איז צורונען און דורך זיין אויסגעוועבטען טויל האָט דורכגעברענט דער פייערדיגער פנים פון דעם טאג'ס אנגע־פאהרענע קעניגין.

אביסעל ווייטער אין טאג אריין האָט דאס געשטראשעט מיט רעגען. ווייט אין די בערג האָט טאקע, דאכט זיך, גערע־גענט. מחנות פער'חושך'טע כמארעס, קליינע און גרויסע, האָבען זיך ארומגעשלעפט ווי גלות אידען, אהן א בעשטימטען וועג, איבער די בערג און אונטער די בערג, זיך טרעפענדיג אין דער בלאָנדזשענדיגער וויסטענים מיט מאנכע שווער־פליע־געלדיגע בארג־פויגעל, וואס זיינען ווי לופט־יתומים נעפלויגען וויינענדיג איבער די וועלדער און זיך פערלארען אין די וואָל־קענס.

דער טאג איז עפעס ווי געמאכט געווארען אויף בעשטע־

לונג פאר א רייזע צום טייפעל'ס קיך. ארום האלבען טאָג־ צייט אבער האָט זיך דאס אביסעל אויסגעלייטערט. דער הימעל איז ריינער געווארען, און איך בין מיט א פריינד אוועקגע־ פאהרען זעהן דעם פיעל בעשפּראכענעם אָרט.

מיין פריינד האָט דעם פערד ניט געטריעבען. מיר האָ־ בען גענומען די פולע געלעגענהייט די וואונדערבארע לאנד־ שאפטען אויפמערקזאם צו בעטראכטען. וואו דער בליק איז נאר געפאלען האָט ער זיך אבגעשלאגען אן א בארג. פוןביידע זייטען וועג האָבען זיך געפונען האָטעלען, שעהנע פּריוואט ווילאס פון רייכע שטאָדט־לייט און איינפאכע פארם הייז־ לאך, וואס האָבען פון אויסענווייניג געשיינט צו זיין שטילע נעסטען פון צופריעדענהייט...

איך בין מקנא געווען די ערד ארבייטער אויף דיזם גרי־ נעם באָדען, וואס האָבען דא און דארט אין גערטנער און סע־ דער געטהאן זייער ניצליכע מלאכה. אויב זיי האָבען מיר, דעם „פלעזשור זוכער", אויך מקנא געווען קען איך מיר ניט פאר־ שטעלען. מיר זיינען אלץ געפאהרען בארג ארויף, דורך שטור־ מע פערפלאָנטערטע וועלדער, אין וועלכע עס האָט נאך אפשר קיין מענשען־פוס ניט געטרעטען. אויסגעריסענע בוימער און בוימלאך זיינען געלעגען מיט די ווארצלען ארויף איינגעדרייט איינע אין די אנדערע, פונקט ווי דער טייפעל וואָלט דארט ארייננעשטעקט די האנד און אויסגעמישט דעם געדיכטען וואלד ווי א טאָפּ.

ענדליך זיינען מיר נעקומען אויף א זעהר ווילדע הויך. פון דער ווייטענס איז געשטאנען א קליין בודקעלע פון ברעטער און קאָרע, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריע־

בען א שורה ענגליש „דעם טייפעל'ס קיך בעצאהלט 10 סענט און געהט דאס זעהן". איך האב מיך דערויף ניט געוואונדערט. איך וויס, אז געשעפט געהט געארעמט מיט'ן טייפעל...

מיר האבען בעצאהלט, זיינען דורכגעגאנגען דאס קליינע בודקע־טהירעל און געבליבען שטעהן פערגאפט און פערצייטערט, מיין פריינד האט נאך אויסגערעדט די ווערטער „שרעקליך", „א גוואלד אין דער וועלט", „שוידערליך", מיר האט אבער אבגענומען דאס לשון. א ווילדער פחד האט אויסגעפיללט מיין גאנצע זעעלע. קיין מורמעל איז איבער מיינע ליפען געקומען, די אימה פון טוידט האט זיי פערזיגעלט.

איך האב זיך פלוצלונג געפונען אויפ'ן רעכטען זוים פון א העלישען אבגרונד, וואס האט גערוישט און געשראקען דורך שרייעדיגע וואסער־פאלען, וועלכע האבען זיך געשליידערט פון א דריי טויזענד פוסיגע הויך אין א שווארצען, פינסטערען, טייפעלשען תהום אריין.

די העכסטע פעלזען־בערג זיינען געשטאנען מיט אויפגעריסענע בייכער, זייערע דומפפע שטיינערנע גנדערים זיינען ווילד געהאנגען איבער'ן אבגרונד. פון זייער צושמעטערטע אינגעווייד האבען זיך געגאסען מורא'דיגע שטראמען אין א מאוים'דיגע, אונטערשטע פערפאלענים. איך האב פארגעסען, אז עס איז טאג; פארגעסען, אז עס איז דא א הימעל, א זונן, גרינע פעלדער, בלומען, שמייכלענדע קינדער, שעהנע פרויען, מוזיק, קונסט, לעבען — א וועלט! האב אלץ פערגעסען.

איך בין געוועזן אין טייפעל'ס קיך.

איבער'ן רעכטען מיטען פון די אונבעשרייבליכע פערפאלענים, צווישען איין אפענעם בארג־בויך צו א צווייטען,

איז געווען א שמאלער הילצערנער בריקעל מיט דינע ריטעל־דיגע פארענטשעס און א וועג פון צוויי ברעטלאך האט צו דיע־זען בריקעל געפיהרט.

צומישט, נישט וויסענדיג וואס איך טהו, בין איך אויף דעם בריקעל ארויף געשווידערט. ער איז קוים געווען ברייט גענוג פאר מיר און פאר א מויז, וואס האט גאנץ פאוואליע געשפרייזט איבער די גוואלדיגע טיעפענים, ניט מורא האבענ־דיג פאר מיר... הינטען איז נאכגעגאנגען מיין פריינד און מיך צוגעהאלטען מיט זיינע שטארקע הענד, איך זאל זיך פאר גרויס אויפרעגונג ניט אראבווארפען אין די פערזונקענהייט. אבער אויך דאן האב איך ניט געוואגט א בליק צוטהאן פון אויבען אראב, אום ניט צו פערלירען דעם פערשטאנד. בלויז פון א זייט האב איך האסטיג א ווארף געטהאן א פער'גנב'־עטען קוק און האב באלד פערמאכט די אויגען. די פיס זיינען מיר פול געווארען מיט שפילקעס. איך בין צוויי מאל אריבער דעם בריקעל: אהין און צוריק.

דורכגעהענדיג די ביידעל, בלויז עטליכע טריט פון טהי־רעל, פאנגט זיך אן א זיג־זאג שורה מיט קליינע, שמאלע היל־צערנע טרעפלאך, וואס ציהען זיך דורך סכנות נפשות, איבער אבגרונטען, דורך דעם בעהאלטענעם שוים פון א נאסען הענ־געדיגען פעלזען, פון אויבען ביז גאר, גאר אונטען אין דער רעכטער פערשוואונדענהייט. איך בין ארונטערגעגאנגען א פופ־ציג טרעפלאך און האב זיך געמוזט צוריקקעהרען. דער קאפ האט מיר געשווינדעלט און דאס הארץ געקלאפט ווי מיט האמערען.

פאנטאזיעס פון טוידט און אייביגע פערגעסענהייט הא־

בען זיך אין מיין צושראקענעם מח געשפונען. איבער מיר האָבען געלויערט די פינסטערע צושפּאַלטענע בערג און אונטער מיר האָט געגענעצט דער קאַלטער אבגרונד. אין דעם גערויש פון די צודרוזגעטע וואסערען האָב איך געהערט די קולות פון גייסטער און מכשפות, די רחמנות'דיגע יללות פון שולדיגע נשמות און דעם טויטליכען געלעכטער פון טייפעל, וואס האָט דומפּף און קאַלט אַרױפגעדונערט פון תהום אן האָט זיך פערלאָרען אין די געפּאַלמעסטע בייכער פון די פעלזען. גלגולים, שפּוקען און ווילקאַלאַקעס האָבען זיך געדרייט אין די פאַלענדע טייכען דורך די צוריסענע, שטיינערנע מילצען פון די אלטע בערג, די זקנים פון די קעטסקילס.

ערשט ארױפקומענדיג צוריק אין דער הויך בין איך געבליבען איבערראשט דערזועהענדיג, אז עס איז נאָך דאָ א וועלט, אז עס איז פאַראַן א בלויער הימעל און א שאַינענדיגע זונן. נעבען דער בודקע זיינען געשטאַנען נייע געסט, פריש געקומענע צו זעהן דעם טייפל'ס קיך.

דעם שטעקען'ס יום-טוב

עס איז פונקט א פערטעל טויזענד יאהר זייט אידען האבען זיך בעזעצט אין אמעריקא; זייט יעקב'ס איינקלאך זיינען צום ערשטען מאל געשטאנען שמונה עשרי צווי־שען אינדיאנער און געלייענט קריעת שמע אויף א רוהיגען מאטראץ.

דאס זיינען ניט געווען די ע ר ש ט ע אידען, וואס האבען בעטראכטען אט דעם באדען... עס איז בעוויעזען געווארען שווארץ אויף וויים, אז אידען האבען נאך געהאלפען קאלאמבוס'ען ע נ ט ד ע ק ע ן אמעריקא, און אז דער איינפאל אבצוקויפען פון די אינדיאנער א מיליאן תחום שבת'ן לאנד פאר א בינטעל פא־טשורקעס, איז אויך געווען א אידישער...

סיי ווי סיי, צו מיר האבען ענטדעקט אמעריקא צו ניט, זיכער איז דאס, אז אמעריקא האט אונז ג ע ו ו י ס ענטדעקט. ערשט אין דער ריינער, הייליגער לופט פון דער געפונענער וועלט האט דער איד געהאט די גאלדענע געלעגענהייט צו ווייזען וואס ער איז און וואס ער קען און מען ווייס שוין ווער מיר זיינען...

דער יום טוב פון די אידישע איינוואנדערונג.

מערקווירדיג, ווי די הויפט בעלי־שמחה פון דעם דאזיגען יום טוב זיינען די דייטשע אידען! דער הויפט פאראד פון דעם

יובילעאום איז אין זייערע טעמפלען און זייערע אינסטיטוציאָנען. דער שכל דערפון איז אפילו זעהר פשוט און ליגט פון אויבען אויף.

אזוי ווי די דייטשע אידען האָבען געהאט די עהרע, אז מען זאָל זיי טרייבען פון דייטשלאנד מיט 250 יאָהר פריהער ווי די אידען פון רוסלאנד, זיינען זיי טאקע די יחסנים, איז דאָס זייער יובילעאום, זייער שמחה מעהר ווי אונזערע. ביי אידען צעהלט זיך דער סדר היחוס לויט די שלעפעריי, לויט ווער עס האָט פריהער גענומען די טאָרבע מיט'ן שטעקען, און די ערשטע שלעפער זיינען געווען די דייטשען. נאטירליך, זיינען זייערע טאָרבעס אונטער דער צייט אויסגעוואקסען אין זעקלאך, אין געלד זעקלאך, מען מעג זאָגען אין געלד־זעק, יעצט איז דאָס זייער אמעריקא. און זיי פרייען זיך טאקע.

דער אידישער יחוס איז דער אידישער שטעקען.

דער ערשטער איד, דער פאָטער פון דער אידישער געשיכטע איז דער, וואָס האָט זיך דער ערשטער געמוזט אוועקלאָזען אין דער וועלט אריין, דער ערשטער, וואָס האָט זיך געדארפט אָבגעזעגענען מיט זיין פאטערלאנד און מיט אלץ, וואָס איהם איז ליעב און טייער און נעהמען דעם שטעקען.

דער שטעקען איז ביי אידען די הייליגסטע זאך אין דער וועלט און לויט ווי „די חכמים זאָגען", איז ער אזוי אלט ווי די וועלט, דען ער איז, ווי די מויל פון בלעם'ס עזעל, א קונסטווערק פון די מעשי־בראשית. אָהן דעם אידישען שטעקען וואָלט די וועלט ניט געקאָנטשעט געווען...

דער ערשטער האָט איהם, נעבאך, געמוזט נעמען אדם

הראשון און אויסוואנדערען פון גן עדן, דערפאר וואָס ער האָט פערזוכט פון „עץ הדעת“, — טאקע דערפון גופא דרינג איך, אז אדם איז געווען א איד, ווייל נאָר דער איד מוז שטענדיג וואנדערען צוליעב זיין וויסען, צוליעב זיין נאשען פון „עץ הדעת“, — שפּעטער האָט גענומען דעם שטעקען אונזער טאטע אברהם'ל און אויך צוליעב זיין וויסען. אזוי איז זיך דער אידישער שטעקען איבערגעגאנגען בירושה פון איד צו איד ביז ער איז געקומען אין מעקלענבורג, האמבורג, מאגדענבורג, שטראסבורג און לימבורג... ביז ער איז געקומען אהער, וואו ער איז דער הויפּט־יחסן פון דעם אידישען יובילעאום ביי די רייכע יהודים....

דער אידישער שטעקען איז דעם אידען'ס איינציגער אָב־שפּאָר אין לעבען און דער איינציגער אינסטרומענט מיט וועל־כען, ער, דער איד, ניט דער שטעקען, קען מאכען אלערליי קונ־צען און דריידלאך. דער איד מאכט מיט זיין שטעקען אלע געריכטען, פונקט ווי דער יענקי מיט זיינע פאטייטאָס און דער בינעזער מיט זיינע רייז. איהר קענט זיך מעסטען מיט אלץ אין דער וועלט, נאָר ניט מיט'ן אידישען שטעקען. ער ארביים מיט זיין שטעקען ווי דער אויסטראליער ווילד־מענש מיט זיין „בו־מעראנג“, ער ווארפט איהם און טרעפט וועמען ער וויל, און דער שטעקען קומט ווידער צוריק ביים ווארפער אין די הענד...

זעהענדיג אז זיין איינציגע האָפנונג ליעגט נאָר אין זיין שטעקען, האָט זיך דער איד אויסגעלערנט איהם צו געברויכען אויף פערשיעדענע אופנים: יעקב האָט אָבגענארט דעם אלטען לבן הרמאי מיט שטעקלאך, משה האָט געשפּאָלטען דעם ים מיט'ן שטעקען און האָט שפּעטער געצוואונגען מיט'ן שטעקען

דעם שטיין ער זאָל געבען וואסער, — וואסער איז דאָס איינ־
ציגע וואָס מען קען ארויסקריגען פון א שטיינערנע הארץ אפילו
ווען מען געברויכט א שטעקען — ביי אהרן הכהן האָט זיך דער
שטעקען פלוצלונג פאנאנדערגעבליהט און עס האָט אויף איהם
אָנגעהויבען צו וואקסען מאנדלען...

פון פריסטער איז נאטירליך קיין ראיה ניט צו נעמען, ווייל
ביי זיי געשעהט שטענדיג ניסים. די פריסטער האָבען אימער
געבענשטע שטעקענס, וואָס ברייגנען זיי אלע גוטע זאכען.
זייערע הייליגע שטעקענס בליהען און וואקסען און קוועלען, אז
עס איז א ליעבער נחת צו קוקען...

איידער דער אידישער שטעקען איז אָבער בעקאנט געוואָ־
רען האָבען די פריסטער, איך מיין די פריסטער פון די אומות
העולם, אין איהם א גרויסען טעות געהאט. זיי האָבען איהם
געהאלטען פאר א שלימזל'ניק ביז זיי האָבען זיך איבערצייגט,
אז מיט א אידישען שטעקען שפיעלט מען זיך אויך ניט...

ווי דום פרעה'ס פריסטער זיינען דאָס געווען, אז זיי האָ־
בען געוואָלט ווייזען א אידען א קונץ מיט א שטעקען, ווי דום
איז דער פרעה אליין געווען, אז ער האָט דעם כח פון דעם אידי־
שען שטעקען ניט פערשטאנען, און ווי דום זיינען די יעצטיגע
פרעה'ס אז זיי קענען נאָך דעם אלטען היסטאָרישען שטעקען
ניט און זוכען איהם צו רייצען און צו טשעפען...

איך קוק אויף דעם יעצטיגען פערטעל טויזענדיגען אידי־
שען יובילעאום אין אמעריקא און טראכט מיר: „דאָס איז דער
יום טוב פון אידישען שטעקען, עס איז פונקט 250 יאָהר ווי דער
וואנדערער שטאב, אָדער בעסער געזאָגט, דער וואונדער־
שטאב, האָט געבראכט דעם אייביגען וואונדערבארען וואנדע־

דער אויף א נייעם וועג פון לעבען. די, וואס זיינען טאקע וערטהה דעם שטעקען מיט אן אמת, זיינען די אפטאונער, די דייטשע אידען... אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, ער בלייבט נאך ניט אפטאון, אסור חזיר, אויב ער בלייבט דארט... די אמת'ע יחסנים אין אמעריקא, די ג י י ס ט י ג ע יחסנים זיינען די, וואס נוטצען דעם שטעקען א י צ ט... דער רוסישער איד האט דא אויפגעטאן אין 50 יאהר מעהר ווי דער דייטשער יהודי אין 250. אמת טאקע, מיר האבען נאך ניט אזוי פיעל באנקיע־רען, פראצענטניקעס און בערזען־מאקלער, דערפאר אבער האבען מיר א גייסטיגען פערמעגען, וואס איז טייערער פון מיליאנען. שווער איז נאר צו זאגען וואו דער אידישער שטעקען וועט נאך מגולגל ווערען. וויפיעל היגד ער וועט נאך דארפען שלאגען, ווי־פיעל מאל ער וועט זיך נאך דארפען פערוואנדלען אין א שלאנג און נאכדעם וויעדער אין א שטעקען...

שטעקען און שלאנג, שלאנג און שטעקען, דאס איז די אל־טע אייביגע מעשה'לע וואס ווערט איבערגע'חזר'ט יעדעס יאהר מיט מעהר פרישקייט. לאמיר אבער האפען, אז מיר וועלען דא ענדליך קענען מאכען פון שטעקען א וואלגער־האלץ, אדער א טייטעל פאר דער קאנסטיטושען, אבי מיר זאלען ניט דארפען וייטער געהן...

נאטירליך זיינען מיר נאך ניט לאנג גענוג אין אונזער ענטדעקטע מדינה, אז מיר זאלען איהר שוין קענען זעהן אן אבגעדעקטע, מיט איהר פולע, אפענע געשטאלט, ווי מיר האבען געזעהן יענע מדינות, וואו מיר האבען געהאט די עהרע לאנג צו זיצען. אמעריקא האט נאך דערווייל'ע אליין ניט קיין פנים, עס איז דערפאר שווער צו זאגען אויב מ י ר האבען שוין א

צורה. אמעריקא איז נאָך ניט קיין „בוגרת“ און מען קען ניט וויסען ווי זי וועט אויסזעהן ווען זי וועט מינדיג זיין...

רוים איז געוואָרען א געפאלענע פרוי, שפאניען האָט זיך פערקויפט צום טייפעל, פראנקרייך איז אויסגעוואקסען א חצופה, דייטשלאנד איז א פערפודערטע קאָקעטקע, ענגלאנד איז געוואָרען א מיסיאָנערקע, וואָס לערנט דער וועלט זאָגען פאטשירעס אין רוסלאנד — יאָ, רוסלאנד דארף נאָך ערשט ווידער געבאָרען ווערען.

עס איז דער יובילעאום פון אונזער איינוואנדערונג נאָך אמעריקא; עס איז פרעהלאך, דאָך ניט ווילענדיג זינגט זיך:

שטעקען, דו מיין אלטער שטעקען,
וועלכער וויים מיין יעדער גאנג,
וועלכער קען אין צייט פון שרעקען
זיך פערוואנדלען אין א שלאנג...
זאָג, מיין אַלטער פריינד, ביז וואַנען,
אָ, ביז וואנען איז דער שיעור?
זאָג, אויב איך וועל אויך פון דאנען
ווען עס איז נאָך געהן מיט דיר?